STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03691

# DER BLUTIGER SHPAS

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום־עליכם.

# דער בלוטיגער שפּאַס.

אַ אויסערגעוועהנליכער ראָמאַן
אין צוויי טייל.

אַלע ווערק פון
שלום-עליכם
16,17-טער באַנד.

געדרוקט דורך פערלאַג „פּראָגרעס", וואַרשא.

פערקויף ביי פערלאַגס-געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא.

וואַרשא — תרע"ו — 1915

# ערשטע טייל, צווייטעס בוך.

## דאָס פיעראונפערציגסטע קאַפּיטעל.

## אַנ׳ערב־יום-טוב׳דיגער וויזיט.

דוד שפּיראָ איז, ווי מיר ווייסען, איבערהויפּט אַ גיכער פּאַרשוין, וואָס טוט אַלסדינג בחפזון׳דיג, אויף איין פוס, ובפרט נאָך, אַז ס׳איז ערב פסח, און מע בעדאַרף געהן אין שוהל, און דאָ האָט דער שוואַרץ יאָהר געבראַכט צוטראָגען די געסט (פּאָליציע) — האָט ער זיך גאָר איינגאַנצען פערלוירען. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ער האָט שוין לאַנג פערשפּעטיגט, חאָטש אין דער אמת׳ן איז נאָך געווען זעהר פריה. די זון האָט ערשט געהאַלטען ביי געזעגענען זיך מיט דער שטאָדט, פריילין בעלייכטענדיג די שפּיץ קלויסטערס מיט די פערגאָלדעטע קעפּ פון די אַלטע רייכע סאָבאָרען. דוד האָט זיך אַזוי געחאַפּט, אַז אַלסדינג, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געמוזט טון דריי מאָל, ווארום עס איז געפאַלען ביי איהם פון די הענד. ער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט זיך אויס׳טענה׳ן רעכט מיט׳ן קוואַרטי-ראַנט, פאַרוואָס ער געהט ניט מיט איהם אין שוהל אַריין לכבוד יום-טוב.

— איך רעד ניט פון פרומקייט, — האָט דוד קוים צייט געהאַט איהם פירצוהאַלטען — איך בין אַליין אויך ווייט פון פרום. איך מיין נאָר, אַז אַזאַ וואָרימער יוד, ווי איהר זענט — איהר האַלט דאָך מיט די ציוניסטען האַלט איהר דאָך — איז, דאַכט מיר, אַז עס בעדאַרף ביי אייך דער יום-טוב זיין טייערער פון אַלע יום-טובים?

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, רופט ער זיך אָן שוין צום ווייב, גיך, אָפּגעהאַקט, ווי זיין שטייגער איז:

— הער נאָר אויס, שרה. ס׳איז יום-טוב. ס׳איז פסח. עס זאָל ניט דערמאָנט ווערען אין שטוב דאָס וואָרט „אָביסק״. דאָס הייסט,

ס'זאָל ניט זיין קיין שום רייד מעהר פון דעם. דו הערסט, וואָס איך זאָג?

— איך הער, איך הער, וואָס דען, איך הער ניט

— ניין. איך מיין, ס'זאָל זיין שאַ. אָבער טאַקי שאַ!

— גוט, גוט! — זאָגט שרה.

— וואָרום יום-טוב איז יום-טוב, — גיט ער איהר צו פערשטעהן מיט די הענד.

— יום-טוב איז יום-טוב, — זאָגט איהם נאָך שרה, און דוד לאָזט זיך לויפען אין שוהל אַריין, און סיאָמקע נאָך איהם.

„איהם איז גרינג צו זאָגען שאַ, — טראַכט זיך שרה. — נאַט אָט רייסט זיך אַריין פּלוצים אין מיטען ערב יום-טוב פּאָליציע, קעהרט איבער די שטוב הארע קאָרע, מע ווייסט ניט וואָס, מע ווייסט ניט ווען, און ס'זאָל איהם זיין שאַ!“... פערשטעהט זיך, אַז דוד איז אַוועק אין שוהל, האָט שרה געוואָלט זיך אַ ביסעל דורכשמועסען מיט די „קינדער“, אינאיינעם דערגעהן דעם שכל פון דער „בהלה“... צי זי האָט פערשטאַנען מיט איהר שכל, צי דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט, אַז דאָס דאַרף האָבען עפּעס אַ שייכות צו קיריליכעס זוהנדעל, — זי האָט געפיהלט, אַז זי מוז זיך אויסרעדען. איז דאָך אָבער פאַרהאַן שכנים אויף דער וועלט, פריינד און גוטע פריינד, האָט דאָס זיי געבראַכט צוטראָגען איינס נאָכ'ס אַנדערע, איינס נאָכ'ס אַנדערע, גלייך ווי מען האָט זיך אָנגערעדט. אָט אַנ'אומגליק! ניטאָ קיין סודות אויף דער „יודישער גאַס“. ווי נאָר דער „אָביסק“ ביי די שפּיראָס האָט זיך געענדיגט און פּאָליציע איז אַוועק, אַזוי האָט שוין כמעט די גאַנצע גאַס פון איין עק ביז'ן אַנדערען געוואוסט, אַז די שפּיראָס האָבען געהאַט „געסט“—און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ קאָכעניש, אַ גאַנצער שטורם:

— אין מיטען העלען טאָג פּאָליציע?

— און נאָך ערב-פּסח דערצו?

— וואָס קאָן עס זיין?

נאָהענטע שכנים, פריינד און גוטע פריינד, חאָטש יעדער איז געווען פערנומען מיט'ן ערב-יום-טוב, האָבען זיך פונדעסטוועגען אַריינגעחאַפּט צו די שפּיראָס, נאָר אויף איין מינוט, געוואוירע ווערען, וואָס און ווען? — איז מען אָבער אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט מיט דעם, מיט וואָס מע איז געקומען.

— גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. אַ נאַרישקייט, ווייס איך, אַ רעוויזיע

ביים קוואַרטיראַנט. געזוכט ביכלעך, פּאַפּירלעך, נישט געפונען גאָר-נישט... גאָלע גאָרנישט!...

— גאָרנישט איז גאָרנישט... האָט אייך אַ גוטען יום-טוב! — האָבען געזאָגט די גוטע פריינד און זענען אַוועק.

פטור געוואָרען פון די שכנים, פריינד און גוטע פריינד, האָט שרה געהאַט אַ פּערבייסעכטס: זי האָט געמוזט מקבל פּנים זיין פריינדליך, ווי אַלע מאָל, איהר רייכע שוועגערין, טויבע פאַמיליאַנט, מיט איהרע צוויי טעכטער, די מאַמזעלען. אויסגעפּוצט זיך אינ'ם גאַנצען יום-טוב, האָבען זיי זיך אַראָפּגעהאַפּט פון דעם אויבערשטען טייל שטאָדט, וואו די יודישע אַריסטאָקראַטיע געפינט זיך, אַראָפּ צו זייערע אָרימע קרובים אַ ביסעל זיצען. טויבע איז איצט אַליין, אַנ'„אלמנה חיה”, ווי זי זאָגט אויף זיך קאַטאָוועס. איהר מאַן, ר' שלמה פאַמיליאַנט, וואָס פאָהרט צוויי מאָל אין יאָהר, אויף פּסח און אויף סוכות, צום רבין, האָט דעם פּסח אויך ניט פּערפעהלט. איבערגעלאָזט אַלע געשעפטען אויף פרעמדע הענד (דער רבי איז בילכער), איז ער אַוועק אויף צוויי-דריי וואָכען פון דער היים. און מען קאָן ניט זאָגען, אַז זיין ווייב און קינדער זאָלען זיך האָבען שטאַרק אָפּגעגעסען דאָס האַרץ פון אַזאַ זאַך. אדרבה, אַז ער איז ניטאָ אין דער היים, פיהלען זיך זיינע בני-בית אַ סך לעבעדיגער. די שטוב בעקומט דעמאָלט גאָר אַנ'אַנדער פּנים. יעדער פיהלט זיך ווי אַ מענש, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך אַ שווערע משא, אויסגעטאָן אַנ'ענגען שוך, אָדער ווי אַ פרוי פאַר'ן שלאָפען געהן, אַז זי בעפרייט זיך פון איהר קאָרסעט. טויבע איז צופרידען, וואָס זי וועט צוויי-דריי וואָכען נאָכאַנאַנד ניט אָנקוקען די „חסידאַרני” און ניט הערען זייער „בים-באָם” און פּערשפּאָרען האָדעווען זיי מיט שלש-סעודות'ן. און איהרע טעכטער די מאַמזעלען זענען נאָך מעהר צופרידען: מע קאָן זיך זעהען מיט אַ לעבעדיגען מענשען, רעדען מיט אַ פרעמדען מאַנסביל, און דורכגעהן זיך אַנ'איבעריג מאָל צו גאַסט צו זייערע אָרימע קרובים (צו די שפּיראָס), זיצען דאָרט אַנ'איבעריגע האַלבע שעה, און זיך אָנרעדען פון מאָדעס און פון טעאַטער און פון ליטעראַטור און זיך אָנלאַכען פאַר אַ גאַנץ יאָהר.

דעם דאָזיגען ערב-פּסח האָט זיי טויבע אַליין צוגעטריבען, זיי זאָלען זיך אָנטון אַ ביסעל גיכער און זיך דורכגעהן צו דער מוהמע שרה. און אַלע דריי, די מוטער מיט איהרע צוויי טעכטער מאַמזעלען,

זענען געקומען צו די שפיראָס שוין דעמאָלט, ווען שרה האָט געהאַט אָבגעבענשט ליכט, און די דאָזיגע געזעלשאַפט האָט זיך איינגעטיילט אין צוויי בעזונדערע גרופּעס: יונגוואַרג בעזונדער און די מאַמעס בע-זונדער. איטליכע גרופּע מיט איהרע אינטערעסען און מיט איהרע רייד. די מאַמעס, וואָס האָבען זיך שוין אַזאַ צייט ניט געזעהען (פון פּורים אָן) האָבען געהאַט צו רעדען און צו רעדען. נאָר קודם-כל האָט טוי-בע פּאַמיליאַנט נישט געקאָנט איינהאַלטען זיך פון צו זאָגען איהר שוועגערין אַ ביסעל מוסר, איצטיגס מאָל ניט פאַר איהרע קינדער, חלילה, נאָר פאַר איהר קוואַרטיראַנט, וואָס איז געבליבען אין דער היים, נישט געגאַנגען מיט איהר דוד'ן אין שוהל אַריין דאַוונען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות?...

געמאַכט אַ פּנים פון אַ רביצין, האָט זי מיט איהר גלאַטיג צינ-געל און מיט איהר בוימעלדיגע שפּראַך גענומען אויסרעדען איהר, אַז מע מעג זיך זיין אַ סטודענט און אַ מעדאַליסט און אַ מיליאָנער און אַ יודישער פּאַטריאָט און וואָס אין דער וועלט — און דאָך — וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייטען איז צו לייטען — ווי געהט עס נישט אַ יודיש קינד אין שוהל אַריין חאָטש איין מאָל אין יאָהר, חאָטש פון יוצא וועגען?...

— אוי, טויבעניו, האַרצעניו, איהר זאָלט דאָס זאָגען? — שלאָגט איהר איבער שרה, — איהר ווייסט ניט היינטיגע יונגע לייט? איהר האָט דאָך אַליין קינדער...

— קינדער? וואָס וועט מען זאָגען אויף מיינע קינדער? מיינע קינדער די יונגלעך דאַוונען, ברוך-השם, אַלע טאָג, און מיינע טעכטער...

— וואָס גלייכט איהר, טויבעניו, נשמה'ניו? אַייערע קינדער האָ-בען טאַטע-מאַמע, ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר...

— אַכצעהן מאָל טאַטע-מאַמע. וואָס פאַר אַ תירוץ? איצט וואָלט איהר שוין, שרה'ל קרוין, געמעגט אַליין זיך אַרויסשטעלען פאַר אַ מאַ-מע, שוין צייט, כ'לעבען... אָדער אַניט לאָזט מיך, וועל איך איהם זאָגען אַ פּאָר וואַרימע ווערטער, ווי אַ גוטער פריינד...

און טויבע איז גרייט זיך אויפהויבען רעדען מיט שפיראָס קוואַרטיראַנט אַ פּאָר וואַרימע ווערטער, ווי אַ גוטער פריינד, חאַפּט זיך אויף שרה ווי אַיין אָפּגעבריהטע, נעמט זי אָן פאַר ביידע הענד:

— ניין, טויבעניו, האַרצעניו, ליובעניו! — מע דאַרף ניט! מע

דאַרף נאָך ניט! נאָך ניט געקומען די צייט... מע דאַרף נאָך אַ ביסעל צוּוואַרטען... אם ירצה השם נאָך יום-טוב. לאָז אַריבער דער יום-טוב בשלום... דערצעהלט מיר בעסער, נשמה׳ניו, וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָדט? צו אַייך געהען מענשען און איהר זיצט אויף אַזאַ גאַס. איך בין משטיינסגעזאָגט אַזוי פערטאַרעראַמט געוועזן מיט׳ן ערב-פּסח, איין מענטש אַליין...

— אוי, עס הערט זיך ניט גוט, שרה׳ל קרוין, זעהר ניט גוט!

און שרה פּאַמיליאַנט, שאָקלענדיג זיך, ווי מע שאָקעלט זיך אי-בער אַ קרבן-מנחה ביים דאַוונען, גיט איבער איהר שוועגערין אַלס-דינג, וואָס עס טוט זיך אין שטאָדט און וואָס מע רעדט און ווי מע ריכט זיך אויף זייער חאָגע אויף אַ שחיטה, דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין.

— ער איז אַ כל יכול — לאָזט אויס טויבע מיט אַ לשון-קודש-וואָרט און גיט איבער איהר שוועגערין אַ שענע מעשה, וואָס האָט זיך ערשט היינט געטראָפען אויף דער גרויסער גויעשער גאַס.

— איהר האָט נאָך גאָרניט געהערט, שרה׳ל קרוין, פונ׳ם נס?

— ניין. דערצעהלט, נשמה׳ניו, דערצעהלט.

— שיער-שיער ניט אַרויס אַנ׳אומגליק, — זאָגט שרה און מאָסטיעט זיך איין אין שטוהל, — דער שומר ישראל האָט זיך אריינגעמישט און עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ נעכטיגען טאָג. הערט, ווי אַזוי גאָט פיהרט אַ זאַך! היינט ביי טאָג, סאַמע אין דער רעכטער היץ, ווען יו-דען זענען פערטראָגען, ווער עס געהט אין מרחץ, ווער נאָך ארבע כוסות און ווער עס לויפט אַהיים פון געשעפט, פּלוצים מע טוט אַ קוק אויף דער גרויסער גאַס אַיין איינגעלויף, אַ גוואַלד, אַ האַרמידער — חשך! די גאַנצע גאַס איז פערפלייצט. דעם טראַמוויי האָט מען אָפּ-געשטעלט, פּאָליציע פייפט. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז אַ שע-נע מעשה, נאָר אַ קורצע. עפּעס איינער אַ גרויסער מענש, אַ גענעראַל, און נישט נאָר אַ גענעראַל, נאָר אַ גענעראַל-אַטיטיאַנט, איז געגאַנגען שפּאַצירען און דערזעהן, ווי עפּעס איינער אַ שוואַרצער געהט אין גאַס, פיהרט אַ קליין קינד פאַר אַ הענטעל. דאָס קינד וויל ניט געהן, וויינט, גיסט מיט טרעהרען, און ער שלעפּט דאָס און שלעפּט דאָס. געהט צו צו איהם דער גענעראַל: וואָס האָסטו צום קינד? ער שווייגט. וואוהין פיהרסטו דאָס קינד? ער שווייגט. וועמענס קינד איז דאָס? ער

שווייגט. פוילט זיך ניט דער גענעראַל, מאַכט אַ גוואַלד, רופט צו פּאָליציע:

— נעמט איהם אָט דעם יודען, ער פיהרט אַ קריסטליך קינד פאַר אַ קרבן-פסח!

שרה ברעכט די הענד:

— נו? טאַקי אַ קריסטליך קינד? און ווער איז דער יוד?

— חאַפּט-זשע ניט, שרה'ל קרוין... מילא, אַז אַ גענעראַל הייסט, קאָן מען קיין דבר-אחר ניט זיין און מע מוז פאָלגען. נעמט מען דעם מענשען מיט'ן קינד און מע זעצט זיי אַרויף אויף אַ איזוואָזטשיק מיט פּאָליציע און מע פיהרט זיי אין חדר אַריין. און דער גענעראַל בעזונדער אויף אַ דראָזשקע נאָך זיי. און דער גאַנצער עולם פון הינטען. אַ טומעל, אַ רעש, אַ יאַריד: „אַ יוד... אַ יונגעל... אַ קרבן-פסח... אַ גענעראַל!" מעהר הערט מען ניט. אַ פּאָר חברה-לייט האָבען אַרויסגעלאָזט דאָס וואָרט „פּאָגראָם". יודישע קלייטען האָבען שוין געהאַלטען ביי צומאַכען זיך.

— וועה איז מיר, נו? וואָס-זשע איז דער סוף?

— דער סוף איז, אויף אַלע יודישע שונאים אַזאַ סוף! נו-נו! דער שוואַרצער מענש, לאָזט זיך אויס, איז גאָר אַ גרעק, און דאָס קינד דאָס איז טאַקי זיין קינד, און געוויינט האָט דאָס קינד, ווייל עס האָט דערזעהען פון דערווייטען מאַראַנצען, האָט זיך דעם קינד פערוואָלט אַ מאַראַנץ און געבעטען ביים פאָטער, ער זאָל איהם קויפען אַ מאַראַנץ, האָט איהם דער פאָטער אויף צו-להכעיס ניט געוואָלט קויפען קיין מאַראַנץ, צו וואָס דאַרף אַ קינד מאַראַנצען, איהר פערשטעהט?

— אָט דאָס איז גאָר? טפו זאָל דאָס ווערען! אוי, האָט איהר מיך, טויבעניו, אָנגעשראָקען!

— וואָס רעדט איהר אָנגעשראָקען? מענשען זענען חלשות געפאַלען, זאָגט איהר גאָר אָנגעשראָקען. אַ קלייניגקייט אַ גענעראַל, און נאָך אַזאַ גענעראַל, אַ גענעראַל-אַטיטיאַנט!... און ווער איז שולדיג? אַלץ אָט דער שרץ, וואָס מע האָט געפונען דאָ נעבען אייך... הלואי דער אויבערשטער זאָל טון אַ נס, מע זאָל האָטש ניט אַריינשלעפּען דוד'ן אַהער...

— דוד'ן? וואָס פאַר אַ משל? ווי קומט אַהער דוד?...

— וואָס פרעגט איהר, שרה'ל קרוין? אַ קשיא אויף אַ מעשה היינטיגע צייטען. למאי איהר האָט שוין אַפנים פערגעסען פורים צו דער

סעודה, אַז די ערלית איז אַריינגעקומען צו אונז מיט אַיענעם „ווער-געלעך‟, געדענקט איהר?

— ווייס איך וואָס, כ׳לעבען, וואָס אַייך קאָן אַיינפאַלען, טויבע-ניו, געהט שוין, געהט!

שרה צולאַכט זיך כּלומר׳שט און ברעכט די הענד, קנאַקט אויס אַלע פינגער. זי פיהלט, אַז עס זענען איהר מיט אַמאָל פערקיהלט גע-וואָרען אַלע געבליטען. אין איין מינוט איז איהר פערענטפערט געוואָ-רען דאָס, וואָס זי האָט ביז אַהער נאָר געפיהלט מיט׳ן האַרצען, און טויזענדערליי מחשבות, נאָך נישט קיין קלאָרע, האַלבע, צוברעקעלטע, נאָר טרויעריגע, איינע טרויעריגער פון דער אַנדערער, פליהען איהר דורך ווי אַ שטורם, ווי אַ בייזער חלום, ווי אַ סך בייזע חלומות, איינס נאָכ׳ס אַנדערע, איינס נאָכ׳ס אַנדערע...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און פון צווייטען חדר, דאָרט וואו יונגוואַרג זיצט, הערט זיך אַ שמועס, וואָס פיהרט זיך אויף רוסיש און דוקא הויך און דוקא פריי-ליך. דער שמועס ווערט איבערגעריסען אָפּטמאָל מיט אַ הילכיגען גע-לעכטער, און העכער פון אַלע לאָזט זיך הערען דעם קוואַרטיראַנטס קול.

— וואָס געהט איהם אָפּ? — מאַכט טויבע מיט אַ פרום פּנים און שנירעוועט צונויף דאָס פּיסקעל — יודען לעבען אין גרויסע פּחדים, געהט מען אין שוהל אַריין און מע בעט גאָט, ס׳זאָל אָפּלויפען דער יום-טוב בשלום, און דער... פאַרהאַן אַפּנים אַלערליי יודען ביים רבונו של עולם!...

פערשטאַנען, אַז דאָס איז פאַר איהר שוועגערין נישט אַזוי אַנ-גענעהם צו הערען, קעהרט זיך טויבע אום צוריק צו זייער פריהעריגען שמועס וועגען די פּחדים, וואָס אין שטאָדט, זשאַלעוועט ניט קיין פאַר-בען אויף פאַרצושטעלען די זאַך וואָס טונקעלער, נאָר דערזעהען נאָך שרה׳ס פּנים, אַז יענע האַלט אָט-אָט ביים חלש׳ען, האָט זיך טויבע אַ חאַפּ געגעבען צוריק, גענומען זי בערוהיגען, אַז ס׳איז, מאַלט אַייך, ניט אַזוי די מעשה, ווי מע זאָגט, אַז איצט איז אייגענטליך גאָר ניש-טאָ וואָס מורא צו האָבען, אַז אויב עס וועט חלילה עפּעס זיין, וועט עס זיין ערשט אויף זייער יום-טוב, דאָס הייסט אַרום די אַנדערע טעג פּסח... און יעדענפאַלס טאָמער, לא יעלה ולא יבא, אַ קשיא וואָס

אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל זי, שרה הייסט עס, גאָר נישט קלערען לאַנג, זי זאָל פערנעהמען איהר מאַן מיט איהרע קינדער מיט'ן קוואַרטיראַנט אינאיינעם און אַריבערפעקלען זיך גלייך צו איהר אַרויף. ביי איהר איז נישטאָ, ברוך-השם, וואָס מורא צו האָבען. זי זיצט אויף אַזאַ גאַס, וואָס מע האָט „וואָאָבשטשע" ווינציגער מורא... און דערמיט הויבט זיך טויבע פאַמיליאַנט אויף און הויבט אָן געזעגענען זיך, ווארום מע וועט שוין באַלד אַרויסגעהן פון די שוהלען:

— אַ גוטען יום-טוב.

— אַ גוט יאָהר זאָל אַייך זיין! — חאַפּט זיך אויף שרה אַרויסבע-גלייטען איהר רייכע שוועגערין, חאָטש זי האָט זי ליעב ווי אויגען-וועהטיג, ווארום וויפיעל מאָל טויבע זאָל צו איהר נישט קומען, האָט זיך נאָך ניט געטראָפען, אַז זי זאָל ניט אָנזאָלצען שרה'ן אויף דער נשמה אויף אַ גאַנצער וואָך, — אַ גוט יאָהר זאָל אַייך זיין און האָט אַ פרייליכען יום-טוב.

— אַ פרייליכען און אַ כשר'ן יום-טוב! — חאַפּט אונטער טויבע (קוועטשט דאָס וואָרט אַ כשר'ן), — אַ כשר'ער פסח זאָל זיין אונז און אייך און כל ישראל און אַלע יודען פון דער גאַנצער וועלט אמן ואמן.

## דאָס פינפאונפערציגסטע קאַפּיטעל.

## אַ שענע נאַכט.

אַרויסבעגלייטען די מומע טויבע מיט איהרע טעכטער איז געגאַנגען בעטי, פערשטעהט זיך מיט איהר שטענדיגען קאַוואַליער, מיט׳ן קוואַרטיראַנט. שרה אַליין האָט צוגעטראַכט דאָס דאָזיגע אַרויסבעגלייטען. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער געפינט זיך די שוועגערין בעלייטען. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער געפינט זיך די שוועגערין בעליידיגט. טויבע האָט זיך אפילו געשטעלט אַקעגען:

— צו וואָס? אַ דאַנק! מיר וועלען אַליין טרעפען... נאָר עס האָט זיך איהר ניט געהאָלפען. בעטי איז שוין געווען אָנגעטאָן, דאָס הייסט זי האָט אַרויפגעוואָרפען אויף די פּלייצעס אַ גרינגען שאַרף פון בלויען פוליאַר און אַ ווינק געגעבען צום קוואַרטיראַנט, וועלכער איז שוין געשטאַנען גרייט צו געהן מיט זיי אָהן אַ היטעל, ווי ער שטעהט און געהט. טויבע פאַמיליאַנט האָט זיך נאָך אַ ביסעל געבראָכען און געקווענקעלט, און אַלע פינף זענען אַרויסגעשוואומען אויף דער גאַס.

— אַך, וואָס פאַר אַ נאַכט! וואָס פאַר אַ הימעל! — רופען אויס יונגוואַרג אַלע אין איין קול און קוועלען אָן פון דער נאַכט.

— לכבוד דעם הייליגען יום-טוב און לכבוד דעם ערשטען סדר האָט דער אויבערשטער געשענקט זיין פאָלק ישראל אַזאַ ליעבע נאַכט, — זאָגט טויבע מיט׳ן טאָן פון טייטש-חומש, און חאָטש ס׳איז אין דרויסען נישט אַזוי ליכטיג, פונדעסטוועגען קאָן מען זעהן איהר פרום צופרידען פנים און איהרע פרומע פערשנירעוועטע ליפּעלעך. טויבע פאַמיליאַנט איז מיט איהר ערב-יום-טוב׳דיגען וויזיט, וואָס זי האָט געמאַכט צו איהר אָרימער שוועגערין, גאַנץ צופרידען. און זי מעג זיין צופרידען. וויפיעל גוטע זאַכען זי האָט דאָ אויפגעטאָן: אי מוסר געזאָגט, אי אַלע נייעס איבערגעגעבען, אי איינגעלאַדען איהרע אייגענע

צו זיך אים פֿאַל פֿון חלילה אַנ׳אומגליק... גאָט מעג איהר טאַקי העל-פֿען. זי איז געגוג יוצא פֿאַר איהרע קרובים, אָט האָט זי ערשט נישט לאַנג אויף פסח צושיקט געלד-בריף אויף דער גאַנצער וועלט: קיין זאַסלאַוו און קיין דובנאָ און קיין סלאַוויטע מעות חטין, וועמען אַ דריי-ערל און וועמען אַ פֿינפֿערל און וועמען אַ צעהנערל, די משפחה שפּיראָ ניט צו פֿערזינדיגען איז קיין עין-הרע גרויס...

אויך איהרע טעכֿטער די מאַמזעלען זענען צופֿרידען, וואָס זיי האָבען פֿערבראַכֿט אַ פֿריילליכע שעה מיט אַזאַ אינטערעסאַנטען קאַוואַ-ליער ווי דער מומע שרה׳ס קוואַרטיראַנט און געהאַט אַ געלעגענהייט אַרויסבעווייזען זיך פֿאַר איהם מיט זייער קענטעניש און מיט זייער בעלעזענהייט, געשאָטען מיט נעמען פֿון ביכער, וועלכֿע זיי האָבען גע-לעזען און וועלכֿע זיי האָבען נאָר געהערט. און ווייל ס׳איז היינט אַ מאָדע, אַז יודישע באַרישניס קומען זיך צונויף, דאַרף מען רעדען פֿון אַנדרעיעוו׳ן, פֿון אַרציבאַשעוו׳ן און פֿון אַנדערע, האָט מען די גאַנצע צייט נאָר געהערט די נעמען: אַנדרעיעוו, אַרציבאַשעוו, אַלעקסאַנדר בלאָק, וואַלערי בריוסאָוו, אַנדריי ביעלי — די גאַנצע גאָלדענע פּאָהן פֿון דער רוסישער מאָדערן-ליטעראַטור. אַזוי אַז בעטי דער עזות-פּנים האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט אַוועקגעגעבען איהרע „קוזינקעס” אַ גאָב: ווי זיצען עס — האָט זי געזאָגט כּלומרשט מיט אַ געלעכֿטער און געמיינט האָט זי עס ערנסט — ווי זיצען עס אָפּ יודישע טעכֿטער אַ גאַנצען אויפֿדערנאַכֿט און מע רעדט און מע רעדט פֿון בי-כֿער און פֿון שרייבערס און מע דערמאָנט נישט איהר זאָלט זאָגען אויף אַ ציקאַוועסט האָטש איין יודיש בוך, האָטש איין נאָמען פֿון אַ יודישען שרייבער, גלייך ווי מיר וואָלטען ניט געהאַט קיין אייגענע ביכֿער מיט קיין אייגענע שריפֿטשטעלער? ווי שעמט מען זיך ניט?... און דער גוי (ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו), האָטש ער איז זיך מודה, אַז אין דער יודישער ליטעראַטור איז ער ניט אַזוי בעהאַוועט, כּונדעסטוועגען קאָן ער נישט, ער זאָל נישט מסכּים זיין מיט בערטאַ דאַווידאָוונאַ, אַז בערטאַ דאַווידאָוונאַ איז גערעכֿט... און איטליכֿס מאָל, וואָס ער דער-מאָנט דעם נאָמען „בערטאַ דאַווידאָוונאַ”, זעהט מען ווי זייערע אויגען בעגעגענען זיך — און פֿאַמיליאַנטס טעכֿטער פֿערשטעהען דעם דאָזיגען קוק... אין די זאַכֿען פֿרעגט ביי זיי — זיי וועלען אייך זאָגען אַקוראַט. „ס׳אַ שדוך”... טראַכֿטען זיך די דאָזיגע מאַמזעלען מיט אַ זיפֿץ און קוקען זיך איבער צווישען זיך אָהן ווערטער און רעדען שוין נישט

מעהר פון ליטעראַטור. זיי זענען אונבעקאַנט אַריבער אויף זייטיגע זאַ-כען, פליאָטקעס און מעשיות, וואָס הערט זיך אין שטאָדט, און איינע פון זיי האָט דערצעהלט די געשיכטע מיט׳ן גענעראַל און מיט׳ן „קרבן פסח״, פון וועלכען בעטי האָט זיך צולאַכט אַזוי שטאַרק, אַז די מו-טער פון צווייטען צימער האָט געמוזט אַ פרעג טון: „וואָס איז דאָרט?״ אויף איהר קוקענדיג, האָבעןביידע מאַמזעלען אויך געלאַכט, בעווי-זענדיג אַלע דריי זייערע שענע ווייסע צייהנדלעך. ניט געלאַכט האָט נאָר דער קוואַרטיראַנט. און ניט נאָר ניט געלאַכט — ער האָט אויסגעזעהען ווי אַ מענש, וואָס איז אין כעס אָדער ער שעמט זיך, קאָן ניט הערען ווי מע בערעדט זיינעם אַיין אייגענעם. ער האָט נישט געוואָלט גלויבען. ער האָט אַלץ געטענה׳ט, אַז עס קאָן ניט זיין. „אָדער דער גענעראַל איז קיין גענעראַל, אָדער די גאַנצע מעשה איז אַיין אויסגע-טראַכטע״... אַזוי האָט געטענה׳ט ראַבינאָוויטש גאַנץ ערנסט. און וואָס מעהר ערנסט ער האָט גערעדט, מעהר האָט געלאַכט בעטי. און אַך! ווי עס האָבען איהר מקנא געווען איהרע שוועסטערקינדערלעך, די מאַמ-זעלען פאַמיליאַנט!... געהענדיג מיט זייער פרומע רייכע מוטער אַהיים אין דער דאָזיגער נאַכט, מוזען זיי זיך מודה זיין פאַר זיך אַליין, אַז זייער אָרימע קוזינקע בעטי לעבט זיך אַ סך בעסער און אַ סך פרייער און אַ סך פריילעכער ווי זיי. וואָס האָבען זיי פון זייער רייכקייט, אַז מע לאָזט זיי ניט אַ קאָפּ אויפהויבען, אַ הויך וואָרט אויסרעדען?... און נישט ווילענדיג רייסט זיך אַרויס ביי זיי אַ טיעפער זיפץ פונ׳ם האַר-צען אין דער דאָזיגער נאַכט. ווער ווייס, אפשר זענען זיי איהר מקנא גאָר אויף אַנ׳אַנדער זאַך — אויפ׳ן חתן? און אַז דאָס איז אַ חתן — אין דעם איז שוין קיין ספק נישט. פערלאָזט זיך שוין אויף זיי. אויף דעם איז זייער מבינות העכער פון אַלעמען. עס איז גענוג, דאַכט זיך, איין קוק אויף דעם גליקליכען פּאָרעל אין די אויגען אַריין, חאָטשבי אפילו דאָ אויף דער שיין פון די שטערען אין דער דאָזיגער שענער נאַכט, מע זאָל לייענען ווי פון אַ בוך, וואו עס האַלט ביי זיי אין זייער ראָ-מאַן... — למאי זאָלסטו געהן אַזוי ווייט, בערטעטשקע? ס׳איז קיהלבליך אין דרויסען און דו געהסט נאַקעט, — זאָגט צו בעטין די מומע טויבע און מי׳נען מיינט זי גאָר דעם קוואַרטיראַנט, וואָס אין דרויסען, און זי געזעגענט זיך מיט זיי גאָר פריינדליך. דערזעהען, אַז יענע זענען שוין אַוועק און זי איז געבליבען דאָ אַליין מיט איהרע טעכטער, טוט די פרומע טויבע אויף אַ מינוט אַ גאַס אויס אַ גאַנצען טאָפּ מיט לשון-

הרע אויף דער האַלב-נאַקעטער בעטין און אויפ'ן קוואַרטיראַנט, וואָס געהט אָהן אַ היטעל אין דרויסען, און מעהר פון אַלע אויף איהר שווע-געריו, וואָס האָט פערגעסען, אַז איהר מאַן דוד איז אַ שפּירא, פון די אמת'ע... פון די סלאַוויטער שפּיראָס!...—אַי, מאַמע! מיר האָבען דאָס שוין געהערט פון דיר פינף און זיבעציג טויזענד מאָל!—האַקען איהר אָפּ די טעלטער די מאַמזעלען און קוקען זיך אַרום צוריק אויף זייער גליקליכער קוזינקע בעטי, ווי זי געהט עס האַנד ביי האַנד מיט דעם בראַוועו פריילֹיכען סטודענט אין דער דאָזיגער שענער יום-טוב'דיגער נאַכט, אין דער דאָזיגער ערשטער נאַכט פון פסח...

יום'טוב'דיג און שען איז געוועו די דאָזיגע ערשטע נאַכט פון פסח אָהן אַ שעור און אָהן אַנ'ערך. מיט הונדערטער טויזענדער אויגען-שטערען האָט זי אַראָפּגעקוקט אַראָפּ און בעגאָסען מיט איהר טונקעל-בלויער נאַכט-שיין די יונגע גליקליכע פּנים'ער פון'ם יונגען גליקליכען פּאָרעל, וואָס זענען געגאַנגען דאָ האַנד ביי האַנד געצעהלטע טריט, פּאַמעליכען, אַפּנים ס'זאָל מעהר, וואָס מעהר, זיך ציהען זייער זיין דאָ אינאיינעם איינס נעבען דאָס אַנדערע. אַצינד איז שוין געקומען די צייט—ער פיהלט, אַז איצט איז די רעכטע צייט—ער זאָל איהר איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפדעקען זיין האַרץ, אויסזאָגען איהר דעם גאַנ-צען אמת. ביז וואַנען איז דער שעור? גאָט אַליין האָט ווי בעשאַפען די דאָזיגע נאַכט, די דאָזיגע שעגע יום-טוב'דיגע נאַכט, אַז דאָס האַרץ, וואָס איז פול, זאָל זיך אויסגיסען, און אַלעס, וואָס האָט זיך אָנגע-קליבען אויף דער נשמה, זאָל אַרויסגעזאָגט ווערען, אַלעס, אַלעס מוז אַרויסגעזאָגט ווערען. אַלעס פון'ם אָנהויב ביז'ן סוף. אַלעס וועט ער איהר דערצעהלען: ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען ביי איהם מיט אַ שפּאַס און ווי אַזוי עס האָט זיך פון'ם שפּאַס אויסגעלאָזט אַנ'ערנסט. און ווי אַזוי ער האָט געמיינט פריהער, אַז ער וועט זי קאָנען בויגען צו זיך, איצט איז ער גרייט זיך בויגען צו איהר, וואָרום עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט קאָנען טון צוליעב דעם, אַז זי זאָל זיין זיינע... און אַז מע וויל, האָט ער טיילוויז זי שוין צוגעגרייט דערצו. זי איז די איינציגע, וועלכער ער האָט זיך מודה געווען, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט דער מומע די מיליאָנערשע, איז גישט מעהר ווי אַ שפּאַס, וואָס מוז שוין פערבלייבען ווי אַנ'אמת, ביז אַ צייט... זי איז די איינציגע, וועלכער ער האָט פערטרויעט, אַז ער האָט אַ פאָטער, וואָס האָט איהם ליעב, נאָר ער איז „ניט איינ-

פערשטאַנען מיט איהם אין אַ סך זאַכען״... אַז ער האָט אַ שוועסטער, זעהר אַ פרומע שוועסטער, וואָס הייסט ווירעלע און וואָס ער האָט זי ליעב און וואָס איז גרייט איהר לעבען אַוועקצוגעבען פאַר איהם יעדע מינוט, און דאָך וועט ער מוזען איבערררייסען מיט זיי ביידע, ווייל דער שריט, וואָס ער וועט וואַהרשיינליך מוזען מאַכען, וועט זיין פאַר זיי אַ טויט-קלאַפּ...

וואָס דאָס איז פאַר אַ „שריט״— האָט ער איהר נאָך נישט גע-קאָנט זאָגען. נאָר זי האָט זיך עס אַליין אויסגעטייטשט, לויט איהר פערשטאַנד, גאַנץ לייכט, ווי יעדער איינציגער אויף איהר אָרט וואָלט דאָס אויסגעטייטשט, — און מע קאָן ניט זאָגען, אַז די דאָזיגע ווערטער זאָלען איהר זיין שטאַרק איינגענעהמען. איהר האָט נישט געשמעקט די מלחמה, וואָס ער וועט דאַרפען האַלטען מיט זיין פאָטער. ווער זאָל דאָס זיין? וואָס פאַר אַ מענש איז ער? און ווי קומט צו איהם אַ פרו-מע שוועסטער?... זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי קען איהם, דעם פאָטער זיינעם, גלייך ווי זי האָט איהם שוין איין מאָל געזע-הען: אַ יוד אַ בורזשוי, איין אויפגעקומענער גביר, וואָס האַלט זיך פאַר אַ אַריסטאָקראַט, און בכדי ער זאָל זיך נישט איבערנעהמען מיט זיין „אַריסטאָקראַטיזם״, האָט איהם בעטי ניט איין מאָל געגעבען אָנצוהערע-ניש, אַז זי איז פונקט דער היפך פון איהר מוטער. אויף וויפיעל איהר מוטער פאַלט כורעים פאַר אַ נגיד און פערגעטערט מיליאָנערען, אויף אַזוי פיעל, אויב ניט מעהר נאָך, האָט זי, בעטי, פיינט אָט די „סוביעק-טען״, ווי אַ כשר׳ער יוד האָט פיינט חזיר...

— וואָס האָט איהר צו זיי? — פרעגט ביי איהר ראַבינאָוויטש, וואָס האָט ליעב זיך רייצען מיט איהר, זעהען איהרע שענע ווייסע צייהנדלעך.

— האָבען האָב איך צו זיי גאָרנישט, — ענטפערט איהם בעטי — נאָר איך האָב זיי פיינט. אָנקוקען קאָן איך נישט אָט די יודישע געלד-אַריסטאָקראַטען מיט די גראָבע בייכלעך, מיט די געקנייטשטע קאַרקעס און מיט די איבערגעזעטיגטע ליפען און מיט די אויסגעלאָשענע אויגען.

— אַריינפאַלען צו אַייך אין אַייערע שאַרפע צייהנדלעך איז גע-פעהרליך! — זאָגט איהר ראַבינאָוויטש מיט אַ געלעכטער און קאָן זיך אָן איהר זאַט ניט אָנקוקען.

— זאָל אַייך גאָט היטען! — מאַכט צו איהם בעטי, אפילו אויך מיט אַ געלעכטער, נאָר עס הערט זיך אַ פערדראָס אין איהר קול...

— אדרבה — זאָגט איהר ראַבינאָוויטש — איך וואָלט עס געוואָלט פּרובען ...

— פּרובט ניט, איהר וועט חרטה האָבען... צו שאַרפע צייהן!

אַקוראַט ביי די ווערטער קומט אָן שרה. (שרה קומט תמיד אַקוראַט). האָט זי מורא, ס'זאָל חלילה ניט אַרויס עפּעס אַ קריעג צווישען די „קינדער”. וויל זי צוּרייבען דעם שמועס און רופט זיך אָן צום קוואַרטיראַנט:

— ווייס איך, וואָס הערט איהר זי, וואָס זי וועט אייך זאָגען? איהר קענט זי ניט? — זי איז דאָך אַ שפּיראָ!...

פון דעמאָלט ביז איצט איז אַוועקגעגאַנגען אַ ביסעל צייט און זיי פּיהלען זיך וואָס אַ טאָג אַלץ נעהענטער און נעהענטער. און איצט, אין דער דאָזיגער שענער נאַכט, געבליבען מיט איהר אַליין, נאָכדעם ווי טויבע פאַמיליאַנט מיט איהרע טעכטער זענען שוין אַזוי ווייט, און קיינער זעהט זיי ניט, און זיי געהען האַנד ביי האַנד אַלע מאָל שטילער און שטילער, בעגעגענען זיך זייערע אויגען אויף דער שיין פון די שטערען און צוזאַמען מיט זייערע אויגען — זיי ווייסען אַליין ניט, ווי אַזוי דאָס איז געשעהען — בעגעגענען זיך אויך זייערע ליפּען — דאָס ערשטע מאָל אין דער גאַנצער צייט פון זייער פריינדשאַפט. און נאָך אַמאָל בעגעגענען זיך זייערע אויגען און ביידע צולאַכען זיי זיך. נאָר פּלוצים רייסט זיך אַרויס ביי איהם איהר האַנד, און זי לאָזט זיך לויפען, און ער נאָך איהר, און ביידע קומען זיי אַריין אין שטוב מיט פעררויטעלטע פּנים'ער און די אויגען ביי זיי גלאַנצען מאָדנע. שרה זעהט זייערע פעררויטעלטע פּנים'ער מיט זייערע מאָדנע גלאַנצענדיגע אויגען, און זי רופט זיך אָן צו זיי גלאַט אַזוי אין, דער וועלט אַריין:

— עפּעס אַ שענע נאַכט אין דרויסען?

און זיי ביידע ענטפערן איהר גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— אַ שענע נאַכט! אַ געטליכע נאַכט!...

## דאָס זעקסאונפערציגסטע קאַפּיטעל.

### „פּעקלעך".

טאָמער איז קאַרג, וואָס יעדער יוד האָט זיך זיין אייגען פּעקעל: דאגות-פּרנסה, פּראַוואָזשיטעלסטווע, פּראָצענט-נאָרמע ביי קינדער לערנען וכדומה נאָך אַזעלכע הנחות און פּריווילעגיעס, וואָס נאָר אַ יוד קאָן דערצו זוכה זיין, האָט גאָט ברוך-הוא בעוויליגט די יודען פון דער געבענשטער שטאָדט, וואו עס קומט פאָר אונזער אויסערגעוועהנליכע געשיכטע, מיט גאָר אַ בעזונדער פּעקעל, אַ מין כל-ישראל-פּעקעל, מיט'ן נאָמען שטשיגירינסקי.

די יודען, וואָס זענען שוין געוואוינט געוואָרען צו צרות און געפּרובט געוואָרען ניט דאָס ערשטע מאָל אין אַזעלכע בלבולים נאָך פון פאַרצייטען, און דערצו איז מען נאָך שטענדיג פערטראָגען און פערהאַוועט אין בילכערע נעהענטערע דאגות, האָבען דאָס אַלסדינג אויסגעהערט און צוגעזעהען און פון איין טאָג צום אַנדערען ווי פערגעסען. ערשט אַז ס'איז געקומען פּסח, דער ליעבער גוטער יום-טוב פּסח, און יודען האָבען אַרויסגעטראָגען דעם חמץ, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די שווערע וואָכעדיגע ווינטערדיגע מלבושים, אָנגעטאָן זיך אַלע ניי און אַלע יום-טוב'דיג, און צונויפגענומען זיך אַלע אין שוהל אַריין, האָט מען זיך דאָרט אָנגעהערט נייס פון'ם „פּעקעל", אַזוי פיעל נייס, אַז ס'איז אַלעמען פערקיהלט געוואָרען אינוויינינג און ס'איז זיי פערשטערט געוואָרען דער יום-טוב.

דאָס הייסט, געקומען איז מען אין שוהל אַריין נישט הערען נייס, נאָר דאַווענען, און עס קאָן זעהר געמאָלט זיין, אַז תיכף נאָכ'ן דאַווענען וואָלט מען זיך ווי אַלע מאָל געוואונשען איינער דעם אַנדערען אַ גוט יום-טוב און ווי אַלע מאָל זיך צוגעגאַנגען אַהיים, איטליכער צו

זיין ווייב און קינדער, און געזעצט זיך אָפּריכטען דעם סדר. האָט זיך אָבער געטראָפען אַ מעשה, אַז תיכף ווי מע האָט נאָר אָפּגעדאַוונט און די יתומים האָבען אָפּגעזאָגט, חאַפּענדיג און שרייענדיג איינער העכער פונ'ם אַנדערען, דעם לעצטען „יתגדל ויתקדש", האָבען די שמשים אין אַלע שוהלען פונ'ם אַלמעמער מיט אַ הילכיגען פּאַטש איבערן טיש, ווי דער שטייגער איז, אויסגערופען האַלב אויף לשון-קודש, האַלב אויף רוסיש בזה הלשון:

— מען איז מכריז ומודיע אינ'ם נאָמען פון גובערנאַטאָר און פון גאַנץ נאַטשאַלסטוואָ, אַז דער עולם זאָל זיך ניט בעזפּאָקאָיען און ניט ראַספּראָסטראַניאַיען קיין לאָזשנע סלוחען, וואָרום עס זענען פּרעדפּרינימאַיעט געוואָרען אַלע מיערעס, אַז ס'זאָל ניט זיין קיין פּאָגראָם...

ווי נאָר דער שמש האָט אויסגעלאָזט די דאָזיגע ווערטער אויף זיין מאָדנע געמישט לשון, אַזוי איז געוואָרען אין שוהל אַ הו-האַ. וויפיעל מענשען עס זענען געווען אין שוהל, אַזוי פיעל האָבען גערעדט, ניט מעהר און ניט ווינציגער, און אַ בריה וואָלט געווען דער, וואָס וואָלט זיך קאָנען בעריהמען, אַז שטעהענדיג ביי אַ זייט, האָט ער פערשטאַנען אָדער געהערט, וואָס מע רעדט, אויסער סיידען געצעהלטע ווערטער, וואָס האָבען זיך ווי געטראָגען אין דער לופטען: „ריטואַל... טשאָרנעסאָטני... פּאָגראָם..." דאָס איבעריגע איז געווען אוממעגליך צו חאַפּען מיט'ן אויער.

ערשט אַז מע איז אַרויסגעגאַנגען פון די שוהלען, האָבען יודען, מלכים בני מלכים, אין דער דאָזיגער ערשטער נאַכט פון פסח, ניט געאיילט זיך צו געהן אַהיים, ווי אַלע מאָל אין דער צייט; נאָר מע האָט זיך צושלאָגען אויף רעדלעך און גרופּעסווייז האָט מען זיך אָוועקגעשטעלט זיך איבעראַנייס אַ שמועס געבען, וואָס הערט זיך עפּעס נייס אין שטאָדט וועגען „פּעקעל"?... וואָסער „פּעקעל" — האָט קיינער נישט בעדאַרפט צו פרעגען. אַלע האָבען שוין געוואוסט, אַרום וואָס פאַר אַ „פּעקעל" דאָ האַנדעלט זיך אַצינד. און נייס איז געווען פון דעם „פּעקעל" צו דערצעהלען זעהר אַ סך. וואָרום חוץ דעם, וואָס מע שרייבט וועגען דעם טאָג-טעגליך אין די גאַזעטען, זענען פאַרהאַן ברוך-השם יודען, וואָס ווייסען אַ סך מעהר. (גאַזעטען שרייבען דען אַלסדינג, וואָס מע דאַרף? און דאָס, וואָס זיי שרייבען, איז דען ניט אָפּטמאָל שקר וכזב?...) למשל, איינער דערצעהלט, אַז ער ווייס פאַר געוויס, אַז ערשט היינט איז געווען אַ פּאַניחידאַ אין סאָבאָר און עפּעס

איינער אַ סטודענט האָט גע׳דרשנ׳ט און דוקא אין דרויסען און דוקא פאַר אַ גרויסען עולם, וואָס איז אַזוי צוהיצט געוואָרען פון דער שע-נער דרשה, אַז מע איז גרייט געווען שוין אין דער רגע זיך לאָזען איבער דער שטאָדט און אָפּרעכענען זיך מיט די יודען, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. אַ גליק, וואָס פּאָליציע האָט אָנגעשמעקט און בעציי-טענס צוגעשיקט עטליכע קאָזאַקלעך רייטענדיג אויף די פערדלעך און מיט די קאַנטשיקלעך אין די הענד צוטרייבען דעם ערב-רב, נעבאַך פערשטערט זיי די שמחה...

— לעבען זאָלען די קאָזאַקלעך מיט זייערע געבענשטע קאַנטשיק-לעך! — רופט זיך אָפּ אַ קול, מע ווייסט ניט פון וועמען, ווייל דער עולם איז גרויס, — זייט זיכער, אַז ווייבאַלד ס׳וועט ניט זיין קיין חמאַ-רע, וועט ניט געהן קיין רעגען...

— מיר האָבען אַ גרויסען גאָט! — חאַפּט אונטער נאָך אַ גרעסערער אָפּטימיסט — אַ סימן האָט איהר, אָט דער גוי דער שכור, ווייבאַלד מע האָט איהם איינגעזעצט, אַזוי האָט ער גענומען דרעהען מיט דער צונג אַהער און אַהין און ס׳איז אַ סברה, אַז עס האַלט שוין אויף אַ שטי-קעל דרך. מע דאַרף נאָר געוואוירע ווערען, ווער זענען די שטיגוטע-רעס, די כלי-זמר הייסט עס, וואָס פיהרען דאָס גאַנצע רעדעל...

— מע וועט געוואוירע ווערען, האָט קיין מורא ניט, מע וועט אַלסדינג געוואוירע ווערען, וואָרום הימעל און ערד האָבען געשוואוי-רען, אַז קיין פערבאָרגענע זאַך זאָל ניט זיין אויף דער וועלט און אַז דער אמת מוז אַרויף ווי בוימעל אויפ׳ן וואַסער.

— מע בעדאַרף נאָר בעטען גאָט, הייסט עס, — חאַפּט אונטער נאָך איינער, שוין אַ פעסימיסט, ווייזט אויס, — מע בעדאַרף גאָט בעטען און תפלה טון, אַז דער בוימעל זאָל אַרויף וואָס גיכער, וואָרום עס געהט צו זייער יום-טוב, פערשטעהט איהר מיך, קאָן אַרויסשפּרינגען אַ פּאָ-גראָמטשיקעל, און איצט, אַז ס׳וועט זיין אַ פּאָגראָם, וועט זיין אַ פּאָ-גראָם, אשר לא פּאָגראָמו אבותינו!...

— בייסט אייך אָפּ די צונג! — מישט זיך אַריין דוד שפּיראָ, וואָס איז געשטאַנען, די גאַנצע צייט אין אַ זייט, זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צו די אַלע שמועסען, — דאַכט זיך, איהר האָט גאַנץ גוט געהערט, וואָס דער שמש האָט נאָר-וואָס אויסגערופען? למאי זאָלען יודען האָ-בען אַ טבע אַלסדינג אויסלעגען צום שלעכטען און אַליין אָנרופען אויף זיך כל הצרות?

— יוד איינער! איך זאָג דען, אַז עס וועט זיין אַ פּאָגראָם? — פערענטפערט זיך דער פעסימיסט, — איך זאָג נאָר, אַז אויב עס וועט זיין אַ פּאָגראָם, וועט ...

דוד שפּיראָ אָבער וויל ניט הערען מעהר. אין כעס טרעט ער אָפּ פון דעם רעדעל און געהט צו פון דאָרט צו אַ צווייטען רעדעל און הערט זיך צו פון דער וויטען מיט איין אויער, וועגען וואָס רעדט דער עולם. לאָזט זיך אויס, אַז דאָ איז אויך דאָס אייגענע. נישט מעהר דאָ רעדט מען ניט פון „אונזער פעקעל”, נאָר מען דערצעהלט מעשיות מיט געשיכטען פון אַנדערע שטעדט, וואָס האָבען אויך זיך זייערע „פעקלען”.

— וואָס ווייסט איהר, וואָס עס טוט זיך היינט אָפּ אויף דער וועלט פאַר קאָמעדיעס? — דערצעהלט אַ יונגער מאַן אַ קרעמער פון באַ-קאַליי מיט אַנ'אַלט פנים און די אויגען ביי איהם לאַכען, גלייך ווי ער קלויבט זיך דערצעהלען אַזעלכס, וואָס מע דאַרף דערפון פלאַצען פון געלעכטער, — הערט אַ שענס, וואָס האָט זיך געטראָפען היינטיגען פאַר-פסח אין הייסין, איך בין אַ הייסינער און האָב אַ ברודער מיט אַ שוועסטער אין הייסין, האָט מען געפונען דאָרט ביי אַ קריסט, איין אָטסטאַוונאָי סאָלדאַט, נישט מעהר ווי פיער הרוגים, זיין ווייב מיט זיינע דריי קינדער געקוילעטע. נאָר ווי אַזוי מיינט איהר געקוילעט? ווי מען קוילעט אַ הוהן אַדער אַיין אָקס? פע! די הענד מיט די פיס אָפּגעהאַקט, די אויערן אָפּגעשניטען, די אויגען אַרויסגענומען, די ביי-כער אויפגעטרענט ...

— נו, גענוג אַייך שוין אַנאַטאָמיע — סע שלאָגט צו דער גאַל! — הערען זיך קולות פון יודען מפונקים, וואָס שפּייען אויס אין אַ זייט און הערען ווייטער.

— איז דאָך געוואָרען אַ גוואַלד: ווער האָט דאָס געקאָנט צובראָ-קען פיער נפשות אַקוראַט ערב-פסח, אַז ניט אחינו בני ישראל? האָט מען זיך מסתמא געגעבען אַ נעם צו איינעם אַ יודען, יענקעל קורצע פאה רופט מען איהם. וואָס עפּעס צו יענקעל קורצע פאה? וואָרום אָט דער יענקעל קורצע פאה איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ יוד אַ קרעמער, און דער דאָזיגער קריסט פלעגט נעמען ביי איהם אויף באָרג. און ניט אַזוי דער קריסט ווי זיין ווייב. מיט אַ טאָג פריהער איז געווען אָט דער דאָזיגער יענקעל ביי דעם קריסט מאָהנען געלד, ס'איז ערב-פסח, און שכנים, אויך קריסטען, האָבען איהם געזעהען פאַרנאַכטליך זיך

דרעהען ביי זייער שטוב — בקצור אַלע סימנים. האָט מען דעם יענקעל קורצע פּאה מסתמא באַלד אָפּגעפיהרט אין חדר אַריין, אַ שענערען לעגט מען אין דער ערד: „זאָג, יענקעל, ווער זענען געווען די שטיגוטע־רעס, וואָס האָבען מיט דיר אינאיינעם אָפּגעטאָן אָט דאָס שטיקעל אַר־בייט? און וואוהין האָט איהר אַהינגעטון אַזוי פיעל בלוט?״ ענטפערט די וואַנט? אַז יענקעל איז גאָר אַ טויטער! און וואָס אין שטאָדט האָט זיך געטאָן צווישען יודען, בעדאַרף איך אייך ניט דערצעהלען. אַהין אַהער, איך וויל אייך לאַנג נישט האַלטען — עס איז אַראָפּגעקומען אַ סליעדאָוואַטעל פּאָ וואַזשנים דיעלאַם, ווייזט אויס ניט קיין פּראָמאַך, אַ קוק געגעבען אויף די פיער צושניטענע אָבדירקעס און אויף דעם יענקלען, און אויסגעהערט די טענות פון דעם אומגליקליכען מאַן, וואָס מע האָט איהם אַוועקגעקוילעט ווייב און קינדער, האָט דער סליעדאָוואַטעל אַ דרעה געגעבען מיט דער נאָז און אַ נעם געגעבען דעם בעל־דבר אַליין הייסט עס, דעם מאַן פון דער געקוילעטער גויע און דעם פאָטער פון די צושניטענע עופ׳עלעך: „אַנו, טו דיך נאָר אויס, שענער בחור, אויף אַ מינוט, לאָמיר דיך אָקאָרשט בעטראַכטען... און זיי זיך מטריח אין איין וועגס מיט אונז צו דיר אויפ׳ן בוידים, אפשר וועלען מיר עפּעס געפינען?״ בע. מע. ניטאָ קיין ווערטער! אַהין אַהער—איך וויל אייך לאַנג ניט האַלטען, אויפ׳ן העמד האָט מען ביי איהם דער־זעהען עפּעס רויטע פלעקען, אויפ׳ן בוידים האָט מען געפונען אַלע כלים, אַ האַק און אַ מעסער און וואָס איהר ווילט, און אַלסדינג ברוך־השם אין בלוט, און אַליין האָט ער זיך אויך מודה געוועזען, אַז באשר ער האָט אַ געליעבטע, און געוואָלט מיט איהר חאַסלירע האָבען, און אַ גט איז בײַ זיי אַ ביסעל שווערליך, האָט ער געפונען אַ גרינגערען וועג אויף פּטור צו ווערען פון אַ ווייב אַ צרה. אַי די קשיא: וואָס האָט ער געהאַט צו די קינדער נעבאַך? איז טאַקי אַ קשיא. נאָר אַז אַ מענש האַלט אין שניידען, שניידט ער... בלייבט איבער נאָר איין זאַך: צו וואָס האָט איהם נאָך געטויגט, ווי זאָגט איהר, אַנאַטאָמיע? איז דער תירוץ: עבדים היינו — ערב־פּסח!...

אויסגעהערט די הייסינער מעשה ביז׳ן סוף, קוועלט דער עולם און קראַצט זיך אַזש פאַר גרויס הנאה, איבערגעבענדיג איינער דעם אַנדערען מיט די הענד, וואָס ער פיהלט און וואָס ער טראַכט און וואָס ער ווייסט. נאָר איין דוד שפּיראָ איז ניט צופרידען. „פון וואָס יו־דען לעקען די פינגער״ — טראַכט ער זיך און טריט אָפּ פון דעם רע־

דעל צו אַיין אַנדער רעדעל — אויך די אייגענע דבורים מיט די אייגענע אינטערעסען: „סאָיוזניקעס... ריטואַל... זאַמיסלאָווסקי... פּורישקעוויטש... פּעקלעך און מעשׂיות און געשיכטען: אַ מעשׂה פון אַ קליין שטעדטעל אין וואָלינער גובערניע מיט אַ רוסישע דיענסט, וואָס איז פאַרפאַלען געוואָרען אויף עטליכע שעה און ס'איז שעור אַרויסגעקומען דורך דעם אַנ'אומגליק... אַ געשיכטע פון אַ דאָרף אין טשערניגאָווער גובערניע מיט אַ קליין שיקסעלע, וואָס איז געגאַנגען גראָבען ליים און איז פערשיט געוואָרען, האָבען זיך צונויפגעקליבען די גוים פון דאָרף, געטרונקען בראָנפען און געיואָלט מאַכען אַ חתונה, האָט גאָט געטאָן אַ נס, דאָס שיקסעלע האָט מען אויסגעגראָבען טאַקי אַ טויטע, נאָר אָהן אַ שום סימן פון בלוט... אַ פּעקעל אין בעסאַראַביע... אַ פּעקעל אין פּוילען... אַ פּעקעל אַזש אין ניזשני-נאָווגאָראָד — טפו זאָל דאָס ווערען!"...

דוד שפּייט אויס און וויל געהן אַהיים — איז ניטאָ דער קליינער! פאַרפאַלען געוואָרען זיין גימנאַזיסטעל סיאָמקע. וואו קאָן ער זיין אַ שטייגער, אַזאַ ווייסחברה'ניק? און ביי וועמען פרעגט מען, אַז אַלע זענען פערטאַרעראַמט מיט'ן „ריטואַל", צו אַלדי שוואַרצע יאָהר? סיידען אַ פרעג טון ביים שמש פון שוהל? נאָר וואו נעמט מען דעם שמש? שאַ, אָט איז ער, דער שמש פון זיין שוהל, צווישען צוויי רעדלעך, אַ קליין ציקאַווע יודעל מיט מאָדנע לאַנגע הענד, די אויגען האַלט ער צו און מיט ביידע אויערן הערט ער זיך אַיין, וואָס בעלי-בתּים רעדען. איין אויער הערט ביי איהם, וואָס איין רעדעל רעדט, און דאָס אַנדערע אויער דאָס אַנדערע רעדעל. פערדריסט עס דוד'ן.

— איהר דאַרפט אויך הערען, וואָס מע פּלאַפּעלט?

— פאַרוואָס ניט? איך בין קיין יוד ניט? — ענטפערט איהם דער שמש האַלב מיט עזות און האַלב מיט אונטערטעניגקייט און האָט מורא צונעמען די אויערן, טאָמער וועט ער עפּעס דורכלאָזען פון דעם, וואָס בעלי-בתּים רעדען.

— ווייסט איהר ניט, וואו איז ערגיץ מיין זוהנדעל?

— אייער זוהנדעל? — פרעגט איבער דער שמש און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען און מוז נעבאַך אַוועקוואַרפען די רעדלעך מיט די בעלי-בתּים סאַמע אין רעכטען שמועסען — די וויסטע פּרנסה, וואָס זאָל מען טון?

אַ טעות וועט אָבער זיין פון דעם, וואָס מיינט, אַז דער שמש וועט צוליעב אַ בעל-הבית ווי שפּיראָ, ער מעג זיך זיין פון די אמת'ע,

פון די סלאַוויטער שפּיראָס, אַוועקוואַרפען אַלסדינג און געהן זוכען זיין פאַניטשעל. וואָס קאָן ער ניט בעשטעהן, אַז די דאָזיגע אַרבייט זאָל בעמען אויף זיך דער „אונטער־שמש״? און דער שמש טוט זיך אַ דרעהע אַהין אַהער, אָפּגעזוכט דעם אונטער־שמש, וואָס האָט אויך אַ נשמה, און וויל אויך הערען וואָס מע רעדט, און רופט זיך אָן צו איהם שטרענג, ווי איין אָפּיצער צו אַ סאָלדאַט:

— הער נאָר, דו, געה זוך זיי אָפּ אָט דאָ זייער זוהנדעל, אַ פאַניטשעל, אַ גימנאַזיסטעל. אָבער גיך, אויף איין פוס! — און אַליין האָט זיך דער שמש אומגעקעהרט צו זיינע רעדלעך, ווי אַ מענש, וואָס האָט זיין זאַך אָבגעטאָן בשלימות און ווייטער לאָז זיך זיין וואָס סע וויל זיך.

דער אונטער־שמש, ווען דער אויבער־שמש האָט געזאָגט „דו״, איז אויך ניט קיין יונגעלע, ווי מען קאָן זיך פאָרשטעלען, נאָר דוקא אַ יוד אין די יאָהרען, וואָס דער אויבער־שמש, און אַ באָרד טראָגט ער אַ סך אַ גרעסערע, ווי דער אויבער־שמש, נאָר פיס האָט איהם גאָט געגעבען אַזעלכע, וואָס געהען ניט אַליין. מע בעדאַרף זיי שלעפען. אָט מיט די דאָזיגע געבענשטע פיס האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זוכען שפּיראָס זוהנדעל דאָס גימנאַזיסטעל צווישען קליינוואַרג, לאָזט זיך אויס, אַז צווישען קליינוואַרג איז סיאָמקע נישטאָ. סיאָמקע וויל בעסער האָרכען, פון וואָס רעדט עס דער עולם אַזוי געשמאַק? האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט נעבען אַ רעדעל אַלטע יודען, צונויפגעלעגט די הענטלעך אויפ'ן האַרצען, אַ ביסעל אַיינגעבויגען דעם קאָפּ אויף אַ זייט, ווי איין אַלטער, און זיך צוגעהאָרכט צו אַלע מעשיות מיט אַלע רייד מיט אַלע מימרות, אַריינגעקוקט בעת מעשה איטליכען אין די אויגען אַריין, בישט דורכגעלאָזט קיין וואָרט, גאָר פערגעסען, אַז ס'איז היינט פסח, און אַז מע דאַרף געהן אַהיים זיך זעצען צום סדר, און אַז ער דאַרף היינט פרעגען דעם טאַטען די פיער קשיות. אָנשטאָט די פיער קשיות, וואָס ער קען זיי אויף אויסווייניג, האָט סיאָמקע צו פרעגען זיינע אייגענע פיער קשיות: די ערשטע קשיא — פאַרוואָס אייגענטליך האָט מען איהם היינט געשלאָגען אין גימנאַזיע?... די צווייטע קשיא — פאַר־וואָס אַלע יאָהר און נאָר אַז סע קומט פסח האָבען יודען מורא פאַר אַ פּאָגראָם?... די דריטע קשיא — פאַרוואָס עפּעס אומעדום נאָר גוים מאַכען פּאָגראָמען?... די פערטע קשיא —... נאָר דאָ קומט אָן דער טאַטע. דערזעהענדיג סיאָמקען אין אַזאַ פּאָזע, פערקלעמט דוד'ן ביים

האַרצען: „נעבאַך אַ קינד און דאַרף הערען אַזעלכע מעשיות...”

— אַזאַ וועזוריק ווי דו בעדאַרפסט אויך הערען, וואָס מע רעדט? אַ, ניט געדאַכט זאָלסטו ווערען!

און נישט קוקענדיג, וואָס סיאָמקע איז אַ „פּאַניטשעל” און טראָגט אַ מונדירעל מיט זילבערנע קנעפּ, נעמט איהם דוד אָן מיט כעס פאַר אַ הענטעל און לאָזט זיך געהן מיט איהם אַהיים מיט גיכע טריט, ווי זיין שטייגער איז.

## דאָס זיבענאונפערציגסטע קאַפּיטעל.

### ביים סדר.

פון שוהל אַהיים איז דוד שפּיראָ אַריינגעקומען בהרחבה, ווי אַלע יאָהר אין דער צייט, און מיט'ן אייגענעם ברייטען גוט-יום-טוב וואָס אַלע יאָהר אין דער צייט און, ווי אַלע יאָהר אין דער צייט, אַוועקגעזעצט זיך אויפ'ן טראָן, ווי איין אמת'ער בן חורין, ווי אַנ'עכ-טער אַריסטאָקראַט, וואָס צעהלט זיין יחוס אַ סך — אַ סך דורות פון „מלכים בני מלכים", און גענומען אָפּריכטען דעם סדר מיט דערזעל-בער פייערליכקייט וואָס אַלע יאָהר און מיט דעם אַלטען בעקאַנטען נגון, וואָס געהט ביי אונז בירושה פון דור צו דור. אמת, אויף זיין פּנים איז געווען איבערגעצויגען נישט קיין געוועהנליך וואָלקענדעל, פון די אויגען האָט אַרויסגעקוקט אַ פערבאָרגענער טרויער און אין קול האָט זיך געלאָזט הערען אַ מינאָרנער טאָן, אַנ'אָפּקלאַנג פון דעם כל-ישראל-פּעקעל, וואָס הייסט „שטשיגירינסקי"; דאָס אַלץ האָט אָבער געקאָנט בעמערקען נאָר איין שרה, וועלכע איז געזעסען איצט ביי זיין רעכטע האַנד אָנגעטון און צוגעקליבען ווי אַ קעניגין און אויסגע-זעהען ווי אַנ'אמת'ע קעניגין — קיינער וואָלט זיך גאָר ניט געגלויבט, אַז דאָס איז די אייגענע שרה, וואָס האָט אַליין מיט איהרע הענד אַרויסגעטראָגען דעם חמץ, אָדער, ווי זי רופט עס אָן, דעם „הקדש" פון דער דאָזיגער שטוב און אַליין, איין מענש אַליין, אַריינגעשלעפּט אַהער דעם פּסח. איצט זענען די דאָזיגע הענד ווייס און זויבער און אַ פּאָר דימענטלעך בלישטשען אַרויס פון די אַלטע פינגערלעך, וואָס זי האָט אָנגעטון לכבוד יום-טוב. דיזעלבע דימענטלעך בלישטשען אַרויס פון איהרע אַלטע אויהרינגלעך, וואָס זי טוט אָן פון יום-טוב צו יום-טוב. נאָר מעהר פון אַלעס בלישטשעט און שיינט איהר נאָך גאָר יונג שען

פנים, וואָס איז איצט נאָר אַ ביסעל מעהר פערזאָרגט ווי אַלע מאָל. עס מאַכט ניט אויס. שרה טראָגט טאַקי אַ פול הארץ מיט צרות נאָך פון פורים אָן, נאָר זי זאָגט נישט קיינעם. ווייבאַלד אַז איהר דוד האָט פיינט, מע זאָל רעדען פון דעם גע'הרג'עטען וואָלאָדקי, למאי זאָל זי איהם אָנטון אומזיסטע יסורים? זי וואָלט אפשר אַליין אויך געוואָלט פערגעסען פון דער מכה, ווען ניט איהר שוועגערין, וואָס האָט מיט אַ פאָר ווערטער נאָר, וואָס זענען געזאָגט געוואָרען, דאַכט זיך, אויפ'ן ווינט, נאָר פעררייכט דאָס מזל. די פאָר ווערטער זענען איהר אַריין טיעף אין הארצען און ערשט נאָך איהר אַוועקגאַנג האָט זי זיך דער-מאָנט, אַז צווישען די פאַפּירען, וואָס מע האָט צוגענומען ביים קוואַר-טיראַנט, איז דאָך געווען אויך איהר טאָכטערס פּאָרטרעט — אַ מכה איז איהר אַ גרויסע! עס איז איהר גאָר פונ'ם קאָפּ אַרויס, ווינד איז איהר און וועה!... און זי קוקט אויפ'ן שיינענדיג גליקליך פנים פון איהר טאָכטער, וואָס זיצט אַזוי נאָהענט נעבען דעם נאָך מעהר גליקליכען קוואַרטיראַנט, און זי בעט פאַר זיי ביידען, וואָס — ווייסט זי אַליין ניט... זי בעט גאָט עס זאָל איהר ניט פערשטערט ווערען די שמחה, וואָס דאַרף זיין ביי זיי אין שטוב אם ירצה שם אין גיכען אויף אַ קנס-מאָל אין אַ גוטער שעה אַ מזל'דיגער... און אַז עס האַלט ביי אַ קנס-מאָל אין גיכען — אין דעם איז דאָך ביי איהר קיין ספק נישט. וואָרום פון וואַנען דען נעמט זיך צו די „קינדער" אַזאַ נאָהענטקייט? שרה שפּיראָ קען גוט איהר טאָכטער (און דערצו גיט זי אַכטונג, אויף וואָס דען איז זי אַ מאַמע?), און אויך דעם קוואַרטיראַנט קען זי שוין אויסגעבונדען, און זי איז פאַר איהם גאַנץ רוהיג, אַז ער געהט אַרום מיט כשר'ע געדאַנקען... נישמעהר, וואָס היינטיגע קינדער האָבען פיינט, מע זאָל זיי אַריינקוקען אין טעלער אַריין, און זיי האָבען צייט...

שרה איז צופרידען, וואָס דער היינטיגער סדר האָט זיי גע-מאַכט נאָך מעהר נאָהענט און נאָך מעהר היימיש ווי ביז אַהער. און געמאַכט האָט זיך עס פון זיך אַליין, אויף אַזאַ מין אופן: אַז דוד איז געקומען פון שוהל, האָט ער קודם כל געבעטען מחילה ביים קוואַר-טיראַנט, ער זאָל זיך מטריח זיין אָנטון דאָס היטעל.

— טאַקי אַ סטודענט, — האָט איהם דוד געזאָגט — און טאַקי אַ מע-דאַליסט, און טאַקי אַ האַלבער גוי, נאָר איינס צום אַנדערען געהער זיך ניט אָן. אַ יוד בעדאַרף זיצען ביים סדר אין אַ היטעל, ווי גאָט האָט געבאָטען.

דערנאָך האָט איהם דוד געזעצט נעבען זיך פון דער לינקער האַנד (מחמת אין דער רעכטער האַנד זיצט דאָך די מלכה, שרה הייסט עס), נעבען איהם האָט ער אַוועקגעזעצט בעטין, געגעבען זיי בײדע איין הגדה און אַ זאָג געגעבען צו דער טאָכטער אויף יודיש:

— דו וועסט איהם שוין ווייזען אַלסדינג, וואָס מע דאַרף זאָגען און וואָס מע דאַרף ניט זאָגען, וואָרום ער איז דאָך מסתמא אַזוי קלאָר אין דער הגדה, ווי אַ גוי אין אשרי...

בעטי זעצט איהם איבער דעם פּאָטערס ווערטער, און אַך, ווער איז צו זיי גלייך אין דער מינוט? זיי זיצען אַזוי נאָהענט איינס נע-בען דאָס אַנדערע און קוקען אַריין אין איין הגדה אַריין—און וואו זענען זייערע געדאַנקען? בעטי פיהלט נאָך אויף זיך דאָס פייער פון זיינע ליפּען—און עס מאָלט זיך איהר אויס, אַז מע זאָל זיך גוט צו-קוקען, וואָלטען עס דאַכט זיך אַלע געזעהען... זי קאָן זיך ניט אָפּ-געבען קיין ריכטיגען דין וחשבון, ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? ווער איז געווען דער ערשטער—ער, אָדער זי?... און וואָס וועט זיין ווײ-טער? מיט וועמען וועט ער רעדען—מיט'ן טאַטען אָדער מיט דער מאַמע? און ווי אַזוי וועט ער רעדען?... אָדער ער וועט אפשר ווע-לען אַראָפּברענגען אַהער פריהער זיין פאָטער, דעם אויפגעקומענעם גביר מיט'ן גראָבען בויך און מיט'ן געקניטשטען האַלז, מיט די אי-בערגעזעטיגטע ליפּען און מיט די אויסגעלאָשענע אויגען?...

— ניין, דאָס וועט ער נישט טון. ער ווייס, אַז איך האָב דאָס ניט ליעב... אַזוי טראַכט זיך בעטי און איבערמישענדיג אַ בלעטעל אין דער הגדה, בעגעגענט זי זיך מיט זיינע אויגען, וואָס בערוהיגען זי און זאָגען איהר אַזוי פיעל, אַזוי פיעל!...

— זיי מיינע! — מאָלט זיך איהר אויס, אַז עס זאָגען איהר זיינע אויגען, און זי ענטפערט איהם מיט די אויגען:

— איך בין דיינע... איך בין שוין לאַנג דיינע, האָטש דו ביסט מיר אַ לאַנגע צייט געווען אַ רעטעניש און איך האָב דיך נישט גע-קאָנט פערשטעהן... איצט דאַכט זיך איהר אויס, אַז זי פערשטעהט איהם שוין גוט און קאָן איהם שוין דורך און דורך און ווייס אפילו אַלע זיינע מחשבות, וואָס ער טראַכט אַצינד... אָ, גליקליכע, נאַרישע בעטי! פון וואַנען זאָל זי וויסען, אַז דער דאָזיגער שענער ציקאַווע בחור מיט דער שענער פאַטליע שוואַרצע האָר און מיט דער יודישער נאָז, וואָס טראָגט אַזאַ יודישען נאָמען ראַבינאָוויטש און ווייסט גלייך

מיט אַלע יודען דעם טעם פון אתה בחרתנו פון „פּראָצענט-נאָרמע", „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען, איז ניט ראַבינאָ-וויטש און ניט קיין יוד קיין אתה-בחרתנו'ניק, נאָר אַיין אַנדער מיוחס. זיין יחוס איז ניט דער, וואָס זיינע עלטער-עלטער-זיידעס קומען אַרויס פון די פּאַטריאַרכען אברהם יצחק ויעקב, וואָס מיר יחוס'ן זיך מיט זיי. ניין, זיין יחוס איז נאָר דער, וואָס זיין פאָטער, אַ דוואָריאַנין און אַ רייכער פּאָמעשטשיק, איוואַן איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, איז אַיין אָנגעזעהענער פּאַרשוין אין די הויכע ספערען, פון די מקורבים למלכות, מיט אַ גאַנץ הויכען טשין שיער ניט אַ מיניסטער. ניין, איוואַן איוואַנאָ-וויטש פּאָפּאָוו קאָן זיך נישט בעריהמען, אַז ער קומט אַרויס פון די שפּיראָס, פון די אמת'ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס. דערפאַר קאָן ער זיך בעריהמען דערמיט, וואָס ער האָט איין ברודער אַ גובערנאַטאָר, דעם אַנדערען ברודער אַ זעמסקי נאַטשאַלניק און אַליין איז ער אויך נישט קיין אַבי-ווער; ער איז ניט מעהר און ניט ווינציגער ווי דער געוועזענער ט—ער גובערנסקי פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ! נו, ווען וואָלט דאָס קומען אויפ'ן זינען אַזאַ זאַך?... און אונזער העלד אַליין וואָלט דאָס דען געגלויבט פאַראַיאָהרען אין דער צייט, אַז ער וועט היינטיגע נאַכט זיצען מיט יודען ביי אַ יודישען טיש, אָפּריכ-טען גלייך מיט אַלע יודען דעם יודישען פּסח'יגען סדר, אַריינקוקען גלייך מיט אַלע יודען אין אַ יודישער הגדה, וואו עס ווערען דערצעהלט די גרויסע וואונדער פון יציאת מצרים, און נאָכדעם זיך קוויקען גלייך מיט אַלע יודען מיט'ן טרוקענעם אָרים-ברויט, וואָס הייסט אויף זיין גוייש לשון „מאַצאַ", מיט'ן האַרבען ביטערען מרור-חריין, מיט די געפילטע שטאַרק געפעפערטע פיש, מיט די פעטע מצה-קניידלעך און פּאַלירטשיקעס? און ווער איז עס אימשאַנד איבערגעבען אויף פּאַפּיר דעם ים מיט געפיהלען און די וועלט מיט געדאַנקען, וואָס האָט אי-בערגעלעבט און איבערגעטראַכט אונזער רוסישער העלד אין דער דאָ-זיגער נאַכט פון דעם יודישען פּסח ביים יודישען טיש מיט יודען ביים סדר?... אָט ערשט פאַר יום-טוב האָט ער געלייענט אין אַ צייטונג אַ קורצע טעלעגראַמע פון זיין היים פון ט—ר גובערניע, אַז פון דאָרט, לויט'ן בעפעהל פון ט—ר גובערנאַטאָר (זיין פעטער) ווערען אַרויסגע-שיקט אין צוויי וואָכען צייט 450 יודישע משפחות...

„פיער הונדערט פופציג משפחות — טראַכט ער זיך אַריינקוקענדיג מיט בעטין אין איין הגדה אַריין — פיער הונדערט פופציג משפחות,

דאָס זענען אונגעפעהר אַ פּאָר טויזענד נפשות, ווערען זיי אַרויסגעשיקט דורך מיין פעטער דעם גובערנאַטאָר, נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבען עמיצען בעגזל'ט אָדער בעגנב'עט, פיער הונדערט און פופציג משפחות אין איין קלאַפּ קאָן מען נישט חאַפּען אין א י י ן עבירה. מע שיקט זיי אַרויס נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען יודען... מע האָט זיך אויפגע-חאַפּט — אַזוי שטעלט ער זיך פאָר — אין איין שענעם טאָג, אָדער אין איין פינסטערער נאַכט 450 משפחות מענשען און מע האָט זיי איבער-געלייענט אַ פּאַפּיר, אַז זיי זאָלען זיך אין פערלויף פון צוויי וואָכען פערנעמען מיט אַלע זייערע בעבעכעס און זאָלען זיך איבערפּעקלען וואוהין די אויגען טראָגען, אַהין, אין דער „טשערטאַ", ג ד י ע י ע ו ו-ר ע י א ם ז ש י ט ד אָ ז וו אָ ל י ע נ אָ... און אַזוי ווי דאָס איז עפּעס ניט אַזאַ גרינג שטיקעל אַרבייט, אַז 450 משפּחות זאָלען זיך אין צוויי וואָכען צייט אַריבערפּעקלען מיט די בעבעכעס אויף אַ שטח פון טוי-זענדער ווערסטען, און אַזוי ווי דאָס יודישע פאָלק איז, לויט ער האָט דאָס קענען געלערנט, אַ פאָלק פון מענשען היציגע, מענשען חאַפּענדי-גע, מענשען זשומענדיגע, מענשען פליגען, האָט זיך עס דאָרטען מסתמא געקאָכט! יודען האָבען זיך געפּאַקט, ווייבער האָבען געוויינט, קינדער האָבען געפּישטשעט — און פּאָליציע האָט אַכטונג געגעבען, אַז פון די 450 משפחות זאָל זיך חלילה נישט פערוואַלגערן קיין איינציגער יו-דעל... און אָט האָבען זיך אויפגעהויבען 450 משפחות פון זייערע ער-טער, וואו זיי זיצען שוין אפשר הונדערטער יאָהרען, און שלעפּען זיך מיט זייערע בעבעכעס אויף די אַייזענבאַהנען, שיפען און טראַקטען פון אונזער אומגעלומפערט גרויסער מדינה, עפּעס אַ מין אויסגאַנג פון מצרים אינ'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט"...

טראַכטענדיג פון דעם, דערמאַנט ער זיך געווי אינ'ם לשון ווי דאָרט איז געשטאַנען: „נאָכ'ן בעפויל פונ'ם ט—ער גובערנאַטאָר" — דאָס איז זיין פעטער, זיין פאָטערס יונגערער ברודער אַנדריי איוואַנאָ-וויטש פּאָפּאָוו, נישט נאָר אַנ'אויסגעצייכענטער בראַווער מענש מיט אַ גוטען ווייכען כאַראַקטער, נאָר אַ מענש מיט ליבעראַלע געדאַנקען... און ער דערמאַנט זיך, ווי אַזוי דער פעטער אַנדריי איוואַנאָוויטש האָט אַמאָל אינאיינעם מיט זיין פאָטער איוואַן איוואַנאָוויטש שטאַרק פּראָ-טעסטירט און צוקריגט זיך מיט זייער עלטערן ברודער דעם זעמסקי נאַטשאַלניק ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש דערפאַר, וואָס יענער האָט דערלאָזט, מע זאָל ביי איהם אין דאָרף אָפּשמייסען אַ גוי... ער געדענקט נאָך,

ווי דער פעטער אַנדריי איוואַנאָוויטש האָט דעמאָלט געפייערט, אָנגערופען דעם פעטער ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש מיט'ן נאָמען „אַראַקטשעיעוו"... ווי איז דאָס מעגליך? ניט שוין-זשע האָבען די פיער הונדערט און פופציג יודישע משפחות איהם געלאָזט צורוה, נישט געגאַנגען בעטען (יודען האָבען דאָך אַזוי ליעב בעטען, שיקען דעפוטאַציעס!) — וואו איז געוועז דעמאָלט זיין גוט האַרץ? וואו זענען געוועז זיינע ליבעראַלע געדאַנקען?... „עפעס טאַקי נאָר אַנ'איבערקעהרעניש אין די מחות, משוגע צו ווערען! אַפנים עס איז היינט אַזאַ צייט געוואָרען — טראַכט ער זיך ווייטער — וואָס אַלסדינג איז קאַפויר, מיט'ן פנים אַראָפּ? דאָס, וואָס אַמאָל איז געוועז קרום און משוגע, איז היינט גלייך ווי עס געהער צו זיין. דאָס, וואָס פריהער איז געוועז דורכאויס אוממעגליך, איז היינט גאַנץ מעגליך. אָט למשל, דער אינצידענט מיט'ן גענעראַל, וואָס די באַרישניס פאַמיליאַנט האָבען דאָ היינט דערצעהלט... געהט זיך אַ גענעראַל איבער דער גאַס — ניט קיין פינסטערער מענש פון מאַרק, ניט קיין איזוואָזטשיק, ניט קיין באָסיאַק, נאָר אַ ג ע נ ע ר אַ ל! — נו, געהט זיך אַ גענעראַל און דערזעהט אַ גרעק פיהרט זיין קינד פאַר אַ העגטעל און דאָס קינד וויינט, נו איז אַ סימן, אַז דאָס פיהרט מסתמא אַ יוד אַ קריסטליך קינד פאַר אַ „קרבן-פסח" — ניט אַנדערש... אַפנים, אַז מיר אַלע פון קליין ביז גרויס, פונ'ם סאָלדאַט ביז'ן גענעראַל, פונ'ם אַרבייטער ביז'ן אינטעליגענט, פונ'ם „צווייקעפיגען אָדלער" ביז דער „נאָוואָיע ווערעמיאַ", גלויבען מיר, אָדער עס ווייזט זיך אונז אויס, אַז מיר גלויבען, אַז אין אונזער אומגעלומפערט גרויס לאַנד, צווישען אַלע אַנדערע פערשידענאַרטיגע פעלקער, געפינט זיך אַ פאָלק, וואָס הייסט יודען, און די דאָזיגע יודען, זאָגט מען אונז, זענען ניט נאָר ערגער און שעדליכער און נידעריגער פון אַלע אַנדערע פעלקער, נאָר זיי זענען נאָך אַזוי פאַנאַטיש ווילד, אַז זיי בענוצען מענשליך בלוט צו זייערע רעליגיעזע צוועקען, און דוקא אונזער קריסטליך בלוט, וועלכעס זיי צאַפּען אויס פון אונזערע קריסטליכע קינדער אויף אַזאַ אונמענשליכען שטייגער, וואָס ס'איז גאָר נישט געהערט געוואָרען, סיידען צווישען באַרבאַרען, איז דאָס אין די אַלטע-אַלטע צייטען! און די דאָזיגע יודען זענען ניט עפעס אַ הייפעל מענשען, וואָס האָבען זיך פערקליבען ערגעץ אין אַ ווייטען ווינקעל אויף יענער זייט אוראַל, אָדער אויפ'ן קאַווקאַז. ניין. דאָס זענען היבשע עטליכע מיליאָן אונזערע נאָהענטע שכנים, מיט וועלכע מיר לעבען אינאיינעם אויף איין

טעריטאָריע, אָטעמען מיט זיי איין לופט, עסען מיט זיי איין ברויט שוין הונדערטער פון יאָהרען! דאָס זענען ניט קיין כינעזער, אָדער אינדיאַנער, וועמענס גלויבען איז פאַר אונז פרעמד און וועמענס היס־טאָריע איז פאַר אונז אַ סוד. ניין. מיר זענען גאַנץ גוט בעקאַנט מיט זייער גלויבען, וואָס איז אונז מעהר ווי נאָהענט, און זייער היסטאָריע איז פאַר אונז אָפען. וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד אַז גאַנצע פעלקער און דורות קאָנען האָבען וועגען מענשען, וואָס לעבען מיט זיי, מען קאָן זאָגען, אונטער איין דאַך, אַזוינע קאָמיש פאַלשע מיינונגען, אַזעלכע משונה ווילדע אומגעלומפּערטע פאָרשטעלונגען, היינט וואָס פאַר אַ ווערט קאָנען האָבען אַלע אַנדערע מיינונגען און פאָרשטעלונגען?"...

— ס'איז אַייך, ווייזט אויס, געפעלען? איהר ווילט נאָך? — רופט זיך אָן צו איהם בעטי און מיט אַ פריילינען געלעכטער מאַכט זי איהם צו הינטער דער נאָז די הגדה.

— בעטי, ביסט אַנ'עזות-פנים! — האַלט איהר פאַר די מוטער — וואָס איז דיין עסק? אפשר ווילען זיי זאָגען שיר השירים אויך?

— נגו! — ציהט אויס דוד, וואָס איז געוואוינט צו זאָגען אַלסדינג פערקעהרט וואָס דאָס ווייב זאָגט, אפילו פסח צום סדר, — וועדליג דו פערשטעהסט אַנ'עסק... אונזער ראַבינאָוויטש וועט זיך שוין בעגעהן, זעה איך, היינטיגס מאָל אָהן שיר השירים. געגוג פון זיינעטוועגען דאָס אויך, אַז ער האָט געקאָנט אויסזיצען ביז חד-גדיא... איהר קאָנט שוין אויסטון דאָס היטעל, אויב איהר ווילט, אָדער אויב ס'איז אַייך שווער.

אַזוי זאָגט דוד צום קוואַרטיראַנט, וואָס שטעהט אויף פון טיש אינאיינעם מיט בעטין, טוט אויס דאָס היטעל, וואָס איז פאַר איהם געוועזען באמת אַ משא כבדה, זעצט זיך אַוועק מיט איהר ביי אַ זייט אַ ביסעל רעדען און אַ ביסעל קריגען זיך, זאָגען איינס דאָס אַנדערע שטעכווערטער, ווי זייער שטייגער איז. און דוד זינגט אויף אַ קול מיט איין אַלטען נגון דעם אַלטען „שיר השירים", און סיאָמקע אויף זיין יונג קול'כעל זינגט איהם נאָך, און שרה קוועלט פון זיי אַלע, ווערט ברייטער ווי לענגער.

## דאָס אַכטאונפערציגסטע קאַפּיטעל.

## גוטע פריינד קריגען זיך — טייבעלעך קושען זיך

קריגען זיך, אַמפּערן זיך, זאָגען זיך שטעכווערטער — דאָס איז ביי אונזערע יונגע לייט שוין לאַנג געוואָרען אַ געוועהנליכע זאַך. עס פלעגט זיך מאַכען אָפּט, אַז די מוטער האָט זיך געמוזט אַריינמישען און מאַכען אַ שלום צווישען זיי:

— קינדער — פלעגט זי זאָגען — זאָלען אייך האָבען אַ טבע טאָג ווי נאַכט רייסען זיך ווי די קעץ!

אָדער:

— בעטי! דו וועסט אַמאָל נאָכגעבען וואָס יענער זאָגט, צי ניין?

אָדער:

— וואָס הערט איהר זי, פּאַני ראַבינאָוויטש? איהר ווייסט דען ניט, אַז זי איז אַ שפּיראָ? אַלע שפּיראָס האָבען ליעב זאָגען קאַפּויר, מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, טאַקי נאָר אויף צוזעצעניש.

שרה איז געווען גערעכט. וואָס ראַבינאָוויטש זאָל ניט זאָגען, האָט בעטי געמוזט זאָגען פערקעהרט. דערפאַר האָט ער איהר אָבער אויך ליעב געהאַט זאָגען פערקעהרט. ער האָט געמעגט וויסען, אַז זי איז גערעכט ווי גאָט אַליין, האָט ער געדרונגען קאַפּויר נאָר מיט איין צוועק — בכדי זי זאָל זיך אָנצינדען, אַרויסווייזען איהר הייסען טעמפּעראַמענט און איהרע שענע שאַרפע צייהן...

עס איז אינטערעסאַנט זיך אָפּשטעלען אויף אַ פּאָר קלייניגקייטען, וואָס זענען גלייך כאַראַקטעריסטיש פאַר זייביידען.

געוואָרען ביי די שפּיראָס אַ היימישער מענש און בעמערקט, אַז די מוטער און די טאָכטער האָבען נישט ליעב, אַז דער פאָטער, דוד שפּיראָ, בעריהמט זיך מיט זיינע עלטער-זיידעס, די אמת'ע, די סלאַ-

וויטער שפּיראָס, האָט ער איינמאָל אויף אַ ציקאַוועסט אַ פרעג געגעבען ביים בעל-הבית: וואָס איז אייגענטליך דער מעהר מיט די דאָזיגע סלאַוויטער שפּיראָס? דוד האָט אַוועקגעשטעלט אויף זיין קוואַרטיראַנט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי יענער וואָלט איהם פרעגען: וואָס איז דער מעהר מיט אברהם אבינו אָדער מיט משה רבינו?

— וואָס? איהר האָט קיינמאָל ניט געהערט די געשיכטע מיט די סלאַוויטער שפּיראָס, די וואָס מע האָט אין וואַסילטשיקאָווס צייטען געגנאַטעוועט, געטריבען „סקוואָז סטראָי” איבער אַ בלבול? ווי איז דאָס מעגליך?

אַזוי האָט איהם געזאָגט דוד און גענומען איהם דערצעהלען אַן-אַלטע אַ טרויעריגע געשיכטע פון צוויי ברידער, עשירים מופלגים בתורה, איינער האָט געהייסען ר׳ שמואל אבא שפּיראָ און דער אַנדערער ר׳ פּנחס׳ל שפּיראָ, אוןביידע זענען געזעסען אין סלאַוויטע, געהאַלטען אַ דרוק. האָט זיך געטראָפען אַ מעשה איבער אַ פאַלשען „דאָנאָס”, איבער אַ מסירה׳לע, איז אַרויס אַ בעפויל פונ׳ם גובערנאַטאָר וואַסילטשיקאָוו, מע זאָל זיי גנאַטעווען, טרייבען „סקוואָז סטראָי”, אויף אַמאָליגען אַלטען שטייגער. איז בעת מע האָט זיי גענומען קאַטעווען און די סאָלדאַטען מיט די ריטער האָבען געטאָן זייער אַרבייט, איז ביים עלטערען ברו-דער אַראָפּגעפאַלען די יאַרמעלקע פונ׳ם קאָפּ, האָט ער, נישט קוקענ-דיג אויף די ריטער, זיך אָנגעבויגען, אויפגעהויבען און אָנגעטאָן די יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען...

— אָט דאָס איז גאָר? — האָט זיך ניט ווילענדיג אַרויסגעחאַפּט ביים קוואַרטיראַנט, און בעטי איז שוין געוואָרען אָנגעצונדען ווי אַ שוועבעלע:

— וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט?

ווענדיג פערענטפערן זיין פּאָזיציע, האָט ראַבינאָוויטש אַרויס-געזאָגט אַ געדאַנק, אַז ער זעהט ניט אַרויס אין דעם קיין בעזונדערע גבורה און אַז ער פערשטעהט ניט, וואָס איז פאַרהאַן זיך צו בעריה-מען מיט אַ געשמיסענעם אין דער משפחה?...

נו-נו. ראַבינאָוויטש האָט מעהר נישט בעדאַרפט. ער איז אָפּגע-שאָטען געוואָרען מיט פייער פון ביידע זייטען. פון איין זייט האָט איהם דוד שפּיראָ גענומען פיילען אויף זיין שטייגער, אַז אָט דער ראַבינאָוויטש, הערט איהר, האָט אין זיך תנועות און אָפּשניצלעך פון אַנ׳אמת׳ן גוי; אַז ער האָט ניט אין זיך קיין יודישען אָדער און אַזוי

ווייטער... און בעטי פון איהר זייט האָט געוואָלט הערען פון איהם, וואָס איז לויט זיין מיינונג מעהר בזיון — זיין אַ גע ומיסענער, צי זיין אַ שמייסער? וואָס איז מעהר כבוד — האָבען אַ געהאָנגענעם אין דער משפחה, אָדער האָבען אַ תליך, וואָס האָט געהאַלטען אין איין הענגען מענשען?...

— אָבער גענוג! נו גענוג שוין! זעהט נאָר, ווי מיט אַ וואָגען האָט מען זיי פערטשעפעט, דעם טאַטען מיט דער טאָכטער! — מישט זיך אַריין שרה און עס נעמט אַ סוף.

דאָס אַנדערע מאָל האָט זיך געטראָפען אַ מעשה: בעטי און דער קוואַרטיראַנט זענען געזעסען אין דער פריה ביי דער טיי און געלייענט אַ בלאַט-צייטונג. האָט זיך ראַבינאָוויטש אָפּגעשטעלט אויף אַ נאַרישען, נאָר אַ טרויעריגען עפּיזאָד, וועלכעס איז גאָר קיין נייעס נישט פאַר אַ יודען, און וועלכעס איז אין דער „טשערטאַ" אייגענטליך מעשים בכל יום.

דער עפּיזאָד האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין אַ יודישער שטאָדט, אין אַ גימנאַזיע, צווישען קליינע קינדער, וואָס האָבען געשפּיעלט מיט'ן לעהרער אין „סאָלדאַטלעך" („פאָלק פאָטיעשניך").

צונויפגעזאַמעלט זיך אויפ'ן שטאָדט-פּלאַץ — דערצעהלט זיך דער קאָרעספּאָנדענט אַ מעשה ווי אַ מסיח לפי תמו — האָבען העכער הונדערט קינדער אויסגעשטעלט זיך אין דער רייהע און גרייט געווען צו מאַר-שירען. דאָס איז געווען אַיין אויסגעצייכענט בילד, וואָס האָט צונויפ-געקליבען אַרום זיך אַ מאַסע מענשען. די גאַנצע שטאָדט איז אַרויס-געקומען אָנקוקען די קליינע סאָלדאַטלעך. קינד און קייט האָבען זיי מקנא געווען. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע פונ'ם אָפיצער:

— יודישע קינדער אויף צופריהער („יעווריעאי ווּפעריאָד"!)!

זענען אַרויסגעטריטען דריי קליינע סאָלדאַטלעך מיט יודישע פּנים'לעך פון מלאַדשי פּריגאָטאָוויטעלנע קלאַס און ווי די אמת'ע סאָל-דאַטען אַוועקגעשטעלט זיך און אויסגעצויגען פאַר'ן אָפיצער, מיט גליק-ליכע אויגען געוואַרט אויף דער ווייטערער קאָמאַנדע.

— סטופּאַיטיע דאָמאָי! (געהט אַייך אַהיים!) — האָט זיך געלאָזט הערען דעם אָפיצערס קאָמאַנדע, און די דריי קינדער זענען געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט, ניט פערשטאַנען נאָך, וואָס דאָס הייסט.

— סטופּאַיטיע דאָמאָי! — האָט דער שטרענגער אָפיצער אויסגע-קאָמאַנדעוועט נאָך אַ מאָל. און בכדי זיי זאָלען איהם מעהר פערשטעהן

אַפּנים, האָט דער אָפּיצער צוגעלעגט: „הערשקאָ, יאַנקעל, באָראַך, מאָטעלע, מאָמעלע, געהט אַהיים!” און בעת מעשה האָט ער געמאַכט אַזאַ ממזרישע מינע, אַז דער גאַנצער עולם, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבען אין גאַס, האָט אויסגעשאָסען אַ פריילליכען געלעכטער און גענומען פּאַטשען בראַוואָ, און די דריי יודישע סאָלדאַטלעך זענען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך אונטער הילכענדיגע אַפּלאָדיסמענטען אַוועק אַהיים.

— טשאָרט זנאַיעט טשטאָ! — האָט אויסגערופען ראַבינאָוויטש, אַ וואָרף געגעבען פון זיך דאָס בלאַט, זיך אויפגעחאַפּט, גענומען אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב און שאַרען די האָר אַרויף, און פייערן אויף דעם אכזר דעם אָפּיצער, וואָס האָט ניט אין זיך קיין טראָפּען מענשליכקייט, און אויפ'ן נאַרישען פובליקום, וואָס איז גרייט צו אַפּלאָדירען יעדער נידערטרעכטיגקייט, און אויפ'ן קאָרעספּאָנדענט דעם אידיאָט, וואָס בעשרייבט אין אַזאַ אידיאָטישען טאָן אַזאַ אונערהערטע רציחה, וואָס מע דאַרף דערויף רייסען זיך ביי די האָר, דונערן און בליצען!

— שטילער אַ ביסעלע! — רייסט איהם איבער בעטי — מיר האָבען געזעהען ערגערע זאַכען...

ראַבינאָוויטש בלייבט שטעהן.

— ערגערע זאַכען? ערגער דערפון קאָן שוין גאָר ניט זיין, בערטאַ דאַווידאָוונאַ. איהר שטעלט אַייך נאָר פאָר, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, די טיפע בעליידיגונג, דעם גרויסען רחמנות פון די דריי אומשולדיגע תלמידימלעך פון „מלאַדשי פריגאָטאָוויטעלנע” קלאַס — וואָס האָבען געטראַכט זייערע קעפּלעך? און דעם סם המות, וואָס איז אַריינגעגאָסען אין די ריינע הערצלעך פון די איבעריגע, די קריסטליכע קינדער — וואָס האָבען זיי זיך געקלערט? און דאָס פובליקום, וואָס האָט געפּאַטשט בראַוואָ די סטאַדע שעפּסען...

— די סטאַדע שעפּסען — שלאָגט איהם איבער בעטי — האָבען שוין געזעהען ערגערע זאַכען און האָבען אויך געפּאַטשט בראַוואָ. זיי האָבען געזעהען קליינע ברעקלעך קינדער פליהען פון די אויבערשטע עטאַזשען צוריסענע אויף דער האַלב און מיט צוועקלעך אין די קעפּלעך אינאיינעם מיט די צובראָכענע פּאָרטעפּיאַנעס און מיט די צוטרענטע יודישע קישענס...

— אַך, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, וואָס גלייכט איהר? דאָס איז געווען

אַ פּאָגראָם און דאָס איז שוין ווידער עפּעס אַנדערש...

— דער אייגענער פּאָגראָם, גריגאָרי מאָיסעיעוויטש, נאָר אָהן פּאַראַד, אָהן מוזיק און אָהן פערדערן.

— מיינע ווערטער, נאָר ביי אַייך קומען זיי אויס פערקעהרט. אָך, בערטאַ דאַווידאָוונאַ! בערטאַ דאַווידאָוונאַ!

— וואָס בערטאַ דאַווידאָוונאַ? בערטאַ דאַווידאָוונאַ? — קרימט איהם איבער בעטי, און ער מאַכט אַ קרום פּנים און בעט זיך ביי איהר:

— נו, בערטאַ דאַווידאָוונאַ!...

דערהערט שרה אין קיך, מיינט זי, אַז דאָס רייסען זיך די קינדער אויף דער רעכטער אמת; זי ווייסט ניט, אַז גוטע פריינד קריגען זיך איז ווי טייבעלעך קושען זיך... לויפט זי אַריין אין איין שרעק:

— שאַ! וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז דאָ געשעהן?

— גאָרניט טוט זיך דאָ — בערוהיגט מען זי — גאָרניט איז דאָ געשעהן.

— וואָס-זשע הער איך בערטאַ דאַווידאָוונאַ און בערטאַ דאַווידאָוונאַ? וואָס-זשע האָט ער זיך אַזוי צובערטעדאַווידאָוונעט וואָלט איך געוואָלט וויסען?

עס לאָזט זיך אויס מיט אַ פריילינען געלעכטער, ווי אַלע מאָל. נאָר עס געדויערט נישט קיין סך און די „קינדער" האָבען זיך שוין ווידער צואַמפּערט — הימעל עפּען זיך!

איצטיגס מאָל, אין דער ערשטער נאַכט פּסח נאָכ'ן סדר, אַז מע איז אויפגעשטאַנען פון'ם טיש, האָבען זיך אונזערע יונגע לייט צואַמפּערט איבער אַ פּרינציפּיעלער פראַגע: פּאַרוואָס וויל דוד שפּיראָ ניט ליידען, אַז מע רעדט פון „ריטואַל"? פּאַרוואָס פערוואַרפט ער מיט הענד און מיט פיס, אַז ער דערהערט דאָס וואָרט „עלילת-דם"? ראַבינאָוויטש האָט דערביי אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז ער פערשטעהט ניט, פּאַרוואָס די יודען שווייגען? נאָך זיין מיינונג וואָלטען אַלע יודען פון דער גאַנצער וועלט בעדאַרפט זיך פעראייניגען און אָנווענדען זייער גאַנצע ענערגיע אויף צו פּראָטעסטירען קעגען אַזאַ שרעקליכע בעשולדיגונג...

— פּונקט פערקעהרט! — האָט איהם אָפּגעהאַקט בעטי גלייך און שאַרף ווי אַלע מאָל — פּונקט קאַפּויר! — פּראָטעסטירען בעדאַרפען ניט מיר, נאָר די עהרליכע לייטישע קריסטען... וואָרום פאַר זיי דאַרף

דאָס אייגענטליך זיין מעהר בזיון ווי פאַר אונז אויב איהר ווילט ווי-סען... און איהר זאָגט פּראָטעסטירען! פּראָטעסטירען האָט דען אַ שיעור? אויף איטליכ֞ענס ניס קאָן מען ניט זאָגען: „צו געזונד״... למשל, אָט איצט בעשולדיגט מען אונז, אַז מיר בענוצען קריסטליך בלוט אין אונזער מצה אויף פסח. מאָרגען וועט מען אויסטראַכטען, אַז מיר שלינגען לעבעדיגערהייד קריסטליכע קינדער אויפ'ן ניכטערען האַרצען, און מיר וועלען אויף יעדער ווילדער נאַרישקייט געהן פּראָ-טעסטירען? מיר וועלען זיך אַוועקשטעלען אָפּלייקענען, אַז ניין, מיר שלינגען ניט קיין לעבעדיגע קינדער אויפ'ן ניכטערען האַרצען? פוי! דער פּאַפּאַ איז זעהר גערעכט, וואָס ער וויל דערפון נישט רעדען אפילו. דאָס בעווייזט, אַז ער איז אַנ'אַריסטאָקראַט...

— אַנ'אַריסטאָקראַט?

— וואָס שמייכעלט איהר אַזוי? געוויס אַנ'אַריסטאָקראַט! און יע-דענפאַלס מעהר אַריסטאָקראַט פון יענעם גענעראַל, וואָס האָט דערזע-העז אין גאַס אַ ציגיינער אָדער אַ גרעק מיט אַ וויינענדיג קינד, האָט זיך איהם, חאַ-חאַ, פערשטעלט, ווי מע זאָגט ביי אונז, אַ קורצע קוה פאַר אַ באַרענבוים און ער האָט באַלד דערשמעקט בלוט, וואָרום עס חלומ'ט זיך זיי בלוט. מענשליך בלוט... אין חלום און אויף דער וואָהר זעהען זיי נאָר בלוט און בלוט... אָ! נישט קיין פּראָטעסטען דאַרפען מיר שרייבען, נישט פערענטפערן דאַרפען מיר זיך, מיר דאַר-פען, מיר וואָלטען בעדאַרפט — מע זאָל מיך פאָלגען — אַרויסטרעטען מיט אַ קאָנטר-בעשולדיגונג קעגען אַנדערע...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די יונגע לייט האָבען זיך אַזוי פעררעדט, אַז זיי האָבען גאָר ניט בעמערקט, אַז דוד שפּיראָ האָט שוין גענענדיגט דעם שיר-השירים אויך, אויפגעשטאַנען פון טיש אין דער בעסטער שטימונג און צוגעגאַנגען מיט אַ ניט געוועהנליך שמייכעלע צו די „קינדער״ הערען, פון וואָס רעדען זיי, און אָנגעקומען אַקוראַט אויף דעם ענין „ריטואַל״, וואָס ער קאָן עס ניט הערען.

— איהר אויך פון „ריטואַל״? אַלע, אַלע פון „ריטואַל״, ניט גע-דאַכט זאָלט איהר ווערען!

בעטי זעהט, אַז דער פאָטער איז זעהר אויפגעלעגט, וואָס איז זעהר זעלטען.

— פּאַפּעטשקע, מיר האָבּען דאָ געאַמפּערט זיך מיט אונזער קוואַר-טיראַנט איבּער דיר.

— איבּער מיר? וואָס איז דאָ איבּער מיר צו אַמפּערן זיך?

— ער פערשטעהט ניט דעם שכל. פאַרוואָס דו האָסט פּיינט, אַז מע רעדט פון „ריטואַל".

דוד בּויגט אָן דעם קאָפּ און מאַכט צו די אויגען, זעהט אויס האָרכענדיג:

— נו, און דו פערשטעהסט דעם שכל?

— געוויס פערשטעה איך. איך וויל איהם ערקלערען, אַז דו שטעהסט העכער פון אַזעלכע מיאוסקייטען. אַז דו האַלסט עס פאַר אַ בּעליידיגונג... אַז דו...

— טע-טע-טע! — מאַכט דוד שפּיראָ און פערשטעלט זיך בּיידע אויערן. ער האָט פּיינט, אַז יענער רעדט, ער האָט ליעב בּעסער אַליין צו רעדען. — צו וואָס אַזוי פיעל ווערטער? אויבּ דו ווילסט וויסען אַקוראַט, וועל איך דיר זאָגען דעם שכל, אָט דער „ריטואַל", ווי איהר רופט עס אָן, אָדער „עלילת-דם", ווי עס האָט אַמאָל געהייסען, קאָסט אונז, איך מיין אונזער משפּחה, צו טייער. איך, אַז איך דערהער דאָס וואָרט „עלילת-דם", ווערען מיר פערקיהלט אַלע געבּליטען. איך דער-מאַן מיך, וואָס מיין טאַטע עליו השלום האָט מיר דערצעהלט, וואָס ער האָט דאָס געהערט פון זיין טאַטענס טאַטען, פון די סלאַוויטער שפּי-ראָס, וואָס בּיי זיי אין דער משפּחה האָט זיך געטראָפען, ווי אַזוי ס'איז שיער הרוב געוואָרען אַ שטאָדט מיט יודען, האָט זיך גאָט אַריינ-געמישט, בּעוויזען אַ נס. אַ שענע מעשה איז דאָס געוועזן. אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע.

— דערצעהל, פּאַפּאַטשקאַ, דערצעהל אונז פון די אמת'ע פון די סלאַוויטער שפּיראָס... — האָט זיך בּעטי געלאַשטשעט צום פאָטער, אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיין ווייסען קיטעל און שעלמיש פער-קוקט איהם אין די אויגען אַריין.

אין דעם דאָזיגען שעלמישען קוק, ווי אויך אין די ווערטער „סלאַוויטער שפּיראָס", האָט זיך געהערט ווי אַ איראָניע, וואָס האָט בּעדאַרפט בּעדייטען, אַז די מעשה, וואָס ער וועט דערצעהלען, קאָן זיין, אַז זי וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט, נאָר אַז זי האָט זיך גע-טראָפען מיט די סלאַוויטער שפּיראָס — דאָס איז ניט וויכטיג... און אַלע „האָבּען זיך אַוועקגעזעצט אַרום דוד'ן, בּעטי מיט'ן קוואַרטיראַנט

פון איין זייט, שרה מיט׳ן מיזיניק פון דער אַנדערער זייט (סיאָמ־קעס אייגעלעך האָבען זיך אָנגעצונדען. ער וועט אייך פאַר אַ מעשׂה אַוועקגעבען וואָס איהר ווילט, אויסער, פערשטעהט זיך, די נייע שטי־וועלעך), און דוד שפּיראָ האָט גענומען דערצעהלען זיין מעשׂה, וואָס האָט זיך געטראָפען „טאַקי ביי זיי אין זייער משפּחה".

## דאָס ניינאונפערציגסטע קאַפּיטעל.

## אַן עפּיזאָד פון פאַרצייטען.

די מעשה, וואָס דוד שפּיראָ האָט גענומען דערצעהלען, איז טאַקי געווען זעהר אַ שענע מעשה און ער האָט זי זעהר שען דערצעהלט. איין חסרון נאָר איז געווען, וואָס צוליעב'ן קוואַרטיראַנט, וואָס פערשטעהט יודיש אַ ביסעל מעהר פון אַ גוי, האָט דוד געמוזט זי איבערגעבען אין אַ פרעמדער שפּראַך, אין אַ שפּראַך, מיט וועלכער ער איז עפּעס ניט שוה בשוה. דאָרט, וואו עס האָבען איהם אויסגעפעהלט ווערטער, האָט ער געמוזט טון דאָס, וואָס זיין טאַטע האָט געטאָן: דערמאַכען דאָס איבעריגע מיט די הענד. איז אפילו געהאַט געבליבען תחילת, אַז בעטי זאָל איהם קומען צו הילף, דאָס הייסט, אַז זי זאָל זיין זייער דאָלמאַטש. דאָס איז אָבער געווען גאַנץ איבעריג, וואָרום ווי קאָן דוד שפּיראָ ליידען, אַז יענער זאָל פאַר איהם רעדען? וואָס איז ער, חלילה, אַ שטומער? דעריבער איז ער אַלע מאָל, ווען דער קוואַרטיראַנט האָט זיך געווענדט צו בעטין, זי זאָל איהם געבען צו פערשטעהן, אָנגעפאַלען אויף איהם מיט הענד.

— וואָס פרעגט איהר ביי איהר? וואָס ווייסט זי? זי ווייסט אַזוי ווי איהר און איהר אַזוי ווי זי. אין די זאַכען לאָזט מיך, וועל איך אייך קלאָר מאַכען אַקוראַט.

דאָס רופט אַרויס אַ פריילויך געלעכטער ביי יונגוואַרג, צווישען וועלכע מע דאַרף רעכענען אויך דעם קליינעם סיאָמקע, וואָס הערט זיך צו צום טאַטענס מעשה מיט קאָפּ ווי אַן אַלטער. „מיר זאָל זיין פאַר זיין קאָפּ!" טראַכט זיך שרה, וואָס די ארבע-כוסות האָבען זי געמאַכט שמייכלענדיג, די באַקען רויט און די אויגען האַלב שלעפעריג.

— מיין זיידע, דאָס הייסט ניט דער זיידע, נאָר דעם זיידענס זיידע — אַזוי האָט שפּיראָ אָנגעהויבען זיין געשיכטע, שוין מאַכענדיג מיט הענד און שוין אין כּעס, טאָמער וועט מען איהם איבערשלאָגען אין מיטען, און דאָס איז בּיי איהם ערגער פון אַלסדינג. — אַלזאָ מיין זיידענס זיידע האָט דערצעהלט, אַז זיין זיידע, רב שמואל אבא, וואָס נאָך איהם האָט געהייסען דער סלאַוויטער רב שמואל אבא, האָט גע- האַט צוויי קינדער, אַ זוהן מיט אַ טאָכטער. דעם זוהן האָט מען געררו- פען פּנחס, וואָס נאָך איהם האָט געהייסען דער סלאַוויטער ר׳ פּנחס׳ל, און די טאָכטער האָט געהייסען האָדעל, אַ נאָמען נאָך רב ישראל בעל- שם-טוב׳ס טאָכטער האָדעלע. און געוועזען זענען די קינדער געראָטענע קינדער, פּנחס איז געזעסען און האָט געלערנט און האָדעל...

— איז געוועזען אַ קראַסאַוויצע איינע אין דער וועלט! — חאַפּט אונטער בעטי און נאַרט זיך ניט פון דער מוטער, למאי זי איז אַיין עזות-פּנים און שלאָגט איבער אַ טאַטען, און דוד ווערט ברוגז און זאָגט, אַז וויבּאַלד מע וועט איהם איבערשלאָגען, אַזוי וואַרפט ער אַוועק אין מיטען, און דער קליינער סיאָמקע האָט יסורים, טאָמער הערט טאַקי דער טאַטע אויף צו דערצעהלען.

— מעהר וועט עס שוין ניט זיין, פּאַפּאַטשקאַ! — בעט זיך ביי איהם בעטי, און דוד, וואָס איז היינט ווייכער ווי אַלע מאָל, איז גיך מוחל און דערצעהלט ווייטער.

— אַלזאָ האָט דער זיידע רב שמואל אבא געהאַט אַ זוהן מיט אַ טאָכטער, געוועזען אַנ׳עושר און אַ גרויסער חשוב ביים פּריץ אין הויף, נישט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט געהאַלטען ביי איהם די אַרענדע, נאָר ער איז גלאַט געוועזען אַנ׳אָפּטער אַיינגעהער ביים אַלטען פּריץ, וואָס האָט ליעב געהאַט צו פערברענגען מיט׳ן זיידען אין פערשידענע ענינים, אַמאָל שפּיעלען מיט איהם אין שאַך — די סלאַוויטער זענען געוועזען בעריהמטע שאַך-שפּיעלער — און אַמאָל גלאַט אַזוי פערברענגען, וואָרום דער אַלטער פּריץ איז געוועזען אַנ׳אוהב-ישראל און געהאַלטען פון די שפּיראָס אַנ׳עולם ומלואה. וואָס טוט גאָט? האָט דער אַלטער פּריץ געהאַט אַ זוהנדעל אַנ׳אויסוואורף, אַ גאָרניט שבגאָרניט, אַ טשאָרט זנאַיעט טשטאָ, ווי עס טרעפט זיך אויף דער וועלט. ווייסט נישט מעהר ווי פאָהרען רייטענדיג, שפּיעלען זיך מיט הינט, שיסען פייגעלעך און האָט פיינט אַ יודען ווי אַ כּשר׳ער יוד חזיר.

ויהי היום — בעדאַרף זיך טרעפען אַ מעשה, דעם זיידענס טעכ-

טערל, אָט די קראַסאָוויצע האָדעל, איז געגאַנגען מיט מיידלעך שפּאַ-צירען — שבת בייטאָג איז דאָס געווען — האָט זי דער יונגער פּריץ דערזעהען און איז געוואָרען נאָך איהר די כפרה, שיער ניט איינגענו-מען אַ מיתה משונה אויפ׳ן אָרט — אַזוי שטאַרק איז זי איהם געפעלען געוואָרען — און פון דעמאָלט אָן האָט זי נישט געקאָנט מעהר אין גאַס בעווייזען זיך. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט עס געמוזט דערצעהלען דעם זיידען, איז דער זיידע באַלד אַוועק צום אַלטען פּריץ, אַזוי און אַזוי, האָסט אַ זוהן אַ ליידיגגעהער, וואָס ווייסט נאָר פּאָהרען רייטענדיג, שפּיעלען זיך מיט הינט און שיסען פייגעלעך, לאָז ער זיך פערנעמען מיט זיינע פערדלעך, מיט זיינע הינט און מיט זיי-נע פייגעלעך, אָבער וואָס האָט ער צו מיין קינד?... אויסגעהערט דעם זיידען, האָט איהם דער אַלטער פּריץ בערוהיגט, צוגעזאָגט, אַז מעהר וועט דאָס שוין ניט זיין, און דער זיידע איז אַוועק אַהיים. וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען צווישען אַלטען פּריץ און צווישען יונגען פּריץ, ווייס מען ניט, נאָר מע האָט שוין דעם ליידיגגעהער מעהר נישט געזעהען אַרומדרעהען זיך ביים זיידענס שטוב, קנאַקען מיט׳ן בייטשעל, מאַכען מיט די אויגען, פייפען און נאָך אַזעלכע זאַכען. וואָס טוט גאָט? שטאַרבט אַוועק דער אַלטער פּריץ און — ויקם מלך חדש, ווי אין פסוק שטעהט. ס׳איז געוואָרען אַנ׳אַנדער הויז מיט אַנדערע פּאָריאַדקעס און מעהר פון אַלע האָבען עס דערפיהלט די יודען פון שטעדטעל, ווי מיר האָבען עס געזאָגט היינט אין דער הגדה: ויאנחו בני ישראל — אַנו, בעטי, זעץ עס נאָר איבער אויף גוייש. וואָס? אונזערע שונאים זאָלען אַזוי זיין מיט דער נאָז, ווי מען קאָן עס גאָר אָנהויבען איבערזעצען אין איין אַנדער לשון. גאָה נעם זעץ איבער אַ שטייגער ויקם מלך חדש — מאַכט רשי... חאַ-חאַ-חאַ! ניין, טאַטעלע, פאָלג מיך, פּרוב זיך גאָר אפילו ניט, עס וועט האָבען אַ פּנים פון חלשות! לאָז שוין בעסער מיך אַליין דערצעהלען, וועט זיין אַ סך בעסער.

דוד שפּיראָ הוסט זיך אויס, מאַכט צורעכט די ווייסע יאַרמעל-קע, וואָס איז איהם פערבליבען אויפ׳ן קאָפּ פונ׳ם סדר און וואָס פּאַסט זיך אַזוי צו זיין מאָט פּנים מיט׳ן שוואַרצען בערדעל, אַז די טאָכטער קאָן זיך ניט איינהאַלטען און טוט אַ זאָג צום קוואַרטיראַנט:

— אַיאָ, מיין פּאַפּאַ איז נאָך גאָר אַ קראַסאַוועץ?

פון די דאָזיגע ווערטער ווערט שרה׳ס שיינענדיג פנים נאָך שיינענדיגער און זי קוקט זיך איבער מיט דודן און ווי אַ סיגנאַל, אַז זי איז צופרידען מיט׳ן קאָמפּלימענט, וואָס די טאָכטער האָט געמאַכט דעם טאַטען, האַפּט זי אַרום סיאָמקען קושען אין ביידע בעקלעך, וואָס זענען נאָך רויט פון די אויסגעטרונקענע ארבע־כוסות, און דוד דער־צעהלט ווייטער:

— הקצור המעשה, געוועזן איז עס פאַר פסח. יודען האָבען גע־באַקען מצות און געגרייט זיך צום יום־טוב. ווער עס האָט געהאַט מיט וואָס, דעם איז געווען גוט, און ווער עס האָט ניט געהאַט, דער איז געווען אויף צרות, ווי דער מנהג איז. און ווי דער שטייגער איז ביי יודען, אַז עס קומט ערב פסח, דאַרף מען אין זינען האָבען די אָרימע לייט, זיי בעזאָרגען מיט מצה, מעות־חטין... און ווער בעדאַרף זאָרגען פאַר די אָרימע לייט, זיי זאָלען האָבען מעות־חטין?...

— טשטאָ זאַ מאָסקיטע? — רופט זיך אָן דער קוואַרטיראַנט, קו־קענדיג אויף בעטין, וועלכע שיסט אויס אַזאַ געלעכטער, אַז אַלע טו־ען זיך אַ הויב פון די ערטער.

— אוי! שטאַרבען פון איהם, שטאַרבען! — שרייט אויס בעטי און ווערט שיער ניט צוגאַנגען. — פון מעות־חטין איז ביי איהם אויס־געקומען „מאָסקיטען״, חאַ־חאַ, פליגעלעך אַזעלכע, וואָס בייסען זיך, חאַ־חאַ־חאַ!

אויף בעטין קוקענדיג לאַכען אַלע און דער קוואַרטיראַנט אַליין אויך בתוכם.

— ביי אייך איז דען נישט קיין מאָדע מעות־חטין? — פרעגט איהם דוד, — ווי איז דאָס מעגליך? מאָדנע יודען ביי אייך! סיידען ס׳איז גאָר ניטאָ ביי אייך קיין אָרימע לייט? אויב אַזוי, דאַרף מען אייך קלאָר מאַכען, מיט וואָס מע עסט דאָס. — און דוד גיט איהם צו פערשטעהן מיט הענד, אַז מעות־חטין איז מעות־חטין, וואָס מע נעמט צונויף מעות־חטין פאַר די אָרימע לייט, זיי זאָלען האָבען מצות אויף פסח, וואָרום די אָרימע לייט מעגען שטאַרבען אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר פאַר הונגער, מאַכט נישט אויס, נאָר אַז עס קומט פסח, מוזען אַלע יודען האָבען מצות. געהט מען אַרום פון שטוב צו שטוב און מע קלויבט געלד, מע רייסט פון טויט און פון לעבעדיג. — היינט פער־שטעהט איהר שוין, אַז מעות־חטין איז ניט קיין מאָסקוויטען?...

— מאָסקיטען דאַרף מען זאָגען, ניט מאָסקוויטען, — פעררריכֿט איהם סיאָמקע און חאַפּט אַ פּסק פון פּאָטער:

— אַזאַ קליינער וועוריק און געהט שוין חאַפּען דעם טאַטען אין גרייזען?! אַ שענע עדוקאַציע לערנט מען אייך אין די גימנאַזיעס! ניט געדאַכֿט זאָלט איהר ווערען!

סיאָמקע ווערט רויט ביז אַריבער די אויערן און שרה שטעלט זיך אַיין פאַר איהם:

— אַ קינד, וואָס ווייס ער?

— אַ קינד? אין פּאָליסיע וויקעלט מען נאָך אַזעלכֿע קינדער, — זאָגט דוד האַלב ערנסט האַלב שפּאַס און הוסט אָפּ.

— הקצור המעשה וואו-זשע האַלטען מיר? ביים זיידען הייסט עס און ביי די מעות-חטין. האָט מען זיך צונויפגעקליבען הייסט עס ביים זיידען, געמאַכֿט אַנ'אסיפה וועגען מעות-חטין, צונויפגעזאַמעלט זיך די רבנים מיט די דיינים מיט די שבעה טובי עיר, די גגידים און בעלי-בתים פון שטאָדט, און מע קלערט און מע רעדט און מע שמועסט: אָרימע לייט אין שטאָדט זענען קיין עין-הרע אַ סך און געלד וויניג, וואָס וועט זיין מיט מעות-חטין? גיט דער אַזאַ עצה און דער אַזאַ עצה, עס שיטען זיך עצות אַזוי ווי באָב, ווי געוויינטליך ביי אונזערע אחינו בני ישראל... דערווייל אַזוי ווי מע רעדט עפענט זיך די טיר און מע לויפט אַריין מיט אַ גוואַלד צום זיידען: „רב שמואל אבא, ס'איז שלעכֿט! אַנ'אומגליק אין שטאָדט! אַ בלבול!“ וואָס איז די מעשה? אַ שענע מעשה נאָר אַ קורצע: גויים זענען געפאָהרען אין וואַלד, האָבען זיי געפונען אַ מיידעל אַ געקוילעטע, אַ צושניטענע, האָט מען זי גע-בראַכֿט צו טראָגען גלייך אין פּאָליציע אַריין, און עס קעהרט זיך איצט די שטאָדט, וואָרום לויט דער פעלדשער האָט בעוויזען, ווייזט אויס מיט אַלע סימנים, אַז דאָס איז אַ יודיש שטיקעל אַרבייט אָפּגעטאָן גע-וואָרען לכבוד פסח, — נו, מיט איינעם וואָרט, ס'איז, ווי מע רופט עס היינט, „ריטואַל“... נו, קאָנט איהר פערשטעהן דעם פחד, וואָס איז גע-פאַלען אויפ'ן זיידען און אויף דער גאַנצער אסיפה, וואָרום וויבאַלד לשון „ריטואַל“, ווער-זשע איז שולדיג? מסתמא די פּאָרנעמסטע בעלי-בתים, די רעדעלפיהרער פון שטאָדט, און דער ערשטער מסתמא דער זיידע רב שמואל אבא. והראיה? עס האָט נישט געדויערט אַזוי לאַנג ווי איך דערצעהל אייך, איז מען שוין געקומען פון פּאָליציע צום זיי-דען: „ברוך-הבא אַ יוד רב שמואל אבא, זייט זיך מטריח מיט אונז

צום דאָפראָס״. מילא איז דאָך פרחה נשמתו געוואָרען, שיער נישט געפאַלען חלשות, זיך געזעגענט מיט דער באָבע, געוואוסט, אַז ער געהט פון דאָרטען גלייך אין טורמע און פון טורמע גלייך אויף יענער וועלט, וואָרום אַמאָליגע „עלילת-דם״ איז ניט גלייך צו היינטיגע „ריטואַל״. היינט איז דאָ אַ סוד מיט אַ משפט מיט אַ זאַקאָן מיט גערעכטיגקייט מיט אַדוואָקאַטען. אַמאָל איז עס געווען אַנדערש. אַמאָל פלעגט מען ביי אַזאַ פאַל מוטשען און פלאָגען און אויספרעגען און ציהען די אָדערן און בראָטען מיט גליהענדע אַייזענס אַזוי לאַנג, ביז דער פערמוטשעטער, בכדי פטור צו ווערען פון די יסורים, האָט שוין געזאָגט אַלסדינג, וואָס זיי האָבען געוואָלט — און דאָס האָט געהייסען ביי זיי: „ער האָט זיך מודה געווען...״ הקצור המעשה דער זיידע האָט אָפגעזאָגט ודוי, זיך נאָך אַ מאָל אָפגעזעגענט מיט דער באָבע, געוואָלט זיך געזעגענען מיט די קינדער, זענען די קינדער נישטאָ. וואו זענען זיי? דער זוהן איז אין בית-המדרש, זיצט און לערנט, און די טאָכטער איז גלאַט נישטאָ אין דער היים. פון גאַנץ פריה אָן זעהט מען זי ניט. וואו קאָן זי זיין?... נאָר ווען מען ליגט עס אין זינען, איך בעט אייך, ביי אַזאַ אומגליק?... הקצור המעשה געקומען אין פאָליציע, האָט מען זיך געגעבען אַ נעם צום זיידען קודם-כל, ער זאָל זיך מודה זיין, ער זאָל זאָגען דעם גאַנצען אמת און זאָל אָנרופען די נעמען פון די, וואָס האָבען געקוילעט דאָס מיידעל, און פון די, וואָס האָבען געהאַלטען די כלים, בשעת מע האָט געצאַפּט פון איהר לעבעדיגערהייד מסתמא דאָס בלוט פון די אָדערן. זאָגט ער דאָך מסתמא, אַז ער ווייסט ניט פון קיין פותר און פון קיין חלום. זעצט מען איהם אַיין אין גוטען מקום און מע נעמט זיך צו די איבעריגע נגידים און בעליבתים פון שטאָדט, אויך מיט די אייגענע ווערטער: זייט זיך מודה, יודען, וועמענס אַרבייט איז דאָס?... קומט צו לויפען די באָבע ראַטעווען דעם זיידען, וויינען און בעטען און פאַלען צו די פיס. דערווייל, אַזוי ווי זי געהט פאַרביי דער געקוילעטער, טוט זי זיך אַ וואָרף אַרויף אויף איהר מיט אַ געשריי: „האָדעל!... מיין טאָכטער!!!... מיין קינד!!!...״ און מעהר האָט זי שוין ניט גערעדט גאָרניט, וואָרום זי האָט גע׳חלש׳ט אַ מאָל צעהן און איז נאָך יענעם טאָג געשטאָרבען און מע האָט זיי אויף מאָרגען ביידען, די מוטער מיט דער טאָכטער, מקבר געווען, אַ קבר נעבען אַ קבר...

— נו? און דער זיידע?

— דער זיידע? ער זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן איז באַלד בעפרייט געוואָרען, פערשטעהט זיך, און האָט זיך אַוועקגעזעצט שבעה נאָך דער באָבע און נאָך דער טאָכטער און איז אין איין וואָך, זאָגט מען, געוואָרען גרוי ווי אַ טויב, וואָרום אַחוץ דעם שאָדען מיט'ן וועה־טיג איז דער בזיון געווען נאָך גרעסער... מען איז געוואָהר געוואָ־רען, העט שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, פערשטעהט איהר מיך, אַ שע־נע מעשה: אַז דאָס איז געווען דעם יונגען פּריצ'ס אַרבייט, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערען! אַז דאָס האָט ער זי אַרויסגע'גנב'עט פאַרטאָג פון שטוב, פערפיהרט אין וואַלד און דאָרט פריהער מאנס געווען און דערנאָך שוין הייסט עס צורעכט געמאַכט... מע האָט געוואוסט. עס זענען געווען עדות: דער קוטשער, וואָס האָט זיי געפיהרט, דער לעס־ניטשע, וואָס האָט מורא געהאַט עדות זאָגען קעגען פּריץ...

— נו, און דער פּריץ? — פרעגט ראַבינאָוויטש אויפגערעגט — נישט שוין-זשע איז דאָס איהם אָפּגעלאָפּען גלאַט? נישט שוין-זשע האָט מען איהם אָפּגעשוויגען?

— ווער? ווער וועט זיך געהן טשעפּען מיט אַ פּריץ? ווער וועט זיך איינשטעלען?

— נו, און די יודען? און דער זיידע? — פרעגט ווייטער ראַבי־נאָוויטש און ווערט נאָך מעהר אויפגערעגט.

דוד הויבט שוין אָן ווערען אין כעס:

— די יודען? וואָס האָבען געקאָנט טון די יודען אַמאָל? עס איז דאָך ניט היינטיגע צייטען, וואָס ס'איז דאָ אַ סוד און אַ משפּט און גערעכטיגקייט און אַדוואָקאַטען... עס איז נאָר אַוועקגעגאַנגען די צייט פון שבעה און שלשים, נאָך פּסח שוין, האָט די שטאָדט גע־מאַכט אַ סעודה כיד-המלך און מע האָט געהוליעט און געטאַנצט, ששון ושמחה, דריי טאָג כסדר, דריי טאָג מיט דריי נעכט, — און דער זיי־דע איז אויך געווען בתוכם.

— דער זיידע אויך?

— פאַרוואָס ניט? לעבעדיג מאַכען די טויטע וועט ער דאָך ניט. און אַז גאָט האָט אַזוי געפיהרט, אַז אַ גאַנצע שטאָדט יודען זענען נצול געוואָרען פון אַ בלבול, מעג מען דאַכט זיך, זיין פריילין, צי ניין?... ווי אַזוי מיינט איהר?... ווי אַזוי דען קומט אויס נאָך אייער שכל?...

די דאָזיגע פראַגע איז געבליבען אָהן אַנ'ענטפער. דער בעל־

הבית איז אויפגעשטאַנען מיט אַ זיפץ אויף צו גײן שלאָפן. שרה מיט׳ן מיזיניק נאָך איהם. געבליבען זענען נאָר בעטי מיט׳ן קוואַרטי-ראַנט נאָך אַ ביסעל שמועסען וועגען דעם טרויעריגען עפּיזאָד פון פאַר-צייטען, און זענען שוין גרייט געווען צו שלייפען די ציגעלעך לופ-טערן די שפּראַך, מיט איינעם וואָרט דיסקוטירען, ווי אַלע מאָל. בעטי האָט נאָר אָפּגעוואַרט, וואָס ראַבינאָוויטש וועט זאָגען דערויף, בכדי זי זאָל קאָנען דרינגען פערקעהרט. „עס דערמאַנט איהם אָן דער גשיכ-טע פון יפתח׳ס טאָכטער״ — האָט ראַבינאָוויטש אָנגעהויבען און געוואָלט דורכפיהרען אַ געדאַנק, אַז די מעשה זעהט איהם אויס ווילד און אַז די פאַרצייטיגע יודען הויבען איהם ניט אָן צו געפעלען... האָט איהם בעטי אָפּגעהאַקט אין סאַמע אָנהויב, „אַז ער האָט אַ געפיהל אין פאַר-צייטיגע יודען, פונקט ווי אַ טויב-שטומער פון געבוירען האָט אַ געפיהל אין וואַגנערס מוזיק״.

— אָבער בערטאַ דאַווידאָוונאַ!... — האָט ראַבינאָוויטש געוואָלט איבערשרייען, איז אָנגעקומען שרה שוין אַ צושפּיליעטע, האָט פערדרעהט דעם פייער פונ׳ם לאָמפּ און אַ זאָג געגעבען:

— אַצינד וועט אײַך זיין אַ בערטאַ דאַווידאָוונאַ! איהר האָט פערגעסען, אַז ס׳איז יום-טוב און מע דאַרף מאָרגען אויפשטעהן פריה צוגרייטען אָנבייסען, קיין עין-הרע אַ שטוב.

און אָט אַזוי איז מען זיך אין דער דאָזיגער נאַכט פון פסח צוגאַנגען, איטליכער אין זיין רוה אַריין.

## דאָס פופציגסטע קאַפּיטעל.

## ער שרייבט בריוולעך.

יענע וואָכט איז מיין העלד כמעט ניט געשלאָפען. געבליבען אליין מיט זיך אין זיין חדר'ל, האָט ער זיך אוועקגעזעצט שרייבען בריעף, אַ בריעף נאָך אַ בריעף, געשריבען און געריסען, געשריבען און געריסען, און ווידער געשריבען.

דעם ערשטען בריעף האָט ער געשריבען צו בעטין, אָנגעהויבען בזו הלשון:

„עס זאָל אייך ניט זיין קיין וואונדער, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, „וואָס איך ווענד מיך צו אייך דורך אַ בריעף און ניט פערזענליך, „וויל צו דעם, וואָס איך וויל אייך זאָגען, מוז איך פריהער אייך „צוגרייטען און דערצעהלען אייך אַ געשיכטע פון מיינס אַ חבר, אַ „נאָהענטער חבר, מיט וועלכען מיר האָבען ביידע פערבראַכט אין „איינעם אונזער קינדהייט, ביידע דורכגעמאַכט מיט איהם אַלע אַכט „קלאַסען גימנאַזיע. פּאַפּאָוו איז דער נאָמען פון מיין חבר. ער איז „אַ קריסט. אַ זוהן פון אַ רייכען פּאָמיעשטשיק אין ט—ער גובערניע. „קיין מוטער האָט ער ניט. זי איז געשטאָרבען באַלד נאָכדעם ווי „ער איז געבוירען געוואָרען, אַזוי אַז ער האָט זי אפילו נישט גע- „קענט. נאָר פון זיין שוועסטער (ער האָט איינאונאיינציגע שוועס- „טער) האָט ער געהערט, אַז די מוטער איז געוועזען אַ זעלטענע „שענהייט, אַ בעריהמטע אין דער גאַנצער גובערניע. און בעריהמט „האָט זי זיך געמאַכט דערמיט, וואָס זי איז געוועזען נישט מעהר „און נישט ווייניגער ווי איין אָרימע ציגיינערין, אַ זינגערין פון אַ „ציגיינער-כאָר, אין וועלכער דער פאָטער האָט זיך פערליעבט ביז'ן „טויט און, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די עלטערן און די גאַנ-

„צע משפּחה זענען געווען דערגעגען, האָט ער מיט איהר חתונה
„געהאַט און געוואָלט אַריינפיהרען אין אַלע הויכע קרייזען, ווי עס
„פּאַסט פאַר אַ אַריסטאָקראַטישער פרוי (מיין חבר׳ס פאָטער איז
„דעמאָלט געווען גובערנסקי פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ, ער האָט
„צוויי ברידער, איינער איז זעמסקי נאַטשאַלניק, דער אַנדערער איז
„אַ גובערנאַטאָר). האָט אָבער די משפּחה נישט געוואָלט ליידען,
„איהר געגעבען צו וויסען אויף יעדען טריט און שריט, ווער זי
„איז און פון וואַנען זי שטאַמט... וואָס די אָרימע פרוי האָט אי-
„בערגעטראָגען, איז שווער צו וויסען — זי האָט קיינעם ניט אויס-
„געזאָגט. נאָר פערשטעהן דאַרף מען, אַז איהר לעבען איז געווען
„נישט קיין זיס לעבען און זי האָט זיך געגעבען דאָס וואָרט נוקם
„זיין זיך אין דער דאָזיגער משפּחה פון אַריסטאָקראַטען. נאָר מיט
„וואָס קאָן זיך נוקם זיין אַיין אָרימע עלענדע פרוי, אַז ניט מיט
„דער איינציגער מתּנה, וואָס די נאַטור האָט איהר געשענקט, מיט
„איהר זעלטענער שענקייט? נו, האָט זי גענומען איינליעבען אין
„זיך, איינס נאָכ׳ס אַנדערע, דעם מאַנסביידע ברידער, דעם זעמ-
„סקינאַטשאַלניק מיט׳ן גובערנאַטאָר. אָבער אַזוי קונציג, אַז איינער
„זאָל ניט וויסען פונ׳ם אַנדערען און אַלע זאָלען זיך שטויסען און
„עס זאָל זיי קרענקען. עס זאָל זיין אַ סוד און די גאַנצע שטאָדט
„מיט דער גאַנצער גובערניע זאָלען פון דעם רעדען. מיט איינעם
„וואָרט, זי האָט פערקאָכט אַ קאַשע, זיך געשפּיעלט מיט זיי ווי אַ
„קאַץ מיט אַ מויז, געפיהרט אַ גאַנצע משפּחה ביי דער נאָז, אָנגע-
„רייצט איינס אויף דאָס אַנדערע, זיך אויסגעלאַכט און נוקם געווען
„זיך אַזוי, ווי נאָר אַנ׳אָרימע ציגיינערין קאָן זיך נוקם זיין... פער-
„שטעהט זיך, אַז גלאַט האָט דאָס איהר נישט געקאָנט אָפּלויפען.
„דער מאַן האָט ניט פערשטאַנען און ניט געוואָלט פערשטעהן איהר
„ציגיינערישע דיפּלאָמאַטיע, נישט געוואָלט גלויבען אין דער ריינ-
„קייט פון איהר נשמה און עס זענען אויסגעפאַלען צווישען מאַן
„און ווייב מסתּמא זעהר ביטערע סצענעס, וואָס קיין זייטיגער מענש
„קאָן ניט דערפון וויסען... איין זאַך נאָר איז פאַר מיין חבר
„קלאָר, — אַז זיין מוטער איז געווען ריין און עהרליך. דאָס ווייס
„ער פון זיין שוועסטער, וועלכע די מוטער האָט צוגערופען אַ שעה
„פאַר׳ן טויט, גענומען אויף די הענד, צוגעטוליעט צום האַרצען,
„געקושט און געזאָגט: „בעט גאָט פאַר דיין מאַמע — איהר לייב

„איז געווען ריין און איהר נשמה עהרליך"... דאָס האָט געמאַכט „אַזאַ איינדרוק אויף מיין חבר'ס שוועסטער, אַז זי האָט זיך דאָס „וואָרט געגעבען גאָט בעטען פאַר איהר מאַמעס נשמה דאָס גאַנצע „לעבען און, נישט קוקענדיג אויף דער פרייער ער'ציהונג, וואָס „דער פאָטער האָט איהר געגעבען, איז זי געבליבען אַזוי רעליגיעז „פרום, אַז איהר איינציגער אידעאַל איז — אריין אין אַ מאָנאַסטיר..."

אָנגעשריבען די דאָזיגע פאָר בלעטלעך, האָט ער זיך בערעכענט, צו וואָס טויג איהם קונצען, חברים, מיסטיפיקאַציעס? פאַרוואָס זאָל ער ניט געהן מיט'ן גלייכען וועג? פאַרוואָס זאָל ער איהר ניט בעשרייבען זיין אייגענע ביאָגראַפיע פון אָנהויב ביז'ן סוף, ביז יענעם מאָמענט, ווי עס איז פאָרגעקומען דער געוויסער שפּאַס, וואָס ער, גרישאַ פּאָ-פּאָוו, האָט זיך געביטען מיט זיין חבר, הערשקאָ ראַבינאָוויטש, מיט די היטלען?...

אָנגעשריבען אַ גאַנצע מגילה און נישט דערגאַנגען צום סוף, האָט ער זיך איבערגעלעגט: צו וואָס טויג עס? דאָס הייסט זיך נאַריש געמאַכט. קאָן ער דען ניט רעדען מיט איהר פערזענליך? קאָן ער דען איבערקלערען, אַז בעטי זאָל איהם ניט פערשטעהן און ניט וועלען געהן מיט איהם האַנד ביי האַנד? ובפרט נאָך, אַז ער איז גרייט... נאָר דאָ דערמאַנט ער זיך אין דעם קאַמפף, וואָס ער וועט דאַרפען אויסשטעהן קעגען זיין פאָטער, זיין שוועסטער און זיין גאַנצע משפחה. און ער צורייסט דאָס אָנגעשריבענע אויף קליינע שטיקעלעך און נעמט זיך שרייבען אַ בריעף צום פאָטער, אויך אַ גאַנצע מגילה, מיט אַ הקדמה, אַז „נאָר ער וועט איהם פערשטעהן, ווייל נאָר ער איז אים-שטאַנד אָפּצושאַצען דעם ווערט פון דער אמת'ער, ריינער, הייליגער ליעבע (אַנ'אָנצוהערעניש אויף זיין פאָטערס ראָמאַן מיט דער שענער ציגיינערין), און אַז נאָר ער וועט פערשטעהן, אַז יעדער ווידערשטאַנד וועט זיין אַרויסגעוואָרפען (אַנ'אָנצוהערעניש אויף דעם, וואָס זיין פאָ-טער האָט חתונה געהאַט מיט דער ציגיינערין קעגען דעם ווילען פון זיינע עלטערן)".

פאַרטיג געוואָרען מיט'ן פאָטערס בריעף, איז ער ווידער גע-בליבען אונצופרידען. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז אויף פופציג ציגיינערינס וואָלט איהם דער פאָטער גיכער מוחל זיין ווי אויף איין יודישע טאָכטער... ווער נאָך ווייס אַזוי ווי ער דעם ווערט פון אַ יודען אין דעם קרייז פון זיין פאָטערס משפחה? און ווי האָט ביי איהם אַליין

אויסגעזעהען אַ יוד מיט איינע עטליכע חדשים צוריק?... און איצט נאָך? קאָן ער דען, אַרויפלעגענדיג די האַנד אויפ׳ן האַרצען, זאָגען ווי אַן אָרענטליכער מענש, אַז ער קען אַ יודען ווי אַ יוד קען אַ יודען, און אַז ער האָט ליעב אַ יודען ווי אַ יוד האָט ליעב אַ יודען?... איז ניט גערעכט געווען דער רב מיט זיין טעאָריע, אַז אַ קריסט קאָן ניט ליעב האָבען אַ יודען, אַז ס׳איז נאָך ניט געקומען יענער משיח, אויף וועלכען דאָס יודישע פאָלק קוקט אַרויס און אין וועלכענס צייטען אַלע מענשען וועלען זיין ברידער... אַז איצט איז, אדרבה, אַ צייט פון שאַרפסטען ראַסען-האַס, וואָס פעלקער קאָנען זיך ניט אָנקוקען איינס דאָס אַנדערע, ס׳איז זיי ענג די וועלט און נמאס די מענשען...

און אַזוי האָט זיין בריעף צום פאָטער געהאַט דעם אייגענעם סוף וואָס יענער בריעף, און ער האָט זיך גענומען שרייבען אַ בריעף צו דער שוועסטער, געפונען, אַז נאָר איהר קאָן ער ענטדעקען דעם סוד, וואָס ער טראָגט אויפ׳ן האַרצען, און אַז נאָר אין איהר עהרלי-כער פרומער נשמה וועט זיין סוד געפינען אַן אָפּקלאַנג, און זי וועט זיך ניט אָפּזאָגען פון צו זיין די ריכטיגע פערמיטלערין צווישען איהם און צווישען זייער קאַפּריזנעם פאָטער....

פּאָרזיכטיג און ביסלעכווייז האָט ער זי צוגעגרייט צו דעם ערנ-סטען שריט, וואָס ער געהט מאַכען. קודם-כל אָפּגעמאָלט איהר אַ בילד פון דעם מיידעל, וואָס ער האָט ליעב געקריגען און וואָס ער קאָן אָהן איהר ניט לעבען. דערנאָך האָט ער איהר געגעבען אָנצוהערעניש, אַז דאָס מיידעל איז ניט פון רייכען שטאַנד און פון פּראָסטע, נאָר אָרענטליכע עלטערן. נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה, ווען דאָס מיידעל זאָל זיין מיט איהם פון איין גלויבען, אָדער ווען זי זאָל האָטש וועלען צוליעב איהם אָננעמען זיין גלויבען... מיט איינעם וואָרט — זי קומט אַרויס פון יודען און איהם שטעהען פאָר איצ-טער צוויי וועגען: אָדער נעמען זיך דאָס לעבען, אָדער איבערבייטען די אויסוויינינגסטע פאָרמען פון זיין גלויבען...

אַרויסגעזאָגט דאָס דאָזיגע וואָרט פאַר דער שוועסטער, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער פיהלט זיך גרינגער, גלייך ווי הונדערט פוד וואָלטען איהם אַראָפּגעפאַלען פונ׳ם האַרצען. און לאָז זי נאָר ניט מיי-נען, — האָט ער געענדיגט זיין בריעף צו דער שוועסטער — אַז ער האָט פערגעסען, אַז זי, וויעראַ, איז אַ פרומע קריסטליכע נשמה. אדרבה, ווייל זי איז אַזעלכע, דעריבער רעכענט ער, אַז זי בעדאַרף מיט בע-

זונדערע התפעלות אָננעמען זיין פּלאַן פון בעהעפטען זיך מיט אונזערע עלטערע ברידער, בכדי צו בעווייזען דעם אומגליק־ליכען פאָלק, אַז זיי לעבען אין טעות און איבערצייגען זיי, אַז משיח איז שוין געקומען...

איבערגעלייענט נאָך אַמאָל דעם דאָזיגען בריעף, האָט ער אַרויס־געזעהען, אַז גאָט ווייסט, אויב זיין שוועסטער וועט איהם פערשטעהן, וואָס ער מיינט מיט די ווערטער „בעהעפטען זיך מיט זיינע עלטערע ברידער"... „איבערצייגען די אונגלויביגע, אַז משיח איז געקומען"... און נאָך אַזעלכע ווערטער.

און ער צורייסט אויך דאָס דאָזיגע בריוועל אויף שטיק־שטיק־לעך, טוט זיך אויס, פערלעשט דאָס ליכט און ווערט אַנשלאָפען.

## דאָס איינאונפופציגסטע קאַפּיטעל.

## ערב מלחמה.

דעם ערשטען טאָג פּסח אין דער פריה, אַז יודען זענען געגאַנ־גען בכבוד, אָנגעטאָן יום־טוב׳דיג, מאַנסבילען אין הויכע צילינדערס און ווייבער אין ברייטע היטעלעך, אין די שוהלען אַריין דאַוונען, האָבען זיך זיי געפּלאָנטעט פאַר די פיס קליינע שקצימלעך מיט גרוי־סע היטלען, וואָס האָבען געהאַלטען בלעטלעך צייטונגען אין די הענד און אויסגעזונגען אויף אַ קול:

„פּאַטרעט שטשיגירינסקי! זשידאָווסקי פּסח! טרי קאָפּייקי!" כמעט מיט גוואַלד האָבען זיי יעדען דורכגעהער אָנגעהאָנגען דאָס דאָזיגע בלעטעל — און יודען האָבען עס געקויפט. עס איז שווער צו זאָגען פאַרוואָס: צי דערפאַר, ווייל די יודען מיט די הויכע צילינדערס האָ־בען געוואָלט, מע זאָל ניט וויסען, אַז זיי זענען יודען, צי זיי האָבען טאַקי געוואָלט אָנקוקען דעם פּאַרטרעט פון דעם שטשיגירינסקי און הערען, וואָס שרייבען עפּעס אונזערע חכמים פונ׳ם יודישען פּסח, — נאָר דאָס איז אַ פאַקט, אַז דאָס רוב פון די אַנטיסעמיטישע בלעטלעך, וואָס רעדען אָן אויף אונז המנ׳ס מסירות און רופען פּאָגראָמען אויף יודען, פאַלען אַריין דוקא אין יודישע הענד אַריין, ווייל סוף־כל־סוף איז דער גרעסטער פּראָצענט פון רוסישע לעזער אויף דער דאָזיגער גאַס־ליטעראַטור אין דער „טשערטאַ" און אויסער דער „טשערטאַ" — יודען.

דאָס בלעטעל — דאָס איז געווען דאָס בעריהמטע פּאָגראָם־בלע־טעל, וואָס האָט זיך געקרוינט מיט אַ צו הויכען נאָמען „דער צווייקע־פּיגער אָדלער". אַליין פאַר זיך איז דאָס בלעטעל נישקשה, ווי אַלע בלעטלעך פון דעם מין: שלעפּעריש־קליין, חוליגאַניש־חוצפּה׳דיג, עם־הארצות׳דיג און געגוג שמוציג. נאָר וואָס דען? — לכבוד דעם יודישען

יום-טוב האָט זיך עס אויסגעפּיינט, שטאַרק פּערגרעסערט, אילוסטרירט מיט אַ בילד פון אַ טויטען יונגעל, וואָס ליגט אַ צושטאָכענער און אַ פערמוטשעטער, און מיט אַנ׳אויפשריפט, וואָט קאָן ריהרען אַ טויטען:

„געדענק, פּראַוואָסלאַווגע רוסיש פאָלק, דעם נאָמען פונ׳ם יונגעל וולאַדימיר טשיגירינסקי, וואָס יודען האָבען איהם פערמוטשעט! היט אַייערע קינדער! דעם 17-טען מאַרט איז זייער פּסח!...״

דאָס איז אויף דער ערשטער זייט. און דערנאָך געהט אַ גאַנצע רייהע פון שרעקליך בעזגראַמאָטנע פּאָגראָם-אַרטיקלען, פונ׳ם רעדאַקטאָר אַליין, וואָס שעמט זיך ניט אַרויסשטעלען זיין נאָמען מיט׳ן גלח׳שען טיטעל („סוויאַשטשעניק״) און פון זיינע נאָך מעהר בעזגראַמאָטנע מיט-אַרבייטער, צווישען וועלכע עס פּיינט זיך אויס גאַנץ בעזונדער איי-נער, עפּעס אַ קרעטין אַ סטודענט מיט׳ן נאָמען קאָרשונאָוו, אַ גרויסער בקי אין יודישע סעקטעס און מנהגים. די יודישע סעקטעס ווערען ביי איהם אַיינגעטיילט אין „אַשקעניסצעס״, „ספּעפאַרדימצעס״, „חאַסידימצעס״ און „סיאַפּצעוואוכעס״...

— יעדע סעקטע — זאָגט דער דאָזיגער געלעהרטער — האָט זיך איהרע מנהגים, ווי אַזוי צו פערנאַרען דאָס קריסטליכע קינד און אַרויס-בעקומען פון דעם דאָס בלוט, וואָס ווערט דערנאָך פונאַנדערגעשיקט בכל תפוצות ישראל צו זייערע פּסח׳יגע קיכלעך, וואָס הייסען „מאַצצאַ-געזיראַ״.

— „דער קרבן, זאָגט ווייטער דער גרויסער געלעהרטער, דער סטודענט קאָרשונאָוו, דאַרף זיין נישט אַנדערש ווי אַ בכור און אַ ממזר און נישט עלטער ווי דרייצעהן יאָהר, און אַזוי ווי, זאָגט ער, דער אומגליקליכער וואָלאָדי טשיגירינסקי איז געווען אַ בכור און אַ ממזר, איז דעריבער אויף איהם געפאַלען דער גורל — צו זיין אַ קרבן-פּסח ביי דער יודישער ווילדער סעקטע סיאַפּצעוואוכעס אין אונזער הייליגער שטאָדט...״

די יודען, אַז זיי האָבען איבערגעלייענט די דאָזיגע שרעקליכע מעשיות פון די „סיאַפּצעוואוכעס״, וואָס געפינען זיך מסתמא אויף דער לבנה, וואָרום אויף דער ערד האָבען זיי פון אַזאַ ווילדער סעקטע מיט אַזאַ ווילדען נאָמען און מיט אַזעלכע ווילדע מנהגים קיינמאָל נישט געהערט, אַז ס׳איז געקומען צו דער „מאַצצאַגעזיראַ״, האָבען זיי זיך גע-חאַפּט ביי די זייטען פאַר געלעכטער:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין „מאַצצאַגעזיראַ״, וואָס ווערט געבאַ-

קען אויף בלוט פון אַ בכור און פון אַ ממזר, וואָס מיר האָבען פון דעם נאָך קיינמאָל נישט געהערט?

— און פון וואַנען ווייסען עס יודישע קינדער, וועלכער גוי איז אַ בכור און וועלכער איז אַ ממזר?

— בהמה! וויבאַלד לשון ממזר, הייסט ווי איז גלאַט שייך אַ בכור? אפשר איז פאַר דעם ממזר דעם בכור געווען נאָך אַ פּאָר ממזרים? איז ער דאָך שוין במילא פסול צו דער „מאַצצאַגעזירא".

דער דאָזיגער תּלמודישער איינפאַל ווערט געזאָגט מיט אַ נגון פון דער גמרא און מיט אַ דרעה מיט'ן גראָבען פינגער, אַזוי אַז דער גאַנצער עולם ווערט צוריסען פאַר געלעכטער. נאָר מען בעגנוגענט זיך נישט דערמיט אַליין און מע געהט ווייטער:

— צו וואָס טויג אייך דער פּלפּול פון בכורים ממזרים און „מאַצצאַגעזירא"? אַמעהר זעהט ווייטער, וואָס מע שרייבט וועגען אונזע-רע סעקטאַנטען, די „סיאַפּצעוואוכעס". אַ סברה, אַז מיר אַליין ווייסען ניט וואָס ביי אונז טוט זיך.

— דהיינו למשל?

— דהיינו למשל, אַ רב, בעת ער איז מסדר קידושין, צושניידט ער אַ האַרט אָפּגעקאָכט איי אויף דער האַלב, אַ האַלבע דעם חתן און אַ האַלבע דער כּלה, און טונקט עס איין אין אַש, וועלכעס איז אויס-געמישט מיט מענשליך בלוט...

— טפו זאָל ער ווערען! ווער זאָגט דאָס? אַלץ דער „צווייקע-פיגער למדן"?

— אויב אַזוי איז ער דאָך ראוי להוראה בכל תּפוצות ישראל, מעג פסק'ענען שאלות אויף וואָס די וועלט שטעהט...

— פסק'ענט ער טאַקי...

אָט אַזוי האָבען זיך יודען כּלומרשט לוסטיג געמאַכט, געוואר-טעלט זיך דעם ערשטען טאָג יום-טוב, געהענדיג אין שוהל און פון שוהל, נאָר אינווייניג אין האַרצען האָט יעדער געפיהלט אַזוי, ווי עס דאַרף פיהלען אַ מענש, וואָס ווערט געוואויר שוין נאָכ'ן עסען, אַז ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ מיאוסקייט, וואָרום די אַלע אידיאָטישע פּלפּולים און בקיאות פון די געלעהרטע קאָרשונאָווס און גאָטספאָרכטיגע גלחים האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט איין און דעמזעלבען ליעדעל: „שלאָגט יודען!"... דערצו איז צוגעגעבען געוואָרען אַ מין כראָניקע, אַז נעכ-טען איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין די קלויסטערס אַ גאָטעס-דיענסט

נאָך דער נשמה פונ׳ם פערמוטשעטען פון די יודען וואָלאָדי שטשיגי-רינסקי... נאָר יודען האָבען זיך געמאַכט האַרץ, נישט אַרויסגעוויזען קיין סימן, אַז מע נעמט אָן די זאַך ערנסט; פערדראָסען האָט עס טאַקי, נאָר ס׳איז דען אַ נייס? יודען זענען דען ניט געוואוינט געוואָרען צו ערגערע צרות?...

און אָט אַזוי זענען אַוועק די ערשטע טעג פסח, דאַנקען גאָט, „רוהיג״. נאָר אַז עס איז געקומען דער ערשטער טאָג חול-המועד, דאָנערשטאָג איז דאָס געוועזען, מיט אַ טאָג פריהער פאַר׳ן „מורא׳דיגען פרייטאָג״, האָט מען בעמערקט אויף דער יודישער גאַס אַ מאָדנע גערודער. יודען האָבען זיך געשושקעט, גערעדט האַלבע ווערטער, שטילערהייד, בסודי-סודות, זיך געפּאַקט, ווי מע פּאַקט זיך אין וועג אַריין צו גאַסט אָדער אויף אַ חתונה, ווען מע נעמט נישט מיט אַלסדינג, וואָס קומט פאַר די אויגען, נאָר מע קלייבט אויס דאָס בעסטע און דאָס נויטיגסטע... און שטילערהייד, בסודי-סודות, האָט מען די פּעקלעך אַרויפגעלעגט אויף וועגעלעך און אַוועקגעפיהרט אַלע אין איין אָרט אַריין — אין שטאָדטישען לאָמבאַרד.

צוויי בעל-הבית׳טעס נגידית׳טעס בעגעגענען זיך דאָרטען:

— וואָס טוט איהר דאָ, מאַדאַם, אַזוי פריה?

— און איהר, מאַדאַם, וואָס טוט דאָ אַזוי פריה?

— זאָל מיך אַזוי וויסען בייז. יודען אַליין נעמען אויף זיך צרות. טאָמער ווייסט איהר, וואָס איז דאָ מורא צו האָבען?

— מיינע ווערטער. וואָס איז דאָס, איך בעט אייך, אַלע יאָהר אַזוי. קומט פסח, פאַלט אָן אויף זיי אַ מורא. איך האָב זיי געזאָגט, זאָג איך, נאַראָנים, זאָג איך, וואָס דאַרפט איהר פסח, זאָג איך, אַז ס׳וועט בעשערט זיין, ס׳זאָל עפּעס זיין, קאָן עס דען נישט זיין אין מיטען יאָהר?

— מיינע ווערטער. עס איז טאַקי גאָרניט מיט גאָרניט. נאָר פונדעסטוועגען האָב איך ניט געוואָלט, אַז מיין ביסעל ציהרונג מיט זילבער זאָל אין אַזאַ צייט זיין אין דער היים.

— איך אויך דאָס אייגענע. נאָר צו וואָס האָט איהר נאָך בעדאַרפט די ראָטאָנדע?...

— די ראָטאָנדע געב איך אָפּ אַלע יאָהר אין לאָמבאַרד. צו וואָס טויג מיר האָבען צו טון מיט רויכוואַרג? איך קאָן ניט פערטראָגען דעם ריח פון נאַפטאַלין...

— איך אויך דאָס אייגענע...

און אַזוי ווייטער. אין צוויי שעה אַרום ווערט דער צופאָהר צום לאָמבאַרד אַזוי געפּאַקט מיט יודישע דאַמעס, וואָס האָבען מורא פאַר זייער ביסעל ציהרונג און זילבער און קאָנען נישט איבערטראָגען דעם ריח פון נאַפטאַלין, אַז עס מוז זיך שוין אַריינמישען פּאָליציע אין מיטען און אָפּהאַלטען אָרדנונג, אַז יודישע קינדער „זאָלען זיך אַליין נישט מאַכען קיין פּאָגראָם"... (דאָס איז געווען אַ וויץ פון אַ יונגען אָקאָלאָדאָטשניק, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ סטודענט, נאָר ווייל ער האָט פריה חתונה געהאַט על-פּי נויט מיט אַ מיידעל, וואָס האָט געהאַט פון איהם קיין עין-הרע אַ צווילינג, האָט ער געמוזט אַוועק אין אַנ'אַנדער וועג).

נאָר אויב די מיטעלמעסיגע נגידים, וואָס מע רופט היינט אָן מיט'ן נאָמען „קליין-בורזשואַזיע", האָבען געזאָרגט פאַר זייער ביסעל ציהרונג, זילבער און ראָטאָנדעס, האָבען די העכערע קלאַסען, די יודישע שור-הבר'ס מיט די לויתנ'ס פון שטאָדט, געראַטעוועט בעסער זייערע אייגענע פעלכעלעך, וואָס זענען ביי זיי טייערער פון זייער ציהרונג, זילבער און ראָטאָנדעס...

די קאַנצעלאַריע פונ'ם גובערנאַטאָר איז אין איינע צוויי טאָג פערוואָרפען געוואָרען מיט „פּראָשעניעס" אויף אויסלענדישע פּאַספּאָרטען. שרייבערס האָבען געאַרבייט מיט רוחות. „אַפּנים, אַז די איידעלע מאָגענס פון אונזערע יודישע קרעזען האָט פערשאַדט די פסח'יגע „מאַצצאַ", וואָס זיי פאָהרען אַלע קיין אויסלאַנד?" (דאָס איז געווען אַ וויץ פון אַ יונגען טשינאָווניק, וואָס איז שוין געווען אַ סטודענט, נאָר ווייל די חברים האָבען איהם באָיקאָטירט איבער אַ מיאוסער מעשה, וואָס האָט אונטערגעשמעקט מיט פּראָוואָקאַציע, האָט ער געמוזט אַרויסטרעטען פון אוניווערזיטעט און אַוועק אין אַנ'אַנדער וועג).

נאָכ'ן אָפּפאָהרען פון די יודישע שור-הבר'ס מיט די לויתנ'ס פון שטאָדט, האָבען שוין אויך די מיטעלע קלאַסען, די קליין-בורזשואַזיע, אויך אָנגעהויבען אָפּטראָגען זיך איינציגווייז, שוין אָהן גובערנאַטאָרסקי פּאַספּאָרטען, און נישט קיין אויסלאַנד היילען זיך די מאָגענס, נאָר גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, וואוהין די אויגען טראָגען, אַבי ניט דאָ, וואו די לופט איז געוואָרען פערפּעסטעט און דאָס וואָרט „פּאָגראָם" האָט געזשומעט אין די אויערן, ווי עס זשומען ביהנען אין דער בעסטער צייט פון האָניג...

געבליבען זענען דערווייל נאָר די דריטע-קלאַסיגע פּאַסאַזשירען פונ׳ם גרויסען שיף, וואָס הייסט מיט׳ן נאָמען „שטאָדט״; די קליינע קרעמער, בעלי-מלאכות, מעקלערס, מלמדים און גלאַט אָרימע לייט, וואָס האָבען געגומען זיך „ראַטעווען״ מיט ווייב און קינדער שוין אין דער לעצטער מינוט... שבת איז דאָס געווען, דעם שבת וואָס פאַר׳ן גרויסען יום-טוב, פאַר׳ן „ליכטיגען זונטאָג״, וואָס דעמאָלט, האָט מען געשמועסט, וועט זיין די רעכטע שחיטה אין שטאָדט... און ווייל ס׳איז שבת און מע טאָר נישט פאָהרען מיט דער באַהן, איז מען גע-פאַלען אויף אַנ׳עצה (אַ יוד וועט זיך קיין עצה נישט געבען?) און מע האָט זיך אַוועקגעבען צו די שיפען, און מע האָט בעלעגערט די ברעגען פונ׳ם טייך, און מע האָט זיך געשלאָגען ביי דער קאַסע, יע-דער האָט געוואָלט פריהער, אַזוי אַז דאָ האָט אויך געמוזט אַריינמי-שען זיך פּאָליציע, אַז „די יוד׳עלעך זאָלען אַליין נישט מאַכען אויף זיך קיין פּאָגראָם״... און אַז ס׳איז אַוועקגעגאַנגען דער שבת אויך און ס׳איז נאַכט געוואָרען, די נאַכט וואָס פאַר׳ן „ליכטיגען זונטאָג״, האָט די שטאָדט אויסגעזעהען ווי פאַר אַ מלחמה, בשעת מע האָט שוין דערהערט דעם ערשטען שאָס און דער אָטעם פון דעם שונא האָט זיך שוין געטראָגען איבער דער שטאָדט. אַלע גאַסען, וואָס פיהרען צו דער באַהן, זענען געווען פערפּלייצט מיט יודען, ווייבער און קינדער, וואָס זענען געשטאַנען אין דער רייהע צום וואָקזאַל אויף צו קויפען בילעטען. און ווייל ס׳איז געווען אונמעגליך זיך דערשלאָגען צו דער קאַסע, האָבען זיי דערווייל זיך „געמאַכט בעקוועם״, אויסגעזעצט אויף דער ערד און נישט געוואָלט אומקעהרען זיך צוריק אין שטאָדט פאַר קיין געלד נישט, האָטש מע האָט זיי געוואָלט בערוהיגען מיט טרייסט-ווערטער, אַז מע איז שוין געווען מיט אַ דעפּוטאַציע ביים גובער-נאַטאָר...

— לאָזען זיך די נגידים פרעגען! — האָבען די אָרימע לייט אָפּ-געענטפערט בייסענדיג, נישט צו וויסען, אַז די נגידים זענען שוין לאַנג אויף יענער זייט שטאָדט, אַז די גאָלדענע שור-הבר׳ס מיט די לויתנ׳ס זענען שוין אָט באַלד אין ניצצאַ, אין טאַנרעמאָ, אין מאָנטע-קאַרלאָ און נאָך אַזעלכע שטילע ווינקעלעך. ביי די „רולעטקעס״, „פטי-שוואָ״, „טראַנט-ע-קאַראַנט״ און נאָך אַזעלכע שפּיעלכעלעך וועלען זיי אויף אַ ווײַלע פערגעסען אָן אַלע יודישע צרות...

צווישען די דאָזיגע, וואָס האָבען זיך געחאַפּט לויפען צו דער

באַהן נאָך פון שבת ביינאַכט אָן און האָבען געמוזט בלייבען נעכטיגען אויף דער גאַס, זענען געווען אויך אונזערע שפּיראָס, דאָס גאַנצע גע-זינדעל: דוד שפּירא, זיין ווייב שרה, זייער טאָכטער בעטי, דאָס גימ-נאַזיסטעל סיאָמקע, און זייער קוואַרטיראַנט ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו, אַ זוהן פון'ם געוועזענעם ט—ער גובערנסקי פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ, וואָס האָט איין ברודער אַ זעמסקי נאַטשאַלניק און דעם אַנדערען אַ גו-בערנאַטאָר, — איז אויך געווען בתוכם.

דאָס צוויאונפופציגסטע קאַפּיטעל.

## וואוהין די אויגען טראָגען.

כל-זמן דאָס געשעפט, וואו דוד שפּיראָ האָט געדיענט, האָט זיך געהאַלטען אויפ'ן פּלאַץ, האָט דוד נישט געוואָלט הערען פון קיין זאַך, געקומען אַלע טאָג אַהיים, ווי אַלע מאָל, אָפּגעהאַפּט אויף איין פוס דאָס עסען און, ווי אַלע מאָל, אָהן ווערטער אַוועק אויף דער גיך אין געשעפט אַריין. קוים אָבער האָט זיך דאָס געשעפט פּלוצים אין אַ שע-נעם פריהמאָרגען געשלאָסען (פרייטאָג, דעם צווייטען טאָג חול-המועד פסח איז דאָס געווען), און דער שעף מיט זיינע בנים זענען אַוועק קיין אויסלאַנד, אַזוי האָט אונזער בראַווער שפּיראָ מיט אַמאָל פערלוי-רען דעם גאַנצען קוראַזש און איז געקומען אַהיים, אַוועקגערופען שרה'ן אויף אַ זייט און אַיינגערוימט איהר אַ סוד שטילערהייד:

— שרה, ס'איז שלעכט — ביז'ן עק אַריין שלעכט, מע דאַרף זיך ראַטעווען מיט די קינדער...

— וועה איז מיר! — האָט שרה פערבראָכען די הענד, — וואָס? מע שלאָגט שוין? אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען?

— שאַ! גוואַלדעווע נישט אַזוי! מע שלאָגט נאָך ניט! ווער זאָגט דען, אַז מע שלאָגט שוין? האָסטו געזעהען! אָט דאָ הויבט זיך אָן מיט איהר! אַ וואָרט טאָר מען איהר דען זאָגען? געטרויען פון דאַנען אַהין? זינט איך לעב!

מאַן און ווייב צוקריגען זיך, ווי דער שטייגער איז, נאָר איצ-טיגס מאָל האָט זיך די מחלוקת געענדיגט דערמיט, וואָסביידע האָבען זיי זיך גענומען פּאַקען, נאָר בסוד, אַז די קינדער זאָלען ניט וויסען. זיי זענען געווען צופרידען, וואָס בעטי איז אַוועק מיט'ן קוואַרטיראַנט אין שטאָדט און סיאָמקען האָבען זיי געוואָלט אַיינרעדען, אַז דאָס פּאַ-

קען זיי זיך צוליעב די אַנדערע טעג יום-טוב. נאָר אָפּנאַרען סיאָמקען איז זיי ניט געראָטען. ערשטענס, האָט ער ניט פערשטאַנען מיט זיין קינדערשען שכל, צו וואָס דאַרף מען אויף די אַנדערע טעג יום-טוב זיך פּאַקען? וואו שטעהט עס געשריבען? און, צווייטענס, איז געווען פּאַר איהם געגוג דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין שוהל פּסח אויפדערנאַכט פאַר'ן ערשטען סדר די מעשיות, וואָס יודען האָבען זיך אָנדערצעהלט פון עלילת-דם און פון פּאָגראָמען, אַז ער זאָל פערשטעהן מיט וואָס דאָס שמעקט,— ער געדענקט נאָך ווי דורכ'ן שלאָף, ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, ווי ער איז געלעגען מיט דער מאַמען ערגיץ אויף אַ בוידים, און דער טאַטע מיט בעטין זענען געווען ביי דער מוהמע טויבע, אויך אויף אַ בוידים, און זיי האָבען דריי טעג מיט דריי נעכט ניט געוואוסט איינס פון דאָס אַנדערע... קורץ, איהר וועט איהם שוין נישט אָפּנאַרען — סיאָמקע ווייסט שוין אויך, וואָס הייסט אַ פּאָגראָם, דאַנקען גאָט, — און אונזער גימנאַזיסטעל פון זיין זייט האָט אויך געגומען זיך פּאַקען, און אויך בסוד, אַז קיינער זאָל ניט זעהן, אַלע ביכער מיט אַלע „טעטראַדען", האָט צונויפגעלעגט אינאיינעם, איבערגעבונדען מיט אַנ'אַלטען פּאַסיק פון זיין אַלטער אוניפאָרם, די אַטעסטאַציע פון גימנאַזיע מיט די פינפען האָט ער בעהאַלטען ווייט אין קעשענע — און איז געווען גרייט... נאָר אָט איז געקומען צו געהן די שוועסטער מיט'ן רעפעטיטאָר — און ס'איז צושלאָגען געוואָרען די גאַנצע חתונה!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייס? וואוהין פּאַקט איהר זיך? — איז בעטי אָנגעפאַלען אויף זיי, ווי זי קאָן, — איהר ווילט אַנטלויפען? לויפט! איך וועל זיך פונ'ם אָרט ניט ריהרען!...

ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט געהאַלטען, פערשטעהט זיך, מיט בעטין, אַז ס'איז נאַריש, וואָס מע לויפט. ערשטענס, וועט גאָרניט זיין, און, צווייטענס, אפילו ווען ס'זאָל עפּעס זיין, בעדאַרף מען אויך ניט מורא האָבען. וואָס איז דאָ מורא צו האָבען?

— אַזוי זאָגט איהר? — מאַכט צו איהם שפּירא, — איהר ווייסט דאָך גאָרנישט פון יודישע צרות. למשל, וואו זענט איהר געווען אינ'ם יאָהר נייַנצעהנהונדערטפינף?...

און עס געהט אַוועק אַ שמועס פונ'ם יאָהר נייַנצעהנהונדערטפינף. אַלע האָבען וואָס צו דערצעהלען, און אפילו ראַבינאָוויטש אויך; וואָ-

רום חאָטש ביי זיי, אין זייער גובערניע, זענען גאָר נישטאָ קיין יודען, קיין איינער אפילו, פונדעסטוועגען איז דאָרט אויך געווען דעמאָלט גאַנץ לעבעדיג...

— וואָס הייסט, ס'איז ביי אייך גאָר ניטאָ קיין יודען? — שלאָגט איהם איבער שרה, — און וואו זענט איהר געווען? און אייער מוהמע? און אייער שוועסטער? צי איהר רעכענט זיך פאַר קיין יודען ניט?...

ראַבינאָוויטש פיהלט, אַז ער האָט זיך אַרויסגעהאַפּט מיט אַנ'אי־בעריג וואָרט, וויל ער פעררי͏כטען, אַז עטליכע יודישע משפחות קאָן מען נאָך ניט אָנרופען יודען... נאָר דוד קומט איהם צו הילף; ער לאָזט איהם ניט רעדען און רעדט בעסער אַליין, דערצעהלט אַלע פחדים מיט אַלע בזיונות, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען דאָ אין דער דאָזי־גער שטאָדט: ווי אַזוי ער האָט געהאַפּט און אָפּגעפיהרט די טאָכטער צו זיין שוועסטער, צו טויבע פאַמיליאַנט, געדעכענט איבערלאָזען זי דאָרטען מיט טויבעס קינדער און אַליין קומען צוריק אַהיים, צום סוף האָט ער שוין פון דאָרט נישט געקאָנט מעהר אַרויס און האָט זיך פערקליבען מיט איהר אויף אַ בוידים. דריי טאָג דורכאַנאַנד ניט גע־וואוסט, וואָס טוט זיך מיט שרה'ן און מיט סיאָמקען, וואָס איז געווען דעמאָלט אַ ברעקעלע נאָך...

— און מיר זענען דעמאָלט מיט דעם ברעקעלע געלעגען בעזונ־דער אויף אַ בוידים, — וויל שרה פון איהר זייט אויך עפּעס דערצעה־לען, און דאָס ברעקעלע (סיאָמקע) אַליין וויל אויך עפּעס דערמאָנען זיך און אַריינשטעלען אַ וואָרט, ווי אַזוי ער איז געלעגען מיט דער מאַמען אויפ'ן בוידים, האָט איהם דער פאָטער איבער: „אַזאַ קליינער וועוויריק דאַרף נאָך ניט וויסען פון אַזעלכע זאַכען" — און ער נעמט בעסער אַליין דערצעהלען פון יענער צייט, ווי אַזוי מען האָט זיך אָפּ־געדעכענט מיט די יודעלעך, צוקלאַפּט די יודישע „טשערטאַ" סך-הכל אין איין וואָך און אַזוי קונציג, אַז קיין פּיפּס האָט מען פון די יודע־לעך נישט געהערט, קיין האָהן האָט נישט געקרעהט...

דאָס אַלעס, וואָס שפּיראָ האָט דערצעהלט, האָט ער דערצעהלט אין אַזאַ טאָן, אַז דעם קוואַרטיראַנט האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די יו־דען אַליין ווייסען, אַז זיי זענען אַ שוואַך נישטיג פאָלק, נאָר זיי פאַ־לען דערמיט ביי זיך נישט אַראָפּ אויף קיין האָר אפילו. אדרבה, עס קומט אויס, ווי זיי בעריהמען זיך נאָך מיט זייער צווייטויזענדיעהריגער מאַרטיראָלאָגיע, האַלטען זיך גרויס מיט זייער לאַנגען גלות, וואָס האָט

געמאַכט פון העלדען שאָף און פון מענשען פליגען, שעמען זיך ניט אָנצורופען זיך אַליין מיט'ן נאָמען יודעלעך (קיין פּיפּס האָט מען פון די יודעלעך ניט געהערט, קיין האָהן האָט ניט געקרעהט) — „אַ מאָדנע, מאָדנע פאָלק!...״

אָט אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען דער גאַנצער טאָג פרייטאָג. דוד און שרה שפּירא (און מיט זיי דער קליינער סיאָמקע) זענען געווען גרייט צו לויפען גלייך מיט אַלע יודען, וואוהין די אויגען וועלען טראָגען, נאָר די טאָכטער מיט'ן קוואַרטיראַנט האָבען זיי אָפּגעהאַלטען — ביז ס'איז אַיינגעטראָטען שבת, און שבת פאָהרט מען ניט. סיידען אפשר מיט'ן וואַסער? אַלע שכנים זייערע, פריינד און גוטע פריינד, און אַלע יודען פון דער יודישער גאַס האָבען זיך אַוועקגעלאָזט צום טייך, צו די שיפען, פאַרוואָס זאָלען זיי אויך ניט פאָהרען מיט'ן שיף? האָט זיך אָבער בעטי אַיינגעשפּאַרט — זי זאָל וויסען, דער טויט זאָל זיין, וועט זי ניט פאָהרען מיט'ן שיף. פאַרוואָס, למשל? — אָט אַזוי, זי וויל ניט. און אַז בעטי זאָגט ניין, איז שוין איין מאָל ניין. קוים מיט צרות, מיט לייד, מיט טרעהרען, האָט ביי איהר די מוטער געפּועלט, מע זאָל חאָטש אַוועק פון דער דאָזיגער יודישער גאַס, וואָס איז דורך דעם שבת'דיגען טאָג אויסגעליידיגט געוואָרען פון מענשען, חאָטש נעם טראָג אַרויס אַלסדינג פון די הייזער, וועט דיר קיינער אַ וואָרט ניט זאָגען, און אַריבערגעהן צו דער מוהמע טויבע, — „עלעהיי ס'איז דאָך שבת-חול-המועד, לאָז זיך אונז דאַכטען, אַז מיר געהען זיך דורך אַהין גלאַט מיט אַוויזיט״... נאָר ביז די שפּיראָס האָבען זיך צוזעקליבען צו געהן, האָט שוין אָנגעהויבען ווערען נאַכט. פאָהרען האָט מען נאָך נישט געטאָרט און געהן איז געווען אַ ביסעל ווייטליך, איז מען געקומען צום הויף, וואו שלמה פאַמיליאַנט וואוינט, רעכט מיד און פערשוויצט און געטראָפען די טיר און טויער צוגעשלאָסען. אַמאָל דריי האָבען זיי געמוזט אָנקלינגען, ביז ס'האָט זיך בעוויזען אַ דוואָרניק, ניט אַהין, ניט אַהער, דאָס הייסט ניט גאָר שכור, אָבער ניט אינגאַנצען ניכטער אויך. דערזעהען יודען, האָט ער זיי גענומען שעלטען און מאַכען זיי אַ מי-שברך דער מאַמען; איז שפּירא געוואָרען אויפגעקאָכט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויס'טענה'ן מיט'ן שומר, למאי ער איז מטריח די מאַמע פון יענער וועלט; האָט איהם דער קוואַרטיראַנט, וואָס איז געווען נאָך מעהר אויפגעקאָכט, איבערגעשלאָגען:

— מיט וועמען ווילט איהר זיך דאָ אויס׳טענה׳ן? אָט פערפאָהר איך איהם גלייך אין דער מאָרדע אַריין, וועט ער וויסען דרך-ארץ!...

דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט זיך דער דוואָרניק נאָך מעהר אָנגעצונדען און איז אויפגעטראָטען גלייך אויף ראַבינאָוויטשען:

— אַך טי זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! דו וועסט מיר אַריינפאָהרען, זאָגסטו, אין דער מאָרדע אַריין? אָט טו איך נאָר איין פייף, מאַכט מען פון אייך אַלעמען אַש אין איין מינוט, נאָך איידער דאָס פאָלק וועט זיך אויסשלאָפען מאַכען אויף אַייך אַ פּאָגראָם צוליעב׳ן הייליגען יום-טוב.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

עס האָט געקאָסט די שפּיראָס גענוג מיה, ביז מע האָט אָפּגעריסען דעם צוהיצטען קוואַרטיראַנט פו״ם פער׳שכור׳טען דוואָרניק און דערמיט אפשר אויסגעמיידט אַ צרה... אי דאָס האָבען זיי געהאַט צו פערדאַנקען נאָר בעטין, וואָס האָט מיט איין קוק פון איהרע אויגען איינגעשטילט די רציחה פונ׳ם דאָזיגען יונגעגמאַן, וואָס האָט אין זיך עפּעס גאָר נישט קיין יודישע געניג: „ווי שטעלט זיך עס אַוועק אַ יוד אין אַזאַ צייט — זאָגט איהם נאָכדעם שרה — צו רעדען מיט אַ גוי אַזעלכע ווערטער?...״ אפילו בעטי אַליין האָט געמוזט צוגעבען, אַז ס׳איז ביי איהם מאָדנע געניג, גאָר נישט קיין יודישע אינסטינקטען...

— נו? וואָס טוט מען איצט? וואוהין געהט מען? צוריק אַהיים?

— טאָכטער מיינע! האַרץ מיינס! לאָמיר נעמען אַ פוהר און לאָמיר פאָהרען צו דער באַהן! אַלע זענען זיך צופאָהרען, לאָמיר אויך פאָהרען. לאָמיר פאָהרען, וואוהין די אויגען וועלען טראָגען!

אַזוי האָט זיך שרה געבעטען ביי איהר טאָכטער, געפאַלען איהר אויפ׳ן האַלז און אָנגעהויבען וויינען. אויף איהר קוקענדיג, האָט זיך דוד אויך ניט געקאָנט איינהאַלטען און ער האָט זיך אָפּגעקעהרט אויף אַ זייט, מע זאָל ניט זעהען זיינע נאַסליכע אויגען, און סיאָמקע, דער בראַווער גימנאַזיסט, דער האָט זיך גאָר צוחליפּעט. איהם האָבען באַנג געטאָן די ביכער מיט די „טעטראַדען״, טאָמער חלילה...

— וויין ניט, קינד מיינס, מיר האָבען אַ גרויסען גאָט, — טרייסט איהם שרה און שיקט דעם מאַן, ער זאָל נעמען אַ איזוואָזטשיק, צוויי איזוואָזטשיקעס, און דאָס גאַנצע געזינדעל שפּיראָ אינאיינעם מיט זייער קוואַרטיראַנט זעצען זיך אויף פאָהרען צו דער באַהן און פון דאָרטען — וואוהין די אויגען וועלען טראָגען. און ווייל זיי האָבען זיך

אויסגעזעצט אויף צוויי איזוואָזטשיקעס, איז אויסגעקומען, אַז דוד און שרה און סיאָמקע זאָלען פאָהרען בעזונדער, און די טאָכטער מיט'ן קוואַרטיראַנט בעזונדער, און אַקוראַט ביים אויפזעצען זיך איז שרה'ן געראָטען זיך דורכוואַרפען מיט'ן קוואַרטיראַנט מיט אַ פּאָר ווערטער, אין וועלכע זי האָט אויסגעזאָגט, אַז זי טרויעט איהם אָן די גרעסטע העלפט פון איהר פערמעגען, דאָס אויג אין קאָפּ... מעהר האָט זי נישט געקאָנט רעדען. טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין האַלז...

— זייט רוהיג, מאַטושקאַ, זייט גאַנץ רוהיג, — האָט דער קוואַרטיראַנט זי געטרייסט. — איך פערזיכער אייך, איך גאַראַנטיר אייך פאַר איהר מיט מיין לעבען, מיט מיין גאַנץ לעבען!...

אין די דאָזיגע ווערטער האָט זיך געפיהלט אַזוי פיעל אמת, ענערגיע און וואַרימקייט, אַז די אָרימע מאַמע, נעבאַך, האָט געקאָנט זיין גאַנץ רוהיג, אַז איהר טאָכטער געפינט זיך אין זיכערע הענד. פונדעסטוועגען האָט זי געמאַכט אַזוי, אַז די טאָכטער מיט'ן קוואַרטיראַנט זאָלען פאָהרען פריהער און זי מיט איהר מאַן מיט'ן מיזיניקעל פון הינטען. און אָט אַזוי האָט זיך דער קאָרטעזש געלאָזט פּאַוואָלינקע צו דער באַהן, און פון דאָרטען — וואוהין די אויגען וועלען טראָגען.

## דאָס דרייאונפופציגסטע קאַפּיטעל.

### שלום אויף דער ערד, מיטוויליגקייט אין די מענשען.

די שפּיראָס זענען געוועזן נישט די ערשטע, וואָס האָבען זיך אַוועקגעלאָזט צו דער באַהן און פון דאָרט — וואוהין די אויגען וועלען טראָגען. אַ סברה, אַז דעמזעלבען טאָג שבת האָבען אַ היבש ביסעל יודען נאָך מבעוד יום זיך צונויפגעקליבען אַרום וואָקזאַל, כלומרשט אויפ'ן שפּאַציר און אָבגעוואַרט, זאָל נאָר ווערען נאַכט, אַזוי זעצט מען זיך אויף אַ פולער וואָך — און זייט געזונד.

צוגעפאָהרען צו דער גאַס, וואָס פיהרט צו דער באַהן, האָבען זיי נאָך פון דערווייטען דערזעהן פאַר זיך אַ מאַסע מענשען, ווער ס'איז געפאָהרען און ווער ס'איז געגאַנגען צופוס, — און דאָס זענען געוועזן לויטער יודען, לויטער אויסדערוועהלטע, נאָר-וואָס געוועזענע מלכים און בני מלכים, מיינסטענטייל אָרימע לייט, זאָלען לעבען, מיט זייערע ווייבער, קינדער און בעבעכעס, פּעקלעך, קישעלעך און שמאַטעס, אָהן אַ שיעור שמאַטעס. צווישען זיי האָבען זיך אויך דורכגעוואָרפען בעלי-בתים פערמעגליכע, אינטעליגענטען מיט קאַפּעלישלעך, דאַמען מיט שטרויס-פעדערען, באַרישניס מיט זאָנטיקלעך, סטודענטען אין טוזשור-קעס, גימנאַזיסטלעך מיט ווייסע קנעפּ, אויסגעמישט מיט יודען אָרימע, אויסגעהונגערטע, אָדער אַלטע קראַנקע, הוסטענדיגע, מיט ווייבער בלאַסע, אויסגעמוטשעטע, אָפּט אָבגעריסענע-אָבגעשליסענע, מיט קליינע עופ'עלעך נאַקעטע, אין שמאַטעס איינגעהילטע, — ג"ט איינעם וואָרט די גאַנצע יודישע גאַס, די גאַנצע יודישע „טשערטאַ" דאָס גאַנצע יודישע פאָלק.

— קודאַ פּריאָש? (וואוהין שטופּסטו?) אָסאַדי נאַזאַד! (נעם זיך צוריק!) זשידאָווסקיאַ חאַרי! (יודישע פּנים'ער!) לאַבסערדאַקי טרעק-

ליאַטעיאַ! (לייבסערדאַקעס פערשאָלטענע! פאַנטשאָחי פייסאַטשנעיאַ! (זאָקען פסח׳דיגע!)

אָט דאָס איז געווען דער ברוך-הבא, מיט וועלכען אַ בערעדעווו-דיגער גאָראָדאָוואָי אין ווייסע הענטשקעס האָט בעגעגענט די שפיראָס און אָפּגעשטעלט זייערע איזוואָזטשיקעס, מכבד געווען די פערד מיט אַ קולאַק אין דער מאָרדע. בעקומען אַזאַ ברוך-הבא, איז דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען ראַבינאָוויטש און גלייך צום גאָראָדאָוואָי, געוואָלט אויסשמועסען זיך מיט איהם וועגען פילאָלאָגיע — פון וואַנען האָט זיך גענומען צו איהם אַזאַ לשון? האָט עס שרה בעצייטענס בעמערקט און אויפגעהויבען אַ גוואַלד צו דער טאָכטער אויף יודיש:

— בעטי! האַלט איהם צו דאָס מויל, בעטי! לאָז איהם נישט רעדען — ער וועט אויף אונז, חלילה, אָנרופען אַנ׳אומגליק!....

העלפט נישט. מוז מען דאָס איבעריגע געהן צופוס. נאָר וואָס וועט איהר געהן, אַז עס שטעהט פאַר אייך קיין עין-הרע אַזאַ איין עולם? מע מוז אָפּווארטען, ביז די ערשטע רייהען וועלען זיך דער-שלאָגען צו דער קאַסע, דעמאָלט וועלען אַלע אויפגעריכט ווערען. דערווייל דאַרף מען צוזעצען זיך, עס מעג זיין אויף דער ערד, אַבי פערהאַפּען אַנ׳אָרט וואָס פריהער, וואָרום הינטען קומען צו, ברוך השם, נאָך און נאָך, דער עולם, קיין עין-הרע, וואַקסט ווי נאָך אַ רעגען.

— וואָס וועלען מיר טון? — פרעגט שרה ביי איהר מאַן, אַרומ-קוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען און זעהענדיג, ווי יודען מעהרען זיך. דוד ענטפערט איהר בייז ווי אַלע מאָל:

— וואָס וועלען מיר טון? מיר וועלען שרייבען ספרים! נאַ דיר גאָר אַזאַ מין שאלה — וואָס וועלען מיר טון? אַלע וואַרטען, וועלען מיר אויך וואַרטען. אַלע זיצען, וועלען מיר אויך זיצען.

און די משפחה שפירא האָט אויסגעזוכט אַנ׳אָרט און צוגעזעצט זיך אויפ׳ן טראָטואַר, נעבען אַ טומבע, פריהער דוד, דערנאָך שרה מיט׳ן מיזיניק. די טאָכטער מיט׳ן קוואַרטיראַנט זענען נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע, חשק געהאַט אַ ביסעל זיך דורכגעהן, נאָר ס׳איז געווען ניט אַהין און ניט אַהער, סיידען געהן איבער קעפּ, שפּאַנען איבער קליינע קינדער, — און די האָבען זיך אויך צוגעזעצט, מעהר ניט אויף אַ ווײַלע, ביז עס וועט ווערען שיטערער און, יעדער פון זיי האָט זיך איבערגעגעבען צו זיינע געדאַנקען.

* * *

אין דער דאָזיגער נאַכט האָט אונזער ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו אי־בערגעלעבט דאָס, וואָס אַנ'אַנדערער וועט עס נישט איבערלעבען אין אַ יאָהר, און איבערגעטראַכט מעהר ווי ער האָט איבערגעטראַכט אין זיין גאַנצען לעבען, ווארום דאָס, וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעזעהען און וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעהערט, איז געווען צעהנטויזענד מאָל מעהר, וויפיעל זיין פאַנטאַזיע האָט איהם געקאָנט פאָרשטעלען. נישט רעדענדיג שוין פון די שרעקליכע האַרצרייסענדע סצענעס, וואָס אָרימע אָפּגע־ריסענע מאַמעס מיט אַראָבגעהאַנגענע ברוסטען האַלטען נאַקעטע אין שמאַטעס איינגעהילטע הונגעריגע קינדער; נישט רעדענדיג שוין פון אַל'טע קראַנקע הוסטענדיגע לייט, יודען מיט בלאַסע אויסגעהונגערטע פּנים'ער, יונגע לייט מיט אויסגעבויגענע רוקענס און מיט איבערגע־שראָקענע אויגען, און וואָס די אַלע שלאָגען זיך פאַר'ן לעבען, ציטערן פאַר'ן מלאך-המות אַ סך מעהר, ווי עס ציטערן די גליקליכסטע גע־צעהלטע מיליאָרדערען פון דער וועלט, — דאָס אַלסדינג האָט איהם נישט אַזוי איבערראַשט, ווי איהם האָט איבערראַשט דאָס, וואָס די דאָ־זיגע אַלע מענשען האַלטען עס פאַר אַ גאַנץ געוועהנליכער זאַך, פאַר אַ זאַך, וואָס דאַרף אַזוי צו זיין... און ווען בעדאַרף זיך עס טרעפען? אַקוראַט אין דער נאַכט, וואָס אַקעגען דעם ליכטיגען זונטאָג, ווען אַלע גוטע עהרליכע קריסטען זענען אויף די גאַנצע נאַכט, בעגעגענען מיט פרייד דעם טאָג פון אויפלעבונג, נעמען זיך אַרום ברידערליך און קושען זיך.

און זיינע מחשבות הויבען איהם אויף און טראָגען איהם אַוועק וויט-וויט פון דאַנען אַהין, אין זיין היים אַריין, צווישען זייניגע. אַלע יאָהר אין דער צייט איז ער געווען אַ גאַסט אין דערהיים, און דאָרטען, צוליעב'ן פאָטער, און נאָך מעהר צוליעב דער פרומער שוועס־טער וויעראַ, האָט ער די נאַכט פערבראַכט גלייך מיט אַלע אין קלויס־טער, און די ערשטע, מיט וועמען ער האָט זיך צוקושט, איז געווען תמיד די שוועסטער וויעראַ, וואָס האָט אין יענער מינוט אויסגעזעהען ווי אַ נייגעבוירענע, ווי אַ הייליגע, ווי אַ מענש, וואָס איז ניט פון דער וועלט...

זיין שוועסטער וויעראַ איז אַ קאָפּיע פון איהר בילדשענער מוטער

דער ציגיינערין, האָט מיט איהרע שוואַרצע גרויסע אויגען אויסגעזעהען אין דער דאָזיגער נאַכט טאַקי נאָר ווי אַ מאַדאָנע. אַלעס האָט געדעדט אין איהר דעמאָלט וועגען ליעבע, ליעבע אָהן אַ ברעג, ליעבע צו אַלע מענשען און נאָך מעהר צו די אָרימע, שוואַכע, בעטריבטע און דער-שלאָגענע; אַלעס האָט דערמאַנט אין איהר די הויכע שטימונג פונ'ם גרויסען יום-טוב, וואָס זאָגט אָן די גוטע בשורה, אַז מיט דעם דאָזיגען טאָג טריט איין „שלום אויף דער ערד און מיטוויליגקייט אין די מענשען"...

„אָ! שוועסטער, שוועסטער! — טראַכט ער זיך, — ווען דו זאָלסט איצטער זיין אָט דאָ וואו איך און צוזעהען, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָ-בען די ווערטער שלום אויף דער ערד, מיטוויליגקייט אין די מענשען!... ווען דו זאָלסט זיין אָט דאָ אַצינד און זעהן, ווי דאָס בעסטע און דאָס הייליגסטע ווערט געטראָטען מיט די פיס! און איבער וואָס? איבער דעם, וואָס מיר ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען איינס דאָס אַנדערע... נאָר איבער דעם, וואָס אַ ברודער וויל זיין ברודער פאַר אַ ברודער נישט דערקענען..."

דאָ ווערען זיינע מחשבות איבערגעריסען דורך דעם, וואָס דוד שפּירא, וועלכער איז געזעסען ביז אַהער שטיל ווי אַ קעצעלע, האָט פּלוצים אַרויסגערעדט מיט אַ טיעפען זיפץ:

— רבונו של עולם! רבונו של עולם! וואָס וועט זיין מיט דיינע יודעלעך?!...

אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געגעבען פון די דאָזיגע ווערטער, אַפילו די, וואָס זענען געזעסען נעבען די שפּיראָס, אויך אַ געזינדעל, האָבען זיך ווי דערשראָקען. דאָס דאָזיגע געזינדעל איז בעשטאַנען פון אַ צוקאָשמעט יודעל מיט רויטליכע, דאַכט זיך, טראַכאָמאַטישע אויגען, און פון אַנ'אויסגעדאַרט ווייבעל מיט אַ פּנים, וואָס האָט שטאַרק גע-חאַפּט דעם אָבליק פון אַ מצה, און דריי קינדערלעך האָבען זיך אָנגע-האַלטען ביי איהר פאַרטוך, מורא געהאַט אַפּנים, זי זאָל ניט אַנטלוי-פען. נעבען ווייבעל מיט'ן מצה-פּנים איז געזעסען אַ שוואַרצער בחור אין אַ ווייסען אַנצוג נאָך פון פאַראַיאָהרען זומער, אויב ניט פון פאַר צוויי יאָהרען. און חאָטש דער דאָזיגער שוואַרצער בחור איז געזעסען מיט זיין פּלייצע קעגען דוד שפּיראָס פּלייצע, און חאָטש דוד שפּירא האָט גערעדט ניט צו איהם, פונדעסטוועגען האָט ער אָפּגעענטפערט שפּיראָ'ן אויף זיינע ווערטער מיט דער ליטווישער אויסשפּראַך:

— רב יוד! איהר זאָלט אייך נאָר פאַר גאָטס יודעלעך ניט זאָרגען, איז איינמאָל אַוועק, והשנית וואָלט איך וועלען וויסען, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין לשון „יודעלעך"? פאַרוואָס עפּיס „יודעלעך"? פאַרוואָס ניט „יודען"?

דוד שפּיראָ איז אויפגעזאָטען פאַר כעס און האָט אָפּגעענטפערט דעם יונגענמאַן דעם עזות-פּנים מיט'ן זעלבען ליטווישען לשון, וואָס דער יונגערמאַן האָט גערעדט צו איהם:

— יונגערמאַן! איך רעד דאָך ניט צו אייך, איז איינמאָל אַוועק, והשנית, וואָלט איך וועלען וויסען, ווער זענט איהר, וואָס איהר רעדט צו מיר אויף אַזאַ „לאָשען"?

— און ווער זענט איהר, וואָס איהר רעדט צו מיר אויף אַזאַ „לושען"?

האָטש דוד'ן איז געווען נישט אויפ'ן האַרצען אין אַזאַ צייט צו אויספיינען זיך מיט זיין יחוס, דאָך האָט זיך איהם געוואָלט אַיינטיילען דעם יונגענמאַן דעם ליטוואַק, ער זאָל וויסען, מיט וועמען ער רעדט.

— פון די סלאַוויטער שפּיראָס האָט איהר אַמאָל געהערט, צי ווער, וואָס?

— און איהר האָט פון די פּינסקער הורוויטשעס ווען געהערט צי ווער, וואָס?

דאָ האָבען זיי ביידע זיך אויסגעדרעהט מיט די פּנים'ער איינס צו דאָס אַנדערע, און ראַבינאָוויטש דערזעהט אַ בעקאַנט ענערגיש-קלוג-פרישטשעוואַטע פּנים און דערהערט אַ בעקאַנטע פריילי‎כע שטימע, האָט זיך געגעבען אַ דרעה אויס צום יונגענמאַן:

— קאָללעגאַ! ס'איז איהר?

— באַ! קאָללעגאַ! איהר זייט אויך דאָ? אחינו אתה!

און ביידע יונגעלייט זענען אויפגעשטאַנען פון דער ערד און האָבען זיך אַרומגענומען ווי אַלטע גוטע ברידער און, צו דער ערשטוינונג פון די שפּיראָס, האָבען זיי צוקושט זיך גאָר פריינדליך.

דאָס איז געווען דער פּינסקער בחור, איינער פון די דרייצעהן מעדאַליסטען, מיט וועלכען ראַבינאָוויטש האָט זיך גאָהענט בעקענט אין געפענגעניש. דאָס טרוקענע ווייבעל מיט'ן מצה-פּנים — דאָס איז זיין שוועסטער, און דער צוקאָשמעטער יונגערמאַן מיט די רויטליכע

טראַכאָמאַטישע אויגען — דאָס איז זיין שוואָגער דער אַיינבינדער, איך בעט אַייך, זייט בעקאַנט...

— זעהר אַיינגענעהמען! זעהר אַיינגענעהמען!

ראַבינאָוויטש דריקט זיי די האַנד. דערנאָך שטעלט ער פאָר זיין פריינד און חבר פאַר בעטין, דערנאָך פאַר די איבעריגע שפּיראָס, און דער פּינסקער בחור פון זיין זייט האָט זיי פאָרגעשטעלט די שוועסטער מיט'ן שוואָגער, און אָט אַזוי האָבען צוויי געזינדלער גע־שלאָסען צווישען זיך אַיינגענעהמענע בעקאַנטשאַפט.

## דאָס פיעראונפופציגסטע קאַפּיטעל.

## אַ לאַנגע נאַכט.

אונטערוועגענס זענען אַלע — גלייכע מיוחסים. דוד שפּיראָ (איהר מעגט איהם גלויבען בנאמנות) וואָלט ביי זיך אין דער היים קיינמאָל זיך ניט צונויפגעקומען מיט אַ נחות דרגא, מיט אַ בעל-מלאכה. וואָס פאַר אַ מחותן איז ער, דוד שפּיראָ, פון די אמת׳ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס, מיט אַ יודען אַנ׳איינבינדער? און דאָ, ליגענדיג אין דרויסען ביי דער באַהן און וואַרטענדיג אויף דער רייהע, האָבען זיך ביידע געזינדלעך, די משפחה שפּיראָ מיט דער משפחה פונ׳ם פינסקער בחור׳ס שוואָגער, בעקענט אַביסעל נעהענטער און שיער ניט געוואָרען חבר. גוט, וואָס דוד האָט זיך בעצייטענס אַביסעלע אָפּגערוקט, געהאַלטען זיך פון דערווייטען, ווי איינער רעדט: „בעקאַנט מהכתיתי, פאַרוואָס ניט? נאָר חבר-לאַפּ — אַזאַס!...״ דער אַיינבינדער האָט דאָס גיך דער-פיהלט און האָט זיך בענומען מיט זיין נייעם בעקאַנטען מיט גרויס דרך-ארץ, מורא געהאַט אַרויסרעדען אַנ׳איבעריג וואָרט, זיך געהיט מיט׳ן פּאַפּיראָסעל, אויסגעדרעהט אַלע מינוט דעם קאָפּ און געבלאָזען אויף אַ זייט, און אַז ער האָט בעדאַרפט הוסטען, האָט ער געהוסט אין קולאַק אַריין, און אפילו, אַז ער האָט בעדאַרפט לאַכען האָט ער גע-זעהען, ער זאָל ניט לאַכען מיט׳ן גאַנצען מויל.

ניט אַזוי האָט עס אָבער געהאַלטען מיט זייערע ווייבער. וויי-בער זענען איבערהויפּט אַנ׳אַנדער פאָלק. ובפרט נאָך ביי אַנ׳אומגליק. וואָס ביי דער אַיינבינדערין איז געווען אויפ׳ן האַרצען, האָט זי דאָס אַרויסגעגעבען פאַר איהר נייער בעקאַנטער, פאַר דער שפּיראָכען. און שרה שפּיראָ פון איהר זייט האָט אַנטפּלעקט איהר נשמה און אויסגע-גאָסען איהר האַרץ פאַר דער אַיינבינדערין ווי פאַר אַנ׳אייגענער

שוועסטער. די אײנבינדערין, חאָטש זי איז אַ ליטוועטשקע פון סאַמע פינסק און חאָטש זי האָט אַ פנים פון אַנ'אמת'ער מצה, וואָלט שרה פונדעסטוועגען מיט פערגניגען זי פערביטען אויף איהר רייכע שוועגערין די מיוחסת טויבע פאַמיליאַנט און וואָלט נאָך אפשר צוגעצאָהלט עפּעס... שטעלט אײך פאָר אַ השגה פון אַ נגידית: זיך אויפגעהויבען, ווי עס ווייזט אויס, נאָך פון פאַר שבת אָן, און איז אַנטלאָפען מיט איהרע קינדער פון שטאָדט, אפילו נישט געגעבען צו וויסען דערפון זייער אייגענעם ברודער! — און האַלט זיך נאָך פאַר אַ צדיקית...

— הערט איהר, מיין מאַן איז טאַקי אַ חכם. ער זאָגט, זאָגט ער, אַז אַ חסיד איז ערגער פון אַ הולטיי (דאָס מיינט ער דעם שוואָגער), און אויף דער שוועסטער זאָגט ער, אַז חאָטש זי איז איהם, זאָגט ער, אַנ'אייגענע שוועסטער, פונדעסטוועגען, זאָגט ער, איז זי פּאָרט, זאָגט ער, אַ „וצדקתך". די וועלט זאָגט אַ ווערטעל: „מיט וואָס מע קאָכט דעם טאָפּ, מיט דעם שמעקט ער"... אַז אַ וועלט זאָגט, איז אמת.

אָט אַזוי רעדט זיך אויס דאָס האַרץ שרה פאַר איהר נייער בעקאַנטער דער אײנבינדערין. און די אײנבינדערין פון איהר זייט דערצעהלט פאַר שרה'ן, ווער זי איז און פון וואַנען זי איז. אַז בסך-הכל, דאַרפט איהר וויסען, איז זי גאָר אַ מלמד'ס אַ טאָכטער. דאָס הייסט, איהר פאָטער איז געווען כל-ימיו, אויב איהר ווילט וויסען, אַ מלמד אין פינסק, און נישט נאָר גלאַט אַזוי עפּעס אַ מלמד'ל, נאָר טאַקי אַ גמרא-מלמד, פערשטעהט איהר מיך, און זי האָט אַזוי בעדאַרפט זיין אַ בעל-מלאכה'ס אַ ווייב, פונקט אַזוי ווי מיר, יודען, למשל, האָבען בעדאַרפט האָבען אויף זיך דאָס פּעקעל...

— וואָסער פּעקעל? — פרעגט שרה.

— פּטור! וואָס הייסט וואָסער פּעקעל? — ענטפערט איהר די אײנבינדערין, — אָט דאָס פּעקעל מיט'ן ממזר, וואָס דער גוי דער שטיפפאָטער האָט עס אומגעבראַכט און אונטערגעוואָרפען זײנעם אַ שכן אַ יודען, בכדי מע זאָל מיינען, אַז דאָס איז דעם יודענס אַרבייט, ווען מען קאָנען מאַכען אַ פּאָגראָם... סטייטש, מיר איז אַ חידוש, איהר זאָלט ניט וויסען, ווי קומט עס? אַ סברה גאָר, אַז מע האָט שוין ביי יענעם יודען געמאַכט אַנ'אָביסק ערב-פּסח, נאָר מע האָט גאָרניט געפונען. „אַזוי? ווייסען שוין אַלע פון'ם אָביסק? אַלע, די גאַנצע וועלט? און די גאַנצע וועלט ווייס, נאָר מיר ניט, אַז עס האָט אַ שייכות צו קירילי'כעס זוהנדעל, פערפינסטערט בין איך געוואָרען! איז דאָך טאַקי

דוד נעבאַך געַרעכט געווען, אַז מיר האָבען ניט בעדאַרפט האָבען קיין שום מגע ומשא ניט מיט קירילי׳כען, ניט מיט איהר קדיש, וואָרום יעדער בעדאַרף וויסען זיין גלייכען..."

אַזוי טראַכט זיך שרה, מאַכט זיך, ווי זי הערט איטליכס וואָרט, וואָס די איינבינדערין דערצעהלט איהר, נאָר באמת הערט זי זיך איין אין איהרע אייגענע געדאַנקען, וואָס פלאָנטען זיך און פלאָנטען זיך און גיסען זיך צונויף אינאיינעם מיט׳ן קלינגען פון די גלעקער. פון האַלבע נאַכט אָן האָבען אַלע גלעקער פון אַלע קלויסטערס, וויפיעל ס׳איז דאָ אין שטאָדט, ניט אויפגעהערט צו קלינגען. איבערן קלינגעריי האָט מען כמעט נישט געקאָנט הערען, וואָס מע רעדט. די איינבינדעַרין האָט זיך אָבער ניט געפוילט, געהעכערט איהר קול און גערעדט און גערעדט אָהן אַב׳אויפהער. זי האָט דערצעהלט זעהר אַ סך שענע זאַכען פון זיך און פון איהר מאַן דעם איינבינדער און פון איהר טאַטען דעם גמרא-מלמד און פון איהר ברודער, דעם בחור דעם סטודענט.

— זעהט איהר אָט דעם בחורעץ? — האָט זי אָנגעוויזען אויף איהר ברודער, אויפ׳ן פינסקער בחור, — אַיאָ, דאַכט זיך אַ גאַנצער יאַ-טעביי-דאָס, אַ סטודענט, וואָס? איהר מיינט טאַקי אַ סטודענט? פטור! עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַ סטודענט. דאָס הייסט על-פי-יושר וואָלט עם שוין לאַנג: צייט געווען צו זיין אַ סטודענט, וואָרום בסך-הכל האָט ער דאָך געענדיגט מיט אַ „מענדאַל", מחמת ער האָט אַ קעפּעלע, איהר זעהט אַ קאָפּ? אַ גאַנצער לאָקשענטאָפּ! פטור! וואָס דען? אומזיסט גיט מען אַ „מענדאַל"? אין דער היים, וואָלט איהר זעהען, זיינע אַלע לעהרערס געווען נאָך איהם די כפרה. דער „דרעקטער" אַליין פלעגט איינעמהמען אַ מיתה משונה! ער האָט געשיקט רופען צו זיך איינמאָל דעם טאַטען און מאַכט צו איהם אַזוי: „ווילסט, זאָגט ער, אַז פון דיין בענין (בעני רופט מען איהם, דעם ברודער הייסט דאָס), ווילסט, זאָגט ער, אַז פון דיין בענין זאָל זיין אַ לייט, וואָס אַ לייט הייסט, טאַקי אַ גאַנצער פּראָפעסאָר?" זאָגט איהם דער טאַטע: „פטור! צו וואָס אַ פּראָפעסאָר? וואָס קאָן איך ניט בעשטעהן, אַז ער זאָל זיין אַ דאָקטאָר?" זאָגט צו עם דער „דרעקטער": „פטור! אַז איך זאָג אַ פּראָפעסאָר, איז אַ פּראָפעסאָר! נאָר וואָס דען, זאָגט ער, איין זאַך — זאָלסט עם פריהער, זאָגט ער, אַ בישינקע אונטער׳שמד׳ען...

— נו? — מאַכט צו דער איינבינדערין שרה, וואָס האָט פון דער

גאַנצער מעשה געהערט מעהר נישט די ווערטער: „אַ בישינקע אונטער־שמד'ען", און די אײַנבינדערין ענטפערט איהר:

— פּטור! מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט! ווי נאָר דער טאַטע איז געקומען אַהיים און דערצעהלט דעם „דרעקטערס" ווערטער, הויבט זיך אויף מיין בעני, חאַפּט דאָס היטעל און לאָזט זיך געהן. „וואוהין איז?"—„צום דרעקטער?"—„וואָסטו טאָן ביים דרעקטער?"—„איכ'ל עם זאָגען, זאָגט ער, אַז פאַר דער עצה קומט איהם אַ מכּה אין פּלייצע"... פּטור! אַ יונגאַטש טוט זיך אַ זאָג!... קוים געפּועלט ביי עם דער טאַטע, ער זאָל זיך ניט אָנהויבען מיט'ן „דרעקטער", וואָרום טאָמער הויבט ער זיך אָן מיט'ן „דרעקטער", האָט ער קדחת ניט קיין „מענדאַל", און וואָס איז משטיינס געזאָגט אַ יוד היינטיגע צייטען אָהן אַ „מענדאַל"?...

— נו? — פרעגט ווידער שרה, וואָס האָט מעהר נישט געהערט ווי דאָס לעצטע וואָרט „מענדאַל".

— פּטור! — ענטפערט ווידער די אײַנבינדע[illegible] — האָט איהם גאָט געהאָלפען, ער האָט שיים אַ „מענדאַל", און העלפט מיין מאַן בינדען ספרים און מיר העלפט ער וויגען די קינדער, אַבי ער זאָל האָבען אַ ווינקעלע, אַוואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען, און קאָנען פערברענגען גאַנצענע נעכט איבער אַזעלכע גראָבע ביכער, וואָס מיט יעדען פון זיי קאָן מען פּלעטען דעם מח דעם גרעסטען „חאַליגאַן"...

— מאַמע! מיר געהען אַ ווײַלע אָט דאָ ניט ווייט און קומען באַלד צוריק, — זאָגט בעטי צו דער מוטער, וועלכע האָט נאָך רעכט ניט צוקייט, וואָס די טאָכטער מיינט דערמיט. צוקייט האָט זי דאָס ערשט נאָכדעם, אַז בעטי איז מיט'ן קוואַרטיראַנט אין מיט'ן פּינסקער בחור אָפּגעטראָטען אַ ביסעל אויף אַ זייט, נעהענטער צום וואָקזאַל צו. שרה וואָלט זי בשום אופן נישט אָפּגעלאָזט פון זיך אַצינד. וואָרום ווי האָט זי געקאָנט דאָס דערלאָזען אין אַזאַ צייט אָפּלאָזען פון זיך איהר טאָכטער, איהר אויג פון קאָפּ, אויף איין טריט אפילו? שרה איז אָבער געווען אַזוי צוטומעלט פון דער נאַכט און פון דעם קליגגען אין די קלויסטערס און פון די פּחדים, און איבערהויפּט פון די פּאָר ווערטער וועגען „אָביסק", וואָס די אײַנבינדערין האָט דאָ אַריינגעוואָרפען, אַז זי האָט גאָר ניט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. און דערצו האָט זי זיך ניט געקאָנט ריהרען פונ'ם אָרט, וואָרום איהר מיזיני־קעל סיאָמקע, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט נעבען דער מוטער

אויף דער ערד, האָט געקוקט דער אײנבינדערין אין מויל אַרײן, ווי זי רעדט אויף איהר ליטוויש לשון „פּטור!" און ווי זי מאַכט מיט די ליפּען, עפּעס טאַקי נאָר ווי צום טאַקט פון די גלעקער, וואָס הערען ניט אויף צו קלינגען: גלין-גלין-גלאָן! גלין-גלין-גלאָן! אַזוי לאַנג, ביז די אויגלעך האָבען זיך זיהם אָנגעהויבען צו קלעפּען, האָט ער זיך צוגערוקט צו דער מאַמע נאָך נעהענטער, צוגעשפּאַרט זיין קעפּעל צו איהר שויס און סוף-כל-סוף איז ער אונטערן רעדען פון דער אײנבינדערין און אונטערן קלינגען פון די גלעקער אַנשלאָפען געוואָרען גאַנץ געשמאַק, ווי מע קאָן נאָר אַנשלאָפען ווערען, אַז מע ליגט ביי דער מאַמע אויפ'ן שויס... און עס חלומ'ען זיך איהם ווייבער, אַ סך—אַ סך ווייבער, און אַלע לויפען זיי צו דער באַהן, שפּרינגען אונטער און קלינגען מיט די ליפּען ווי מיט גלעקער: גלין-גלין-גלאָן! גלין-גלין-גלאָן!... „מיר זאָל זיין פּאַר זיין קאָפּ!"—זאָגט שרה שטילערהייד צו זיך אַליין, טוליעט צו דאָס קינד צום האַרצען, און זוכט מיט די אויגען בעטין און קאָן קאָן זי ניט געפינען. „אַ מכה איז איהר אַ גרויסע! אַ דונער האָט זי דערשלאָגען! וואו קאָן עס זיין איהר טאָכטער?..."

—איהר ווייסט ניט, וואָס זיי האָבען זיך אַזוי צוקלונגען?

אַזוי פרעגט די אײנבינדערין ביי שרה שפּיראָ און זעהענדיג, אַז יענע שווייגט, ענטפערט זי זיך אַליין מיט אַ זיפץ:

—פּטור! היינטיגע נאַכט איז דאָך אַזאַ נאַכט.

* *

*

די גלעקער האָבען געקלונגען. נאָר נישט פאַר אַלעמען האָבען די גלעקער גלייך געקלונגען. נישט פאַר אַלעמען האָט אָט דאָס קלינגען געהאַט איין בעדייטונג. אין אונזער העלד ראַבינאָוויטשען, למשל, דאָס הייסט, אין דעם קריסט פּאַפּאָוו, האָט דאָס קלינגען אַרויס-גערופען גאַנץ אַנדערע געפיהלען, געוועקט גאַנץ אַנדערע געדאַנקען, אויפגעפרישט זכרונות פון אַמאָל, ווען ער איז נאָך אַ קינד געוועזען. די דאָזיגע נאַכט—געדענקט זיך איהם—איז ער מיט דער שוועסטער וויעראַ אין סאָבאָר אויף די פיס כמעט ביז טאָג אויסגעשטאַנען, נישט געפיהלט, נישט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז ער איז אײנגעמידט. און די גלעקער האָבען געקלונגען. און דער פּראָטאָיעריי האָט גאָט גע-דיענט. און דער כאָר האָט געזונגען. און דער עולם האָט געדאַווענט,

געשמאַק געדאַווענט. און ער האָט אויך געדאַווענט — געדענקט זיך איהם — אפשר ניט אַזוי פיעל, אפשר ניט אַזוי וואַרים, ווי זיין שוועסטער וויערא, דאָך איז זיין נשמה געווען דאָרטען, אין דער הייך, וואוהין דאָס קלינגען געהט אַוועק, דאָרט, וואו די נשמה פון זיין פריה פערלוירענער מוטער איז אַרויף און קוקט אַראָפּ צו איהם אַהער מיט איהרע מוטערליכע אויגען פול מיט טרויער און מיט ליעבשאַפט און מיט בענקעניש אָהן אַנ׳עק. און ער האָט זיך צוגערוקט — געדענקט זיך איהם — צו זיין שוועסטער וויערא אַלץ נעהענטער און נעהענטער, וואָרום נאָהענט נעבען איהר, האָט זיך איהם געדאַכט, איז דער, וואָס האָט געפלאַנצט ליעבשאַפט צווישען מענשען אויף דער ערד, דער, וואָס האָט געפּרעדיגט ברידערליכקייט און רחמנות צו אַלע מענשען אויף דער ערד. און נאָכדעם — געדענקט זיך איהם — ווי ס׳איז שוין גרויסער טאָג געווען, אַז ער איז מיט דער שוועסטער וויערא געקומען אַהיים, ביידע נישט נאָר וואַכענדיגע און פרישע, נאָר גאָר איבעראַנייס אויפגעפרישטע און פון דער דאָזיגער נאַכט ווי נייגעבוירענע, און געטראָפען דעם טיש געגרייט מיט אַלדאָס גוטס. און דער פאָטער, תמיד אַ שטרענגער און אַנ׳ערנסטער, אַ קאַפּריזנער, געהט זיי איצט אַקעגען מיט אַ פריילין פּנים און מיט אַ ווייכען קוק, צונעמט די הענד, צוקושט זיך פריהער מיט דער שוועסטער, דערנאָך מיט איהם. נאָכ׳ן פאָטער — געדענקט זיך איהם — האַפּט איהם אַרום קושען די אַלטע אַפּאַנאַסיעווגא, זייער געקנייטשטע אויסגעבויגענע ניאַניושקאַ, אויך אַ נייגעבוירענע נאָך דער דאָזיגער נאַכט. און ניקיטיטש, אַנ׳אַלטער דיענער ביי זיי מיט געגאָלטע וואָנסעס און מיט באַקענבאַרדען, וואָס שמעקט טאַבאַקע בסוד, דער פאָטער זאָל ניט זעהען. און אַגאַפיאַ, דאָס שטוב-מיידעל מיט׳ן צו-רויטען פּנים און מיט דער צו-הויכער ברוסט. און די קעכין אַלעקסאַנדראַ מיט איהר צווייגאָרענדיגען גוידער, און די שעמעוודיגע פּימקאַ, וואָס וואַשט דאָס געפעס, און טרישקאַ, דאָס שייגעצעל מיט די ווייסע קיילעכיג אונטערגעשאָרענע האָר, — אַלע האָבען זיך צוקושט מיט אַלעמען און אַלע — געדענקט זיך איהם — זעהען זיי אויס ווי נייגעבוירענע נאָך דער דאָזיגער נאַכט, אַזוי ווי ער, אַזוי ווי זיין שוועסטער וויערא, אַזוי ווי זיין פאָטער איוואַן איוואַנאָוויטש, אַזוי ווי זיינע צוויי פעטערס ניקאָליי איוואַנאָוויטש און אַנדריי איוואַנאָוויטש, און אַזוי ווי זייער גאַנצע משפחה די פּאַפּאָוס, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען צוליעב׳ן הייליגען יום-טוב, און אַזוי ווי די גאַנצע

שטאָדט ט..., און אַזוי ווי דאָס גאַנצע גרויסע קריסטליכע רוסישע לאַנד, און ווען מען וועט דאָס קומען אויפ'ן זינען נאָך אַזאַ נאַכט אויפצוהויבען אַ האַנד, אָנצורירען מיט אַ פינגער אומשולדיגע מענשען מיט ווייבער און קינדער נאָר דערפאַר, וואָס זיי רעדען נישט מיט אונז אויף איין שפּראַך און דאַווענען מיט אונז ניט אין איין קלויס-טער?... ווײַבאַלד אַזוי, פרעגט זיך, וואָס טוט אָט דאָ אָט די הושטשע מענשען, אָרימע, נאַקעטע, הונגעריגע, וואָס לויפען וואוהין די אויגען טראָגען ווי פון אַ שרפה, אָדער אַ מגפה? פאַר וועמען האָבען זיי מורא? פאַר אונז האָבען זיי מורא? אין דער דאָזיגער נאַכט!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אָט דאָס זענען געווען די געדאַנקען, געפיהלען און זכרונות, וואָס האָט געוועקט אין אונזער העלד דאָס קלינגען פון די גלעקער אין דער דאָזיגער נאַכט.

## דאָס פינפאונפופציגסטע קאַפּיטעל

## ווען וועט שוין ווערען טאָג?

— מאַמע! ווען וועט שוין זיין טאָג? ווען וועט מען אויפהערען קלינגען? ווען וועלען מיר שוין פאָהרען?...

מיט די ווערטער האָט זיך אויפגעחאַפּט דער קליינער סיאָמקע, אויפגעהויבען דאָס קעפּעל און אַיינגעקוקט זיך אין דער פינסטערער נאַכט.

— שלאָף-שלאָף! — זאָגט איהם שרה און דעקט איהם איין מיט איהר פאַרטוך. — עס וועט אם ירצה שם זיין טאָג. הלואי זאָלען מיר שוין אַזוי אויפגערייכט ווערען פון גלות, ווי עס וועט זיין טאָג...

סיאָמקע ווערט באַלד צוריק אַנשלאָפען, און שרה הערט נישט אויף אַיינצוקוקען זיך אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און צו זוכען איהר טאָכטער: „אַ מכּה איז איהר אַ גרויסע! אַ דונער האָט זי דערשלאָגען! וואו קאָן עס זיין איהר בעטי?...” און איהר בעטי האָט זיך אַזוי פעראינטערעסירט מיט דעם נייעם בעקאַנטען, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט אויף יודיש מיט זיין יודישען נאָמען „בעני הורוויטש פון פינסק”, און איבערהויפּט מיט דעם, ווי ער האַלט זיך מיט ראַבינאָוויטשען און ווי ער רעדט מיט איהם, אַז זי האָט זיך גאָר פערגעסען, אַז זי האָט זיך אָפּגעבעטען ביי דער מאַמע נאָר אויף אַ ווײַלע, און איז געגאַנגען מיטביידע קאַוואַליערען ווייטער און ווייטער צום וואָקזאַל צו און זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. אינטערעסאַנט איז געווען דער געשפּרעך, נאָר נאָך מעהר אינטערעסאַנט איז געווען אָט דער מענש, וואָס האָט זיך אָנגערופען מיט'ן נאָמען „בעני הורוויטש פון פינסק”. ווארום אין דער צייט, ווען ראַבינאָוויטש אין געווען העכסט אויפגערעגט מיט דער גאַנצער געשיכטע פון זייער אַנטלויפען,

געקאַכט זיך און גע'טענה'ט, אַז ס'איז אַ בזיון, ווי הויבט זיך עס אויף אַ גאַנצע שטאָדט מיט אַזוי פיעל יודען און לויפט וואוהין די אויגען טראָגען, און נאָר איבער דעם, וואָס עטליכע אינטריגאַנטען האָט זיך פערוואָלט אָנשרעקען מיט אַ פּאָגראָם? — האָט זיך אָט דער מענש, וואָס הייסט הורוויטש, געהאַלטען אַזוי רוהיג, גלייך ווי ער וואָלט געמאַכט אַ פערגעניגען-שפּאַציר הינטער די שטאָדט אַרויס — און דאָס האָט אונזער ראַבינאָוויטשען שיער נישט געמאַכט משוגע. נאָר וואָס מעהר ראַבינאָוויטש האָט זיך געהיצט, אַלץ מעהר האָט זיך זיין פינסקער חבר געוויערטעלט און גערעדט אַזעלכע זאַכען, וואָס ראַבינאָוויטש איז גע-שפּרונגען פון דער הויט.

— הערט זיך איין, וואָס מאָרדעוועט איהר זיך אַזוי? און וואָס בעווייגט איהר אַזוי דאָס יודישע פאָלק? — האָט דער פינסקער בחור פלוצים אַ זאָג געגעבען צו זיין חבר, צו ראַבינאָוויטשען, און האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין איהם. — ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָ-גען? עס וואָלט כ'לעבען גאָר נישט געשאַדט, מען זאָל אייך און נאָך אַזעלכע האַלבע יודען ווי איהר, ווייסע הענטלעך, גאָלדענע קעשענקעס, זאַטע בייכלעך, אַ ביסעל דורכלופטערן דאָס מעבעל און טאַקי אין איינוועגס דורכברעכען די ביינער אויך, וואָרום צוליעב אייך, הערט זיך איין, מיט אייער נאָכטאַנצען און אַריבערטאַנצען די גוים, געניסען שוין מיר אויך דעם זכות פון די זיסע אַנטיסעמיטישע רדיפות און עקסצעסען.

אָפּגעזאָגט די ווערטער, האָט ער זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט, גלייך ווי ער וואָלט חרטה געקראָגען, און גענומען זוכען אין אַלע קעשענעס אויף צו פערריכערן.

— ניין. איך האָב בעטראַכט, הערט זיך איין, אַז ס'איז נישט קיין פלאַן. אויב מע וועט שלאָגען, וועט מען שלאָגען אָרימע לייט נעבאַך, די כפרה-היהנדלעך, און אייך און אייער גאָלדענער משפחה, זייט זיכער, וועט עס חלילה ניט שאַדען... יאָ, וואָס מאַכט עפּעס אייער „באַטקאָ” דער באַנקיר? און ווי הויך שטעהען זיינע אַקציעס?...

ראַבינאָוויטש האָט זיך געפיהלט נישט גוט, און דערהויפּט וואָס בעטי איז דערביי, און ער האָט געוואָלט אַריבערטראָגען דעם שמועס אויף אַנ'אַנדער ענין, רופט ער זיך אָן צו זיין חבר פון פינסק:

— אַ טשודאַק זענט איהר געווען און אַ טשודאַק וועט איהר בליי-בען. איך וואונדער מיך גאָר אַפילו ניט אויף אייך. איך האָב מיך

דערמאַנט, ווי אַזוי איהר האָט אייך געהאַלטען דעמאָלט אין געפענגניש, געדענקט איהר יענע נאַכט אין דער גרוב?

— חע-חע — אויב איך געדענק? איך קאָן אייך אָפּגעבען אַ גערוס. איך בין שוין דאָרטען געווען נאָך אַ מאָל, — מאַכט ער צו ראַבינאָוויטשען מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי מען וואָלט גערעדט פון זעהר אַ פריילינען מקום.

— נו, זעהט איהר? — חאַפּט אונטער ראַבינאָוויטש און קוקט אויף בעטין: — וויבאַלד אַז איהר קאָנט ניט פערלירען זיך ביי אייערע אייגענע צרות, היינט ווי אַזוי זאָלט איהר רעאַגירען אויף דעם בזיון פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס לויפט ווי פון אַ שרפה, ווי פון אַ מגפה, און וואַלגערט זיך אָט אין דרויסען אַ גאַנצע נאַכט מיט אַלע בעבעכעס...

ראַבינאָוויטש האָט בעוויזען מיט דער האַנד אויף דער הושטשע יודען, ווייבער און קינדער, וואָס האָבען פערפלייצט די גאַס אַרום וואָקזאַל, און אַלע דריי יונגע מענשען זענען געשטאַנען אין דער הושטשע אין דער דאָזיגער נאַכט פערהילכט פונ'ם קלינגען, וואָס האָט זיך געטראָגען אַהער פון אַלע קלויסטער-גלעקער. בעטי האָט געוואַרט, וואָס וועט ראַבינאָוויטשעס חבר ענטפערן איהם אויף זיינע ווערטער. יענער האָט זי נישט געלאָזט לאַנג וואַרטען. ער האָט אַרויפגעלעגט די העַנד אויף זיין חבר'ס ברייטע פלייצע:

— פאַני ראַבינאָוויטש, אייך קומט, הערט זיך איין, אַ קניפּ אין בעקעל — איהר האָט מיך גוט פערשטאַנען, אויסגעצייכענט! איהר זאָגט דער בזיון פון אַ פאָלק, וואָס וואַלגערט זיך אין דרויסען? איך ווייס ניט פאַר וועמען דאָס איז אַ בזיון: צי פאַר'ן פאָלק, וואָס וואַלגערט זיך אָט דאָ אין דרויסען, צי פאַר יענע, וועלכע האָבען געבראַכט צו דעם דאָזיגען בזיון, חאַ-חאַ-חאַ?...

חדושים! פונקט דאָס אייגענע, וואָס איהם האָט נאָר-וואָס בעטי געוואָלט זאָגען. גלייך ווי פונ'ם מויל ביי איהר די ווערטער אַרויסגעריסען! נאָר נאָכגעבען איינגאַנצען דעם פינסקער הורוויטש ווילט זיך איהר אויך נישט. עס איז איהר ניט זעהר אַנגענעהמען, וואָס עס קומט אויס, אַז יענער איז גערעכט און איהר ראַבינאָוויטש איז אומגערעכט, וויל זי איהם ווי פערענטפערן און שטעלט אַריין איהר וואָרט:

— אָט דער ראַבינאָוויטש, ווי איהר קוקט איהם אָן, איז אַ מאָדנער מענש, נאָר ער איז ניט שולדיג, ער איז אויסגעוואַקסען אין אַ גוייעשער שטאָדט און קיינמאָל נישט געווען צווישען יודען, דעריבער

קומט אויס ביי איהם אַלסדינג ווילד, גלייך ווי ער וואָלט געווען... איך האָב מורא זאָגען... גלייך ווי אין זיינע אָדערן וואָלט פליסען נישט קיין יודיש בלוט...

דערביי ווערט געוואָרפען פון איהר זייט אויף ראַבינאָוויטשען אַ קוק פון אַ פערליעבטער, און הורוויטש פון פינסק חאַפּט איבער דעם קוק און פערשטעהט דעם קוק, נאָר ער לאָזט איהר רעדען ווייטער:

— איהר פערשטעהט? אַ יוד, וואָס איז אויסגעוואַקסען צווישען קריסטען?... פיהלען פיהלט ער ווי אַ יוד, נאָר דענקען דענקט ער ווי אַ גוי... מיר קוילען זיך דעריבער מיט איהם פון זינט מיר קענען זיך (ווידער אַ פרייליכער קוק אויף ראַבינאָוויטשען). אָט האָט איהר געהערט פון איהם אַ טענה: „סטייטש, ווי הויבט זיך עס אויף אַ גאַנצע שטאָדט מ׳ט אַזוי פיעל יודען און לויפט וואוהין די אויגען טראָגען?..״ פרעגט איהם, וואו איז ער געווען אינ׳ם יאָהר ניינצעהנהונדערט פינף בעת דער עולם האָט געאַרבייט, געשלאָגען פענסטער, געבראָכען טירען, געטראָגען פעק מיט סחורה, און מיר זענען געלעגען אויף די בוידימער און האָבען געציטערט עון אונמעכטיגען צאָרן און געקריצט מיט די צייהן און געריסען זיך ביי די האָר, און ברעקלעך קינדער האָבען געצאַפּעלט, און מאַמעס האָבען זיי פערשטאָפּט די מיילער, און איך אַליין האָב עס אַלסדינג געזעהען מיט מיינע אויגען, און איך אַליין האָב עס אַלסדינג געהערט מיט מיינע אויערן, און איך אַליין האָב עס אַלסדינג דורכגעפיהלט מיט מיינע נערווען,— קומט מען צו געהן און מע זאָגט מיר מוסר, פאַרוואָס איך לויף וואו די אויגען טראָגען! און ווער? ניט קיין פרעמדער, נאָר מיינער זשע אַ ברודער!!...

ראַבינאָוויטש איז שוין געווען גרייט צו ענטפערן בעטין אויף איהר דרשה, האָט איהם אָבער זיין חבר הורוויטש פון פינסק איבערגעשלאָגען. ער האָט נאָר-וואָס פערדרעהט אַ פּאַפּיראָסעל און רופט זיך אָן מיט זיין שטענדיגען גוטען שמייכעל צו זיין חבר:

— עך, קאָללעגאַ ראַבינאָוויטש, ליעבער ברודער! וואָס׳ט איהר געוואָלט, הערט זיך איין, פון אָט דער דאָזיגער, פון דער דאָזיגער הושטשע? גבורות?... וואָס׳ט איהר געוואָלט פון אָט די דאָזיגע אָרימע, שוואַכע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, דערשלאָגענע, פער׳חשכ׳טע, האַלב-הונגעריגע? ווער זענען זיי דאָס? גבורים? העלדען? מאַקקאַבעיער?

ער האָט געוואָלט פעררויכערן דאָס פערדרעהטע פּאַפּיראָסעל, נאָר דער ווינט האָט נישט דערלאָזט, האָט ער דאָס פּאַפּיראָסעל אי-

בערגעלאָזט אויף שפּעטער און געגומען רעדען ווייטער, נאָך מיט מעהר היץ, אָבער אַלץ מיט'ן זעלבען שמייכעלע:

— און אַז איהר וועט מיך שטאַרק בעטען, הערט זיך אַיין, וועל איך אַייך זאָגען: יאָ! גבורים זענען דאָס! העלדען! מאַקקאַבעיער!... זעהט איהר אָט די הושטשע יודען, אָרימע, שוואַכע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, דערשלאָגענע, פערחשכ'טע, האַלב-הונגעריגע? — איז יעדער פון זיי אַ גבור, אַ העלד, אַ מאַקקאַבעיער!... קוקט נישט אויף מיר, מיין ליעבער ראַבינאָוויטש, ווי אויף אַ דולען, איך בין ניט משוגע; זיי לויפען, זאָגט איהר, זיי לויפען וואו די אויגען טראָגען? וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט? ס'איז ביי זיי ניט דעם ערשטען מאָל, חאַ-חאַ-חאַ! אָט אַזוי לויפען זיי אַלע יאָהר, אַז עס קומט אין דער צייט... אָט אַזוי זענען געלאָפען די טאַטעס זייערע, און די טאַטעס פון זייערע טאַטעס, און אָט אַזוי, קאָן זיין, וועלען נאָך לויפען און לויפען זייערע קינדער און קינדס-קינדער — און דאָך בלייבען דאָס, וואָס זיי זענען; ביז... ביז עס וועט אויפוואַקסען דער געוויסען פון די, וואָס יאָגען אונז... וואָס? ס'געפעלט אייך ניט? נאָך אייער שכל קומט אויס, אַז דאָס זענען ניט קיין העלדען? טרוסען זענען דאָס נאָך אייער השגה? וואָס דרעהט איהר מיט דער נאָז, פּאַני ראַבינאָוויטש?...

„פּאַני ראַבינאָוויטש" וויל איהם אָפּענטפערן, נאָר זיין חבר הור-וויטש פון פּינסק הערט איהם שוין ניט, אַבי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט זיינס, איז ער צופרידען. ער פערדרייכערט נאָר דאָס פערדרעהטע פּאַ-פּיראָסעל און רעדט ווייטער:

— איך האָב ליעב צו האַרכען, ווי יודען אַליין לעגען זיך ארצה, מאַכען חוזק פון זיך, געפינען אויס אויף זיך כל החסרונות אין דער וועלט. זיי ווילען ניט פערשטעהן, אָט די דאָזיגע האַלבע יודען, הערט זיך אַיין, אַז לויפען און אַנטלויפען הונדערטער פון יאָהרען און נישט פערלירען זיך אין וועג — דאָס האָט נאָך דערוויל קיין אַנדער העלד אַחוץ אונז נישט בעוויזען... אַ בזיון, זאָגט איהר, איך לויף? הע! מע יאָגט מיך — לויף איך, וואָס דען זאָל איך טון? מאָרגען וועט מען אויפהערען יאָגען — קום איך צוריק. מען וועט מיט מיר גאָרנישט מאַ-כען, הערט זיך אַיין, מען וועט מיך נישט אַיינגעהמען! ווייסט איהר פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל איך בין ניט קיין לאַנד, ניט קיין מלוכה, ניט קיין פאָלק. איך בין אַ רעיון, איך בין אַ אידעע, מעהרנישט אַז אַ אידעע!... אַ לאַנד קאָן מען חרוב מאַכען. אַ מלוכה קאָן מען אַראָפּ-

זעצען. אַ פּאָלק קאָן מען אויסקוילען, פּערניכטען. אָבער אַ אידעע? גײ מאַך מיט אַ אידעע!...

און דער פּינסקער בחור, וואָס האָט זיך אָנגערופען מיט׳ן נאָמען בעני הורוויטש, האָט צונומען ביידע הענד, אַרויסגעשטעלט די ברוסט און דאָס קלוג-ענערגיש-שוואַרצע מיט פּרישטשעס בעדעקטע פּנים האָט געשמייכעלט און געשטראַהלט מיט אַזוי פיעל גדלות, ווי ביי מענשען, וואָס פיהלען זיך באמת שטאַרק און גרויס און גליקליך, אָדער ווי ביי אַ העלד, וואָס געהט אויף דער מלחמה און איז זיכער אין זיין נצחון... נאָר פּלוצים האָט ער מאָדנע קאָמיש אויסגעצויגען דעם האַלז, צונויפּ-געזשמורעט די אויגען און גענומען זיך עפּעס זעהר שטאַרק איינצוקוקען אין דער טיפענייש פון דער נאַכט, און עס האָט זיך אויסגעוויזען, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט עמיצען דערזעהען עפּעס זעהר אַ בע-קאַנטען.

— אַאַאַ??? הערט זיך איין, אונזער פּראָפעסאָר איז אויך דאָ? — האָט ער אויסגעצויגען אויף אַ קול, איבערגעלאָזט זיין חבר ראַבינאָ-וויטשען מיט בעטין, פערגעסען אָן זיי, גלייך ווי זיי וואָלטען גאָר אויף דער וועלט נישט געווען, און האָט זיך אַ לאָז געגעבען צו עפּעס אַנ׳אַלטיטשקען מיט אַ געקנייטשט, נאָר אַ ליכטיג-שיינענדיג און שמייכ-לענדיג פּנים און מיט אַ לאַנגע באָרד. דער אַלטער איז געזעסען אויף אַ טומבע דעם קאָפּ אויף אַ זייט, געקוקט אַרויף אין הימעל אַריין, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט וועלען עפּעס דערזעהען...

— וואָס קוקט איהר דאָרט, הערר פּראָפעסאָר? וואָס זעהט איהר דאָרטען?

דער אַלטיטשקער, וועלכען דער הורוויטש פון פּינסק האָט גע-רופען פּראָפעסאָר האָט אויסגעדרעהט צו איהם זיין ליכטיג-לאַכענדיג פּנים, זיך אַ גלעט געגעבען ביים לאַנגען באָרד:

— וואָס איך קוק? איך קוק, ווען וועט שוין אַמאָל ווערען טאָג.... חאַ-חאַ!...

און ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ געלעכטער פון אַ זקן, און מיט׳ן זעלבען לאַכענדיגען פּנים, נאָר שוין מיט אַ טרויעריגען טאָן, האָט ער זיך אַ נעם געגעבען ביים באָרד:

— זעהט איהר אָט די גרויע האָר? האָב איך בעדאַרפט דורכמאַ-כען צוויי גרויסע פּאָגראָמען, פון יאָהר אַכצעהנהונדערט איינאונאַכציג און פון יאָהר נײנצעהנהונדערט פינף, און דערלעבען אַזאַ אַנ׳עלטער,

אַז איך זאָל זעהען מיט מיינע אויגען דעם בזיון פון מיין פאָלק....
אָט האָט איהר אַ מוסטער פון אַ פאָלק אָהן אַ היים און אָהן אַ לאַנד,
מחאַ-חאַ!...

ער האָט אָפגעשוויגען און צוגעלעגט אַלץ מיט'ן זעלבען שיי-
נענדיג-לאַכענדיג פּנים:

— איך וואָלט נישט אַוועקגעגאַנגען פון מיין שטוב — לאָז זיך
זיין וואָס עס וויל זיך! לאָזען זיי קומען! לאָזען זיי מיך נעמען!
לאָזען זיין טון מיט מיר וואָס זיי ווילען! האָבען אָבער מיינע קינדער מיך
מיט גוואַלד געצוואונגען... אָט האָט איהר אַ מוסטער פון אַ פאָלק, וואָס
האָט ניט קיין היים, קיין ווינקעלע אַן'אייגענס, מחאַ-חאַ...

און ס'איז שווער געווען צו וויסען, צי דער זקן לאַכט, צי ער
וויינט. דאָס פּנים האָט געשמייכעלט, און דאָס קול האָט געוויינט...
די אויגען האָבען געלאַכט, און עס זענען געשטאַנען טרעהרען...

— ווער איז אָט דער אַלטער, וואָס איהר רופט איהם אָן פּראָ-
פעסאָר? — פרעגט נאָכדעם ראַבינאָוויטש ביי זיין חבר פון פּינסק, און
יענער ענטפערט א'הם פערוואונדערט:

— איהר קענט איהם נישט? דאָס איז דאָך אונזער פּראָפעסאָר,
אונזער בעריהמטער אָקוליסט, דער גרעסטער געלעהרטער אויגען-דאָק-
טאָר אין היגען ווינקעל, אויב ניט איינער פון די גרעסטע אינ'ם גאַנ-
צען לאַנד, יאָ, אונזער פּראָפעסאָר, הערט זיך איין, אונזער איינציגער
יודישע פּראָפעסאָר. נאָר נישט פון יענע פּראָפעסאָרען, וואָס הייסט
זאָגט:

„זעקס אונד זעכציג פּראָפעסאָרען —
פאַטערלאַנד, דו ביסט פערלאָרען!..."

ניין! דאָס איז איינער פון די געצייכענטע געצעהלטע קעפּ, וואָס
אין אַנ'אַנדער לאַנד וואָלט מיט איהם געקלונגען די וועלט, און ביי
אונז לויפט ער וואו די אויגען טראָגען, חאַ-חאַ!... ער האָט שוין
אַמאָל געלייענט לעקציעס אין דער היגער אוניווערזיטעט, נאָר נישט
לאַנג, וואָרום אַז ס'איז געקומען צום אויסקלויבען איהם פאַר פּראָפּע-
סאָר, מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר פריהער איז עס געווען, האָבען
איהם די קאָלעגען די פּראָפעסאָרען פאָרגעלעגט, הערט זיך איין, ער
זאָל זיך איבערקעהרען, האָט ער זיי געענטפערט, אַז ער קאָן זיי ליי-
דער געבען מעהר ניט אַז אַ פּראָפעסאָר, און אויב זיי ווילען דוקא אַ
קריסט, קאָן ער זיי רעקאָמענדירען זיין קוטשער, אַנ'עכטער קריסט.

נו, האָבען זיי איהם גאַנץ פיין פערוואָרפען מיט שוואַרצע גאַלקעס פון אויבען ביז אַראָפּ. וואָרום ווי איז שייך, אַז אַ מענש, הערט זיך איין, וואָס טרינקט נישט קיין שום משקה, אַחוץ בלוט פון קריסטליכע קינדער אַז עס קומט פסח, זאָל ער גאָר לייענען לעקציעס אינ׳ם טעמפּעל פון וויסענשאַפט? חאַ-חאַ-חאַ...

משונה-ווילד האָט אָבגעקלונגען דער דאָזיגער הילכיגער געלעכטער אין דער דאָזיגער אויסטערלישער נאַכט, וואָס האָט אויסגעדאַכט, אַז זי וועט זיך נאָך ציהען און ציהען און קיינמאָל קיין עק נישט האָבען... נאָר אָט האָבען אויפגעהערט די גלעקער צו קלינגען, און עס האָט פלוצים פון ערגיץ געגעבען אַ בלאָז אַ ווינטעל, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ בשורה צו אָט דער הושטשע יודען, אַז די נאַכט האָט געבראָכען און אַז ס׳איז שוין נישט ווייט, גאָר נישט ווייט צו טאָג...

## דאָס זעקסאונפופציגסטע קאַפּיטעל.

## נאָכ׳ן שטורם.

און אַז ס׳איז געוואָרען טאָג, איז געקומען אויף די איבערגע-בליבענע יודען אַ פרייד; קאָזאַקען האָבען זיך בעוויזען אויף די פערד-לעך, פּאַטרולען אין אַלע גאַסען, און אויף דער ערשטער זייט פון די יום-טוב׳דיגע צייטונגען איז געווען אָפּגעדרוקט מיט פעטע אותיות אַ מעלדונג פונ׳ם גובערנאַטאָר אין אַזאַ ענערגישען טאָן, אַז די יודען האָבען פערשטאַנען, אַז דער שטורם איז פאַרביי און אַז זיי מעגען זיין רוהיג און אַז זיי קאָנען געהן אַהיים בשלום און זיך בעזעצען איטליכער אונטער זיין וויינשטאָק און יעדער אונטער זיין פייגענבוים.

אמת, ס׳זענען געווען אַ פּאָר בייזע בעגעגענישען און אפילו עט-ליכע געשלעגערייען אויך. דאָס זענען אָבער אַלץ געווען אַזעלכע אומ-שולדיגע געשעהענישען, וואָס אַלע יודען פון דער גאַנצער וועלט וואָל-טען זיך געוואונשען, אַז וויפיעל ס׳איז אָנגעצייכענט געוואָרען אויף זיי פון גאָט פּאָגראָמען, זאָלען קיין ערגערע פּאָגראָמען ניט זיין...

למשל, אין איין גאַס האָט מען געחאַפּט אַ פּאָר יודישע יונגלעך און מע האָט זיי אָנגעשמירט די פּיסקעס מיט חזיר און געלאָזט, זיי זאָלען געהן. אויף דער צווייטער גאַס האָבען חברה אויסגעבראָכען אַ פּאָר שויבען, האָט מען זיי געפּאַקט און אָפּגעפיהרט גלייך אין קאָ-טשומענט אַריין. נאָר אין איין געסעל אַ זייטיגס האָט מען דערטאַפּט אַ סטודענט מיט אַ יודישער נאָז און מע האָט איהם אַזוי געשלאָגען, אַז מע האָט איהם קוים צוגענומען אַ לעבעדיגען. לאָזט זיך אויס, אַז דער סטודענט איז סך-הכל גאָר אַ גע׳שמד׳טער...

דאָס דאָזיגע נייס, אַז דער געשלאָגענער סטודענט איז געווען אַ משומד, האָט דוד שפּירא געבראַכט צו טראָגען אַהיים איינמאָל אויפ-

דערנאָכט, שוין נאָך אַלע יום-טובים, שוין אַז מען האָט געעפענט אַלע נעשעפטען און יודען האָבען געהאַנדעלט „פראַנק און פריי״ און האָבען זיך געפיהלט אין דער דאָזיגער שטאָדט „ווי אין ארץ-ישראל״. און אַ סימן האָט דוד געזאָגט און געוואָשען זיך צום עסען, אַז דעם געשלאָגענעם סטודענט רופט מען מיט אַ ודישען נאָמען לאַפּידוס.

— לאַפּידוס?! — האָבען ביידע מיט אַמאָל, בעטי און דער קוואַר-טיראַנט, אויסגערופען און אויפגעשפרונגען פון די ערטער, און אויך ביידע איז אָנגעפאַלען אַזאַ געלעכטער, אַז אויף זיי קוקענדיג האָבען דוד מיט שרה׳ן אויך אָנגעהויבען לאַכען.

דאָס איז געווען דער ערשטער געלעכטער אין דער דאָזיגער שטוב פון פאַר פסח אָן, און ווער שמועסט פון זינט מע איז געקומען צוריק פון דער באַהן נאָך יענער נאַכט, וואָס ניט די שפּיראָס ניט דער קוואַרטיראַנט וועלען עס פערגעסען ווייל זיי וועלען לעבען, האָט מען אין דער דאָזיגער שטוב נישט געזעהען קיין פריילִיכע מינע פון קיינעם, נישט געהערט קיין לעבעדיג וואָרט. מע האָט זיך ווי געשעמט קוקען איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען אַריין, גלייך ווי אַלע אינ-איינעם וואָלטען אָפּגעטאָן עפּעס זעהר אַ מיאוסען עסק, וואָס איז אַ חרפּה צו דערמאַנען זיך...

פערשטעהט זיך, אַז אין דער געשיכטע פון זייער אַנטלויפען פון דער היים האָט מען אַרויפגעלעגט די באַד איינער אויפ׳ן אַנדערען. דער ערשטער איז געווען דוד. ער האָט געזאָגט, אַז איינגאַנצען איז געווען שולדיג זי, שרה הייסט עס. וואָרום ער, דוד, האָט באַלד גע-זאָגט, אַז ס׳איז בלאָטע, ס׳וועט גאָרניט זיין. האָט שרה מסתמא זיך דערלאַנגט אַ זעץ מיט ביידע הענד איבער די קליידער: „זי וועט עס הערט איהר, גאָר ניט אויסהאַלטען! ווי האָט עס אַ מענש אַזעלכע פערשטאָכענע אויגען? בעטי, וואָס שווייגסטו?״ און דער פאָטער פון זיין זייט האָט אויך גערופען בעטין פאַר אַנ׳עדות: „נו? וואָס זאָגסטו דערויף אַ שטייגער, בעטי?״

— וואָס בעטי? ווער בעטי? לאָזט צורוה בעטין! בעטי ווייסט גאָרניט! גאָר-נישט-ניט!

אַזוי האָט זיי אָפּגעשניטען בעטי, וואָרום ס׳איז איהר אויפ׳ן האַרצען געווען אַזוי אויך געגוג ביטער: דער יום-טוב האָט זיך אָנגע-הויבען פאַר איהר אַזוי גוט, און אויסגעלאָזט האָט ער זיך אַזוי טרוי-עריג, נאַריש טרויעריג!...

נאָר אויב די שפּיראָס איז געווען אָנגעזאָליעט אויפ'ן האַרצען, איז זייער קוואַרטיראַנט ראַבינאָוויטשען געווען נאָך טויזענד מאָל מעהר. דער איז געווען מלא רציחה אויף זיך אַליין — ער זאָל זיך קאָנען צורייסען! אַחוץ וואָס ער איז געווען אש להבה אויף זיך און נישט געקאָנט זיך מוחל זיין, למאי ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדען פון מענשען-פליגען, וואָס ציטערן פאַר יעדען ווינטעל, און האָט זיך אויפגעפיהרט ווי דער ערגסטער טרוס; אַחוץ וואָס ער האָט געטראָגען אַ פייער אין האַרצען אויף זיינע אייגענע ברידער, וואָס פערשוועכען זייערע אייגענע הייליגקייטען, וואַרפען אָן אַ שאָטען אויף זייער אייגענעם גלויבען און דערנידעריגען זייער אייגענע אומה דערמיט, וואָס זיי דערלאָזען, אַז עטליכע הונדערט אָדער עטליכע טויזענד נידעריגע ספּעקוליאַטאָרעס זאָלען עקספּלאָאַטירען דעם נאָמען פון גאָט אין זייערע נידעריגע אינטערעסען, — אויסער די דאָזיגע אַלע זאַכען, איז ער געווען נאָך מעהר צוקאָכט פון דעם, וואָס ער האָט געזעהען, אַז די, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב, ווערט וואָס אַ טאָג פון איהם אַלץ ווייטער און ווייטער, און דער אָפּגרונד, וואָס איז צווישען זיי, ווערט וואָס אַ שעה אַלץ גרעסער און טיעפער... ער האָט אַרויסגעזעהען בעשיינפּערליך, אַז ניט נאָר זי וועט קיינמאָל ניט איינגעהן דערויף, אַז זי זאָל אויף אַ מינוט אפילו אַוועקבויגען צוליעב איהם איהר יודישקייט אויף אַ זייט; ער האָט מורא, אַז אפילו, ווען ס'זאָל קומען דערצו, אַז ער זאָל שוין צוליעב איהר ברעכען דאָס גאַנצע פערגאַנגענע זיינס און זיך אָנטון אַ כח און אַריבערגעהן אינגאַנצען צום יודענטום, וועלכעס איז אַזוי שווער ווי אַריבערטראָגען אַ גאַנצע שטוב אויף די פּלייצעס, וועט זי איהם אויך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט מוחל זיין, וואָס ער האָט געהערט צו יענעם פאָלק, וועלכעס האָט זיי פערשאַפט פון הונדערטער יאָהרען און אויך איצט אַזוי פיעל צרות און בזיונות. נאָר אָט האָט בעטי געגעבען דעם ערשטען לאַך, אָט האָבען זיך בעוויזען איהרע שענע ווייסע צייהן, אָט האָבען זיך איהרע שענע קלוגע קאַרע סאַמעטענע אויגען בעלייכט מיט איהר שטענדיגען שמייכעל, מיט יענעם שעלמיש שמייכעלע, וועלכעס ער האָט דערזעהען אויף איהרע אויגען דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אַהער געקומען דינגען אַ קוואַרטיר — און אַלע וואָלקענס האָבען זיך צוזייעט און אַלע טונקעלע געדאַנקען און טרויעריגע מחשבות זענען אַוועק, גלייך ווי ניט געווען, און ער איז גרייט געווען אין דער מינוט צו פערגעסען אַלעס אויף

דער וועלט און איבערקעהרען בערג. ס'איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל איהם זיין שווער צוליעב איהר. ניטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל איהם אָפּהאַלטען — און היינט מוז עס גע-שעהן. ביז וואַנען וועט ער זיך אַרומטראָגען מיט זיין סוד? דער שפּאַס מוז האָבען אַמאָל אַ סוף. היינט אויפדערנאַכט וועט עס האָ-בען אַ סוף!

היינט אויפדערנאַכט נאָך רעדט ער מיט איהר. ניין. ער וועט פּרובען אַ רעד טון מיט דער מוטער, אָדער מיט'ן פאָטער. שענער אַזוי. פריהער וועט ער איבעררעדען מיט פאָטער און מוטער. ער וועט זיי אויפדעקען, אַז ער איז פערליעבט אין זייער טאָכטער. און דערנאָך שוין, אַז זיי וועלען איהם זאָגען, ער זאָל איבעררעדען מיט זייער טאָכטער (געוויס וועלען זיי איהם אַזוי זאָגען), וועט ער דעמאָלט אויס-זאָגען בעטין, אונטער פיער אויגען, דעם גאַנצען אמת, און ביידע ווע-לען זיי זיך האַלטען אַנ'עצה, וואָס צו טון... אָט וואָס עס קומט אַרויס אַ מאָל דערפון, וואָס אַ מענש טוט אַ לאַך!

ניין. עס איז שוין לאַנג נישט געווען אַזוי לעבעדיג ביי די שפּיראָס אין שטוב, ווי אין דעם דאָזיגען אָוועגד. שוין לאַנג נישט געווען ביי זיי אַזאַ פריילינכע וועטשערע. אַלע האָבען גערעדט, אַלע האָבען געלאַכט, און מעהר פון אַלעמען בעטי מיט'ן קוואַרטיראַנט. זיי ביידע האָבען דערצעהלט, ווער דער לאַפּידוס איז, און פון זייער בע-געגעניש מיט איהם אין טעאַטער און פון זייער געשפּרעך און פון אַלעס, וואָס מע האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע טעג. אַלעס, וואָס האָט פריהער אויסגעוויזען זיך אַזוי טרויעריג, האָט איצט אויסגעזעהען אַזוי קאָמיש, אַז ס'האָט ניט-ווילענדיג אַרויסגערופען אַ געלעכטער.

— דאַנקען גאָט — האָט שרה זיך ווי פערענטפערט — דאַנקען גאָט, וואָס מע קאָן לאַכען. הלואי זאָל גאָט געבען, מע זאָל אַלס-דינג קאָנען דערצעהלען אין פריידען.

די שפּיראָס האָבען שוין לאַנג אָפּגעגעסען וועטשערע, און דאָס דאָזיגע געזינדעל האָט נאָך אַלץ פערבראַכט אין פריילינכע שמועסען. און אַז דער בעל-הבית איז מיט'ן קאָפּ אויף אַ זייט, מיט האַלב-שלע-פעריגע אויגען, האַלטענדיג אין האַנד אין בוזים, אויפגעשטאַנען אויף צו געהן אין זיין רוה אַריין, האָט איהם דער קוואַרטיראַנט פּלוצים, גאָר אומגעריכט אָפּגעשטעלט און איבערראַשט:

— גאָספּאָדין שפּיראָ! — האָט זיך ראַבינאָוויטש אָנגערופען צום

בעל-הבית און האָט אָבער באַלד דערפיהלט, אַז די צונג איז איהם אין גלות, האָט ער אַ הוסט געגעבען,—גאָספּאָדין שפּיראָ... איך בעט אײַך, דאָס הייסט, איך האָב אײַך געוואָלט בעטען, אויב איהר ווילט, דאָס הייסט, אויב איהר האָט צייט, זיך מטריח זיין צו מיר, דאָס הייסט, איהר זאָלט זיך מטריח זיין מיט מיר צו מיר אויף עטליכע מינוט... איך דאַרף אײַך עפּעס זאָגען, מיין איך איך דאַרף מיט אײַך עפּעס רעדען זעהר אַ וויכטיגע און אַנ׳ערנסטע זאַך...

דאָס שלעפּעריגע פּנים פון שפּיראָ׳ן איז אין איין מינוט געוואָרען וואַכענדיג און שיינענדיג. ער האָט אַרויסגענומען די האַנד פון בוזים און אַריינגעשטעקט זי אין קעשענע אַריין און, קוקענדיג אויפ׳ן קוואַר-טיראַנט פון אויבען אַראָפּ, האָט ער אַ זאָג געגעבען צו איהם כלומרשט גאַנץ קאַלטבלוטיג:

— ס׳איז אפילו שפּעטליך שוין. נאָר אַז איהר זאָגט אַ וויכטיגע זאַך און אַנ׳ערנסטע, איז מהכתיתי, קומט וועלען מיר האָרכען...

פערשטעהט זיך, אַז דוד שפּיראָ האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ „וויכטיגע און אַנ׳ערנסטע זאַך". ער האָט דערויף אַרויסגעקוקט שוין פון לאַנג, נאָר דער ווּיסטער פּסח האָט איבער-געשלאָגען.

אַחוץ דעם וואָס דער דאָזיגער גליקליכער פּאָטער איז געווען צופרידען, וואָס גאָט האָט איהם בעשערט אַזאַ פיינעם געראָטענעם חתן פאַר זיין טאָכטער, איז דוד שפּיראָ געווען צופרידען דערמיט, וואָס ראַבינאָוויטש האָט זיך געווענדעט צו איהם פריהער ווי צו אַלע-מען, „אַ טאַטענס אַ קינד לאָזט זיך באַלד דערקענען..." האָט זיך גע-טראַכט שפּיראָ און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַראָפּ, ווי אַ מענש, וואָס איז אָנגעלאָדען מיט וויכטיגע געדאַנקען, און מאַכענדיג גרויסע שפּאַן, האָט ער זיך געלאָזט מיט׳ן קוואַרטיראַנט, אַ צופרידענער, אַ גליקלי-כער, אַ שיינענדיגער, צו איהם אין חדר׳ל אַריין.

נאָר אויב דוד איז געווען אַ צופרידענער, אַ גליקליכער און אַ שיינענדיגער, היינט ווי צופרידען, גליקליך און שיינענדיג האָט שוין בעדאַרפט זיין שרה, אַז זי האָט שוין סוף-כל-סוף זיך דערלעבט דעם דאָזיגען נחת? האָט דען שרה נישט פאַראויסגעזעהען שוין פון ווייס איך ווען אָן, אַז אַזוי וועט דאָס זיין? האָט זי דען נישט אַרויסגעזע-הען פונ׳ם ערשטען טאָג אָן, אַז ס׳איז אַ שדוך, אַ זווג מן השמים? „און נאָך וואָס פאַר אַ שדוך! וואָס פאַר אַנ׳אויסגעשפּיעלטער שדוך!

קיין עין-הרע נישט! קיין בייז אויג זאָל נישט שולט זיין!"

אַזוי טראַכט זיך שרה, נעמט זיך צו סיאָמקען, איהם העלפען אויסטון צו שלאָפען געהן, און האָט מורא אַ קוק צו געבען אויף דער טאָכטער. און די טאָכטער? נאָר לאָמיר נישט רעדען פון דער טאָכטער. לאָמיר ניט רעדען גאָרנישט. צו הייליג זענען די דאָזיגע מינוטען, ווען דער געליעבטער הויבט אָן פלאָנטען מיט דער צונג, זאָגט נישט דאָס, וואָס ער וויל זאָגען; און ווי באַנאַל ווי נאַריש די דאָזיגע ווערטער זאָלען נישט זיין, ווערטער, וואָס יעדער יונגער מענש זאָגט זיי אָפּ איין מאָל אין זיין לעבען, קלינגען זיי דאָך פאַר דער געליעבטער ווי די שענסטע מוזיק און בלייבען דאָך איבער אויף שטענדיג אין זכרון און קאָנען נישט פערגעסען ווערען אייביג און אייביג.

תחלת האָט בעטי געגומען אַ בוך און זיך אַוועקגעזעצט נאָהענט צום לאָמפּ, כלומרשט לייענען. נאָר דערזעהען, אָדער בעסער געזאָגט, דערפיהלט, ווי די מאַמע וואַרפט אויף איהר מיט אויגען און בענשט זי, קאָן זי עס מסתמא נישט ליידען. קינדער האָבען נישט ליעב, אַז אַ מאַמע ציטערט איבער זיי צופיעל און בענשט זיי אויף יעדען טריט און שריט — עס שלאָגט אַזש צו דער גאַל! האָט זיך בעטי אויפגעהויבען און דורך דער נאָז אַ מורקע געגעבען דער מאַמען אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק צו זיך אין איהר חדר׳ל אַריין — און וואָס דאָרטען איז געוועזען — דאָס איז שוין, דאַכט זיך, נישט אונזער עסק. נאָר דער קליינער סיאָמקע, וואָס האָט שוין אין זיך אַ סך יודישע געניג און האָט ליעב אַריינשטעקען זיין נאָז אומעדום, אפילו דאָרט וואו מע דאַרף ניט, האָט אַנדערש נישט געקאָנט געהן שלאָפען, ביז די מאַמע וועט איהם נישט קלאָר מאַכען, ערשטענס: אויף וואָס פאַר אַ סוד האָט עס דער רעפּעטיטאָר אַוועקגערופען דעם טאַטען צו זיך אין אַלקיר אַריין? איז אַיינמאָל אַוועק. צווייטענס: וואָס איז עפּעס בעטי אַזוי רויט געוואָרען? ווידער: וואָס איז זי עפּעס אַוועק ווי אַ ברוגז׳ע צו זיך אין אַלקיר?

— נו, שלאָפען, שלאָפען! וועסט אַלסדינג וויסען, וועסטו גיך אַלט ווערען... — זאָגט צו איהם שרה כלומרשט מיט כעס און שלעפּט פון איהם די שטיוועלעך. נאָר בלאָטע! סיאָמקען נאַרט מען נישט. ער זעהט גאַנץ גוט נאָך איהרע אויגען און נאָך איהר זיפצען, וואָס זי זיפצט, אַז די מאַמע איז איהם היינט עפּעס זעהר האָפערדיג און אַז

מע מעג איהר אַרויפקריכען אויפ'ן קאָפּ, וועט זי אויך גאָרנישט זאָגען...
און ער טראַכט זיך: „וואָס אַ שטייגער בעט מען אַצינד ביי דער מאַ-
מע? אַצינד וועט מען דאָך ביי איהר אַלסדינג פועלן..."

* * *

דוד האָט נאָך נישט צייט געהאַט זיך רעכט אָוועקצוזעצען אויפ'ן איינציגען בענקעל, וואָס ביים קוואַרטיראַנט אין חדר'ל; דער קוואַר-טיראַנט האָט ערשט אָנגעהויבען צוטרעטען מיט אַ לאַנגער הקדמה וועגען זיין וויכטיגען ענין; שרה האָט נאָך נישט געענדיגט אויסטון סיאָמקען אינגאַנצען אויף צו שלאָפען געהן, — און עס האָט זיך דער-הערט פון אונטען אַ שטאַרקער און אַ לאַנגער קלונג, יענער בעקאַנטער קלונג, וואָס נאָר פּאָליציע, אי דאָס ניט אומעדום, קאָן זיך ערלויבען אַזוי ברייט צו קלינגען, — און ניט שפּעטער ווי אין אַ מינוט אַרום, איז שפּיראָס וואוינונג געווען פול מיט בעקאַנטע און אונבעקאַנטע געסט: אָקאָלאָדאָטשניקעס, טשינאָווניקעס און זשאַנדאַרמען — און עס האָט זיך אָנגעהויבען ווידער אַ זוכעניש, אַנ'איבערקעהרעניש, מיט איינעם וואָרט, אַ צווייטער „אָבּיסק". און ניט אַזוי נאָך דער „אָבּיסק", ווי די „סליעד-סטוויע", וואָס האָט זיך אָנגעהויבען, איין אויספאָרשונג, איין אויס-פרעגעניש איטליכען בעזונדער פון קליין ביז גרויס: פריהער ווי אַזוי ער הייסט, מיט זיין אמת'ען יודישען נאָמען, און וויפיעל ער איז אַלט, און מיט וואָסער אַ רעכט ער זיצט אין דער דאָזיגער שטאָדט? דערנאָך האָט מען גענומען נאָכפרעגען זיך ביי זיי, צו וועלכער סעקטע געהערען זיי: צו די „אַשקענימצעס", „סעפאַרדימצעס", „חאַסידימ-צעס", אָדער צו די „סיאַפּצעוואוכעס"?... און ערשט נאָכדעם איז מען אַרויף אויפ'ן רעכטען פּונקט: וואָס האָבען זיי זיך אָנגעקעהרט מיט זייער שכן קיריללי חמאַראַ? מיט זיין ווייב קירילליכע? מיט זייער זוהנ-דעל וולאַדימיר אָדער וואָלאָדקע שטשיגירינסקי? ווער האָט זיך גע-קענט מיט דעם וואָלאָדקען נעהענטער פון אַלע? ווער האָט זיך מיט איהם געשפּיעלט און אין וואָס מע האָט זיך מיט איהם געשפּיעלט? וואָס פלעגט מען איהם שענקען און ווער פלעגט איהם שענקען? ווער האָט מיט איהם געלערנט אָהן געלד און צוליעב וואָס? ווער האָט איהם געזעהען צום לעצטען מאָל אינ'ם טאָג, וואָס ער איז אומגעקומען, און ווי אַזוי איז דאָס געווען און ווען איז דאָס געווען און וואו איז דאָס

געוועןְ? — אַלסדינג איז אויסגעפּרעגט געוואָרען, און דער שפּיץ איז געוועןְ, אַז העט שפּעט, ווייט נאָך האַלבער נאַכט שוין, האָט מען גאַנץ פיין פּערנומען דעם בעל-הבית, דוד שפּירא, מיט זיין טאָכטערל און מיט זיין זוהנדעל און מיט זיין קוואַרטיראַנט דעם שקלאָוער מעשטשאַנין, וואָס לערנט זיך אויף דאַנטיסט, הערש מאָוושאָוויטש ראַבינאָוויטש, אַזוי אַז אין שטוב איז געבליבען נאָר איין שרה שפּירא, וואָס האָט זיך געבעטען, געוויינט, איינגעלעגט די וועלט, מע זאָל זי ניט איבערלאָזען אַליין, מע זאָל זי אויך מיטנעמען מיט זיי, ווארום זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטען, זי וועט דאָ משוגע ווערען! זי וועט זיך דאָס לעבען נעמען! — עס האָט איהר אָבער נישט געהאָלפען קיין שמע-ישראל.

אַז אַלע האָבען זיך צופאָהרען און שרה איז געבליבען אַליין מיט די פיער ווענט, האָט זי פערבראָכען מיט די הענט, אַנידערגעפאַלען אויפ'ן בעט און האָט געחלש'ט.

## דאָס ניבענאונפופציגסטע קאַפּיטעל.

### שרה רייסט קברים.

שרה שפּיראָ האָט טאַקי געהאַט זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז ווייל זי וועט לעבען, זאָל איהר פוס נישט אַריבערטרעטען די שוועל פון איהר שוועגערין, די צדקת, דערפּאַר וואָס יענע האָט זיך אין מיטען חול-המועד פסח אויפגעהויבען און אַנטלאָפען מיט איהרע קינדער פונ׳ם פּאָגראָם און נישט געגעבען צו וויסען אַנ׳אייגענעם ברודער, אַז זי אַנטלויפט, פונדעסטוועגען, אַז זי האָט זיך אויפגעהאַפּט פונ׳ם חלש׳ן און דערזעהן דעם חורבן, אַז מע האָט פערנומען ביי איהר די גאַנצע שטוב און איבערגעלאָזט זי איינע אַליין מיט די פיער ווענט, האָט זי נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און, ווי נאָר עס איז געוואָרען טאָג, איז זי אַוועק גלייך צו איהר רייכען שוואָגער, וואָס איז שוין געהאַט געקומען פונ׳ם רבין. עס איז אָבער געוועןנאָך צו פריה און שלמה פאַמיליאַנט מיט זיין גאַנץ הויז-געזינד זענען נאָך געשלאָפען און מע האָט נישט געקאָנט צוטרעטען צו איהם אַזוי גלייך, ווי שרה׳ן האָט זיך געוואָלט. אויפגעשטאַנען זענען דערוויל נאָר די דיענסטען, וואָס האָבען גערייניגט און געפּוצט, געבערשטעלט און געוועקסעלט און געפּרעסט און געשטעלט סאַמאָוואַרען. שרה האָט זיך קוים דערבעטען ביי זיי, מען זאָל זי אַריינלאָזען, און אַז מע האָט זי אַריינגעלאָזט, האָט די אָרימע מוטער פאַר די פערוואונדערטע דיענסטען אויפגעעפענט איהר ביטער האַרץ, געוויינט מיט ביטערע טרעהרען און געבראָכען די הענד, אי-בערגעגעבען זיי דעם גרויסען אומגליק, וואָס איהר האָט געטראָפען. האָבען דערהערט פאַמיליאַנטס טעכטער, אַז עמיצער וויינט, זענען זיי אויפגעשטאַנען, געחאַפּט אויף זיך עפּעס פון אויבען און אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טון, ווער וויינט דאָרטען.

— אוי! זעה נאַר — די מומע שרה?! וואָס שטעהט איהר אין קיך? קומט אַריין אין שטוב אַריין. וואָס איז מיט אייך? וואָס איז געשעהן?

— אוי, ס'איז געשעהן! — האָט שרה אויסגעבראָכען נאָך אין אַ גרעסער געוויין, — מע האָט אונז געקוילעט, וועה איז מיר, אַלעמען, דעם פעטער און בעטין און סיאָמקען און דעם קוואַרטיראַנט, וויסט איז מיר! ...

דערהער'ט דאָס וואָרט געקוילעט, האָבעןביידע מאַמזועלען פאַמיליאַנט זיך געגעבען אַ וואָרף איינע איבער דער אַנדערער, אויפגעוועקט די פאָטער-און-מוטער מיט אַ גוואַלד:

— גיכערט! שטעהט אויף! אַן'אומגליק האָט געטראָפען — מע האָט געקוילעט דעם פעטער דוד'ן מיט זייער בעטין מיט סיאָמקען מיט'ן קוואַרטיראַנט! ...

— וואו? ווען? ווער? שמע ישראל! ...

מע מעג זאָגען, אַז זינט די צנועה טויבע פאַמיליאַנט האָט חתונה געהאַט (שוין אַ שען ביסעל יאָהרען), האָט זי נאָך קיין מענש נישט געזעהען אָהן אַ פאַריק. איצט איז זי אַרויסגעשפרונגען פון בעט מחילה אין איהרע אייגענע האָר, פערגעסען אָנצוטון, איך בעט איבער אייער כבוד, די אַריינגעשטעלטע צייהן, געהאַפט אויף זיך אַ שאַל און אַרויסגעלאָפען צו דער שוועגערין מיט אַ שרעק און מיט אַ נגון פון תחנה-לשון האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ געוויין:

— וועה איז מיר! מיין ברודער! מיין דוד'ן האָט מען געקוילעט? אַזאַ ברודער! אַזאַ ברודער האָט מען מיר געקוילעט?! ...

ווער זאָגט אייך דען געקוילעט? — איז שרה צוגעפאַלען צו איהר, — טויבעניו, נשמה'ניו, גאָט איז מיט אייך! נישט איהם האָט מען געקוילעט! מיך האָט מען געקוילעט! מע האָט איהם צוגענומען, אייער ברודער, אין פאָליציע האָט מען איהם צוגענומען! איהם און די קינדער ביידע און דעם קוואַרטיראַנט — פערפינסטערט בין איך געוואָרען! ...

שלמה פאַמיליאַנט, וואָס איז ניט אַזאַ האַפענדיגער פאַרשוין, האָט גאַנץ פיין אַרויפגעצויגען אויף זיך דעם חאַלאַט, אָנגעטאָן די שטעקשיך און מיט ברייטקייט אַרויסגעקומען צו שרה'ן, פערשטעלט מיט דער האַנד די קורצזיכטיגע אויגען.

— וואָס-וואָס-וואָס? וואָס טוט זיך דאָ? — אי ער אַרויסגעטראָטען ברייט, ווי זיין שטייגער איז, אַרויסגעשטעלט דעם בויך און נישט געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין. און אַז ער איז געוואָהר געוואָרען

פון דער גאַנצער מעשה, איז ער קודם אָנגעפאַלען אויף זיין אָרימער שוועגערין, איהר אַוועקגעגעבען אַ גאָב, ווי געוועהנליך אַ יוד אַ גביר, אַז ער רעדט מיט אַן׳אָרימען קרוב.

— אַייערע עסקים! — האָט שלמה פּאַמיליאַנט געשפּריצט מיט פייער און אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, די הענד אַהינטער, און זיך צוגעהערט צו זיין אייגענער שטימע, וואָס האָט איהם געקלונגען אויפ׳ן ניכטערען האַרצען זעהר אַנגענעהמען,— אַ יי ע ר ע געשעפטען! גימנאַ-זיעס! פּאָליציעס! שרצים! חברים! טאָוואַרישטשעס! נ-ננע!

קיינמאָל האָט נאָך שרה נישט געפיהלט אויף זיך אַזוי דעם גלות פון געלד בכלל און פון רייכע קרובים בפרט, ווי אין דעם דאָזי-גען פריהמאָרגען. איהר איז אויסגעקומען אויסצוהערען פון איהר שוואָ-גער, צווישען אַ סך אומגערעכטיגקייטען, אויך אַ שטיק ביטערען אמת, ווי איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז „אַ יוד בעדאַרף געדענקען, אַז ער איז אין גלות, און בעדאַרף זיך נישט שטופען צווישען גוים, ניט זיין מיט זיי חבר-לאַפּ, נישט רחמנות האָבען אויף אָרימע שקצימלעך, נישט לערנען מיט זיי קיין „ריפּמעטיקעס״ מיט „גאַגראַפּיעס״ (דאָס האָט ער געמיינט איהר קוואַרטיראַנט, וואָס האָט געלערנט מיט קיריליכעס זוהנ-דעל פאַר רחמנות אָהן געצאָהלטס״). שרה האָט איהם צוגעגעבען, אַז ער איז אַודאַי זעהר גערעכט, גערעכט ווי גאָט אַליין. נאָר וואָס קומט אַרויס, וואָס טוט מען? וואָס זאָל זי איצטער טון? מען דאַרף ראַטעווען איהר מאַן מיט איהרע קינדער פון אַן׳אומגליק, פון אַ בלבול! און ראַטע-ווען זיי קאָן נאָר ע ר!

— פריהער גאָט, דערנאָך איהר!

— איך? — זאָגט פּאַמיליאַנט מיט גרויס עניוות און פּעו קנייטשט מיט די פּלייצעס און ווייזט מיר די פינגער אויפ׳ן האַרצען,— מיט וואָס קאָן איך העלפען?

— סטייטש! וואָס רעדט איהר? — זאָגט שרה מיט טרעהרען, — איהר האָט אַזאַ נאָמען! איהר פיהרט אַזעלכע געשעפטען! איהר טוט אַזוי פיעל טובות ווילד-פרעמדע מענשען! איהר זענט אַ יוד אַ חכם! איהר זענט אַ חשוב ביי נאַטשאַלסטווע! איהר קענט זיך „ליטשנע״ מיט׳ן גובערנאַטאָר!...

שלמה פּאַמיליאַנט האָט אַזש אַ הוסט געגעבען זיך אין באָרד אַריין פון אַזוי פיעל קאָמפּלימענטען אויף אַמאָל. נאָר קיין זאַך איז איהם נישט געוועזען אַזוי אַנגענעהם און זיס צו הערען, ווי אָט דער

לעצטער קאָמפּלימענט, אַז ער איז „ליטשנע״ בעקאַנט מיט'ן גובערנאַ-טאָר. חאָטש אַז מען וויל שמועסען אין תּוך אַריין, איז עס געווען נישט אינגאַנצען אמת: בעקאַנט איז ער טאַקי געווען, אָבער נישט מיט'ן גובערנאַטאָר, נאָר מיט'ן וויצעגובערנאַטאָר, און נישט „ליטשנע״, נאָר דורכ'ן סעקרעטאַר, וואָס האָט ביי איהם עטליכע מאָל געגומען גאַנץ פיינע נדבות אויף קאָנצערטען, ספּעקטאַקלען, טאַנץ-אָוועגדען און נאָך אַזעלכע זאַכען... רב שלמה האָט געבעטען די שוועגערין זיצען, געהייסען, ס'זאָל זיין טיי. נאָר שרה האָט ניט געוואָלט הערען נישט פון קיין טיי, נישט פון קיין זיצען. איהר נשמה איז געווען דאָרטען, ביי איהרע נאָהענטע און טייערע, ביי איהרע ליעבע און געטרייע. און חאָטש זי האָט נאָך נישט געוואוסט אַקוראַט, אין וואָס מע בעשול-דיגט זיי און וואָס פאַר אַ שטראָף זיי שטעהט פאָר, נאָר זי האָט גע-פיהלט, דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט, אַז עס האָט זיך אָנגערוקט אויף איהר שטוב אַ גרויסער געדיכטער פינסטערער וואָלקען, און זי איז ניט אָפּגעטראָטען פונ'ם שוואָגער, ביז ער האָט זיך נישט אָנגעטאָן און אַוועקגעפאָהרען „ראַטעווען״ איהר מאַן און קינדער.

מיט דעם אַליין האָט זיך אָבער שרה ניט בענוגענט. פון דאָרט איז זי אַוועק צו איהר מאַנס בעלי-בתּים און געטראָפען דעם שעף מיט די „בנים״ אין געשעפט פּערנומען, ווער מיט קונדען, ווער מיט חשבונות און ווער ביי דער קאַסע צעהלען געלד, און דעריבער האָט מען זי געלאָזט אַ ביסעל וואַרטען, ביז מע האָט זיך אַרומגעקוקט אויף איהר.

טיעף בעליידיגט האָט זי זיך געפיהלט, זעהענדיג, ווי מענשען זענען אַזוי טרוקען און גלייכגילטיג און פּערנומען יעדער מיט זיך און מיט זיינע אייגענע אינטערעסען אין דער צייט, ווען איהר מאַן און איהרע קינדער געפינען זיך איצט גאָט ווייסט וואו!... אַרומגעקוקט אויף איהר פריהער פון אַלעמען האָבען זיך די פּריקאַזטשיקעס. „וואָס'ט איהר זאָגען?״ זי דאַרף האָבען צום בעל-הבית. „אָט זיצט דאָך דער בעת-הבית״. דער קאָפּ איז איהר אַזוי דערשלאָגען משטיינסגעזאָגט, אַז זי זעהט נישט פאַר זיך די ליכטיגע וועלט.

אויבענאָן ביי דער קאַסע איז געזעסען אַ יוד פון אַ יאָהר זעכ-ציג מיט זילבערנע קיילכיגע ברילען און מיט אַ באָרד, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי צוגעקלעבט. דאָס איז געווען דער בעל-הבית, דער שעף. ער האָט געשפּיגען אויף די שפּיץ פינגער און געצעהלט געלד.

קוים-קוים אַ קוק געגעבען אויף איהר דורך די ברילען: „וואָס'ט איהר זאָגען?” האָט זי געמוסען ווײנען און קלאָגען און דערצעהלען דעם אומגליק, וואָס איהר האָט געטראָפען.

נישט איבערגייסענדיג די אַרבייט, האָט דער שעף אַ זאָג גע-געבען:

— אַ? ווידער אָבלאַווע? המ... פּראַוואָזשיטעלסטווע? אַ קאָמעדיע מיט זיי!...

אַ ריינע קאָמעדיע! — האָט איהם אונטערגעהאַלטען איינער אַ פּראַנט מיט ווייסע שיך, מיט באַנקעוואַטע אויגען און מיט גראָבע די-פּען, וואָס איז געשטאַנען דערביי און געהאָלפען צעהלען דאָס געלד נאָר מיט די אויגען און בעת מעשה זיך בעלעקט ווי אַ מענש, וואָס זעהט יענעם עסען און בעקומט אַליין אויך אַפּעטיט...

— אַ ריינע קאָמעדיע!...

דאָס האָט שוין שרה'ן פערדראָסען, דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ: אויף איהר האָט זיך אויסגעגאָסען דער גאַנצער צאָרן פון גאָט, איהר האָט געטראָפען אַזאַ אומגליק — און ביי זיי איז דאָס אַ קאָמע-דיע!... פונדעסטוועגען האָט זי מורא געהאַט אָפּצוגעבען זיי ווי זיי קומט, פּאַרט בעלי-בתים משטיינסגעזאָגט, מען עסט פון זיי ברויט, חאָטש איהר דוד לעגט אַוועק ביי זיי פאַר'ן שטיקעל ברויט דאָס גאַנצע געזונד, וואָרום וואו איז דאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ משוגענער, ווי איהר דוד, וואָס זאָל זיך אַזוי פערקויפען מיט לייב און לעבען, גלייך ווי ער לעבט נאָר צוליעב זיי?... און זי האָט זיך ווי ווייט מעגליך איינגעהאַלטען און ווייך האָט זי אויפגעקלערט, אַז ס'קאָן זיין ס'איז טאַקי אַ קאָמעדיע, אַ ריינע קאָמעדיע אויף צו לאַכען. נאָר דערוויייל צאַפּט זיך איהר בלוט, אַז זי דערמאַנט זיך, אַז מען האָט צוגענומען איהר מאַן מיט איהרע צוויי קינדער, צוויי אויגען אין קאָפּ (פונ'ם קוואַרטיראַנט האָט זי אין דער מינוט פערגעסען), ניט פון אַנ'אָבלאַווע און ניט צוליעב פּראַוואָזשיטעלסטווע. ווער? וואָס? נעהייבי וואָלט עס געווען פּראַוואָזשיטעלסטווע, וואָלט זי זיך אפשר אויך אויסגעלאַכט ווי זיי און וואָלט אפשר אויך געזאָגט, אַז ס'איז אַ קאָמעדיע... איז אָבער איצטיגס מאָל ניט פּראַוואָזשיטעלסטווע, ניין. איצט איז אַנ'אַנ-דער אומגליק, אַ צרה, אַ בלבול, זייער שכנ'ס זוהנדעל, דער שרץ וואָלאָדקי, וואָס מען האָט איהם געפונען פאַר פסח אַ גע'הרג'עטען...

— נו?...

אוןביידע, סיי דער שעף, וואָס האָט געצעהלט געלד, סיי דער פּראַנט מיט די ווייסע שיך און מיט די גראָבע ליפּען, וואָס האָט געהאָלפען צעהלען דאָס געלד נאָר מיט די אויגען, האָבען איבערגעריסען זייער אַרבייט און גענומען אויספּרעגען ביי זייער בוכהאַלטערס ווייב אַקוראַט וואָס און ווען און ווי אַזוי און ווי איז דאָס מעגליך און נאָך אַ מאָל אַלסדינג פונ׳ם אָנהויב. און אַז זייער בוכהאַלטערס ווייב האָט זיי איבערגעגעבען אַקוראַט, וואָס און ווען און ווי אַזוי נאָך אַ מאָל פונ׳ם אָנהויב, האָט דער שעף אויסגעטאָן די ברילען, און דאָס געלד, וואָס ער האָט נאָך נישט געענדיגט צעהלען, איז ווי פון זיך אַליין פערשוואונדען געוואָרען, און ער האָט זיך אָנגערופען פריהער צום פּראַנט און דערנאָך שוין צו זיין בוכהאַלטערס ווייב:

— פע! ס׳איז אַ מיאוסע מעשה, הערט איהר! אַ פּאַסקודנער עסק! זעהר-זעהר אַ פּאַסקודנער עסק!

דער פּראַנט מיט די ווייסע שיך און מיט די גראָבע ליפּען האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש, פערלעגט אַ פוס איבער אַ פוס און, שפּיעלענדיג זיך מיט׳ן דינעם גאָלדענעם קייטעל, וואָס איז געהאַנגען אויף׳ן זשילעט (אויך אַ ווייס, ווי די שיך), האָט ער צוגעבאָמט, אַז ס׳איז טאַקי אַ מיאוסע מעשה און אַ פּאַסקודנער עסק!...

שרה׳ן איז אָבער דערפון נישט גרינגער אויף אַ האָר אַפילו, אַז ס׳איז אַ מיאוסע מעשה און אַ פּאַסקודנער עסק — דאָס ווייס זי אַליין אויך גאַנץ גוט, און דערפאַר בעט זי זיי טאַקי, מע זאָל ניט שלאָפען, מע זאָל עפּעס זעהען טון, מע זאָל זי ראַטעווען פונ׳ם אומגליק! עס האָט זיך גענומען אויף איהר אַ אומגליק, אַ בלבול! און אַ קוואַל פון פרישע טרעהרען עפענט זיך אויף ביי איהר גאָר איבער אַ נייעס.

— נישט אויף אייך, אויף אונז אַלעמען, אויף כּלל-ישראל האָט זיך גענומען אַ אומגליק... — אַזוי מאַכט צו איהר דער שעף און רופט צונויף אַלע „בנים", די זיהן מיט די איידימס, און גיט זיי איבער אַ נייעס, אַז מע האָט פערנומען זייער בוכהאַלטער שפּירא מיט די קינדער און אַז מע איז איהם חושד, אַז דאָס האָט ער גע׳הרג׳עט אָט דעם וואָלאָדי שטשיגירינסקי!... וואָס זאָגט איהר דערויף?

שרה שפּירא איז איבערראַשט, זעהענדיג, ווי דער שעף און די בנים און די פּריקאַזטשיקעס אַלע און אַפילו די קונדען, ווילד-פרעמדע מענשען, האָבען זיך צונויפגעקליבען אַלע אין איין הושטשע און מע

רעדט און מע רעדט אַלע וועגען איין זאַך, אַלע וועגען איהר אומגליק. נאָר עמיצער פון זיי זאָל זיך עס אַפילו ריהרען פונ׳ם אָרט לויפען, זוכען, שרייען, ראַטעווען איהר מאַן מיט איהרע קינדער. ניין! אַדרבה זי זעהט, פערקעהרט, אַז זיי מאַכען דאָס גאָר אַוועק מיט דער האַנד .... אַנדערע פון זיי לאַכען זיך גאָר אויס אויף דעם גאַנצען עסק: „חאַ-חאַ-חאַ — אידיאָטען!” זאָגט איינער, און דער אַנדערער שפּאַרט איהם איבער: „רשעים, ניט קיין אידיאָטען!”. „איך זאָג אייך אידיאָטען!” — שרייט ווידער דער ערשטער מיט אַ געלעכטער, און דער אַנדערער וויל ניט נאָכגעבען: „רשעים, ניט קיין אידיאָטען!”... דער שרייט: „אידיאָטען!” דער שרייט: „רשעים!” — אָבער איהר וואָס קומט אַרויס דערפון?... און שרה פאַלט צו זיי צו ווידער מיט אַ געוויין: „גוואַלד, יודישע קינדער, האָט רחמנות! ראַטעוועט!” לאָזט מען זי ניט וויינען און מע רעדט איהר אויס דאָס האַרץ, אַז זי איז אַ יודינע און זי פערשטעהט ניט, אַז ס׳איז גאָר אינגאַנצען אַ נאַרישקייט, ס׳איז נישט ווערט איהר זאָלט זאָגען אָט דאָס אָ! (מע בעווייזט איהר מיט די שפּיץ פינגער דעם ווע״ט) נישמעהר דער בזיון, וואָס מע קאָן אונז, יודען, חושד זיין אין אַזאַ זאַך היינטיגע צייטען, אַז מיר האָבען שוין באַהנען און טעלעפאָנען און פאָנאָגראַפען און סינעמאַטאָגראַפען, חאַ-חאַ-חאַ.

— פאָלגט-זשע מיך, מאַדאַם, געהט אַהיים און זייט רוהיג, — זאָגט צו איהר אַליין דער שעף און קוקט אויף איהר דורך זיינע קײלעכיגע ברילען, וואָס ער האָט טאַקי צוליעב דעם נאָך אַ מאָל אָנגעטאָן, — מאַדאַם! איהר זאָלט, הערט איהר, גאָר קיין יסורים ניט האָבען, ס׳איז בלאָטע, ס׳איז חוזק, ס׳איז אַ שטות, ס׳וועט דערפון גאָרניט זיין. ס׳איז אַ געלעכטער צו הערען! מע קען אייער מאַן, מע קען אייערע קינדער. איך ווייס? מיר דאַכט, אַז ניט נאָר אַ מענשען, אַ פליג האָבען זיי ניט זאַטשעפּעט! ס׳איז נאָר אַ שפּיעל, אַ מאַכענאַציע פון די טשאָרנעסאָטילניקעס... ס׳איז זיי ניט געראָטען, פערשטעהט איהר מיך, היינטיגען פסח מיט׳ן פּאָגראָם, מיינען זיי, טאָמער וועט זיי אָפּגעראָטען איצט... נאָר בלאָטע! שקר גילט נישט! ס׳וועט גאָרניט זיין. גאָר ניט! מע וועט זיי אויספרעגען און מע וועט זיי אָפּלאָזען. איך זאָג אייך. איך! איך בין אייך ערוב, אַז ס׳וועט גאָרניט זיין... נישמעהר דער בזיון! דער בזיון פאַר זיך און דער בזיון פאַר דער וועלט... דער בזיון איז ערגער פון אַלסדינג!...

חאָטש נעמט איהר אַראָפּ דעם קאָפּ, פערשטעהט ניט שרה, פאַר-וואָס איז דער בזיון ערגער פון איהר אומגליק? זי איז זיי מוחל דעם בזיון, זי נעמט דעם בזיון אויף זיך... אַבי לאָז מען איהר אומקעהרען איהר מאַן מיט איהרע קינדער!... און זי הערט ניט אויף צו וויינען און צו קלאָגען און צו יאָמערן און צו ברעכען די הענד און צו לויפען פון איינעם צום אַנדערען זוכען זכות אבות, בעטען רחמים, רייסען קברים, איינלעגען די וועלט. זי זאָל געהן אַהיים? ווי קאָן זי געהן אַהיים? זי וועט אייך גיכער געהן כף-הקלע! אין דער שאול-תחתיה אַריין וועט זי אייך געהן!

— גאָט, גאָט, גאָט! וואָס שווייגסטו, גאָט?

און גאָט איז דאָך טאַקי אַנ'אֵל רחום וחנון. ער וועט דאָך ניט לאָזען יודישע טרעהרען זאָלען, חלילה, פערלוירען געהן, האָט ער אַראָפּגעקוקט פון דער הויך פון זיין געצעלט און האָט פערנומען אינ'ם קול פון דער דאָזיגער אָרימער דערשלאָגענער פרוי און האָט זי אויפגערעכט גאָר אין גיכען, ווי מיר וועלען דאָס באַלד אַרויסזעהען בעשיינפערליך אין די נאָהענטע קאַפּיטלען פון אונזער ראָמאַן.

## דאָס אַכטאונפופציגסטע קאַפּיטעל.

## סיאָמקע אַן עדות.

דעם ערשטען האָט מען אומגעקעהרט סיאָמקען. מיט כּבוד, אויף אַ איזוואָזטשיק, האָט מען איהם געבראַכט צו פיהרען, און נישט אַליין, נאָר מיט אַ גאָראָדאָװאָי. שרה, אַז זי האָט דערזעהען איהר קינד מיט אַ גאָראָדאָװאָי, און די איבריגע זענען ניטאָ, איז זי שוין שיער נישט געשטאָרבען.

— סיאָמעניו! סיאָמעטשקע! סיאָמעניונטשיקעל! מיר פאַר דיינע ביינער! וואו-זשע איז דער טאַטע? וואו איז בעטי? וואו איז דער קוואַרטיראַנט?

נאָך יעדען וואָרט איז געגאַנגען אַ קוש אָדער אין בעקעל, אָדער אין מויל, אָדער אין די אויגען אַריין. דאָס קינד האָט זיך געריסען פון דער מוטערס הענד:

— נו, גענוג שוין, מאַמע, לאָז מיך אָפּ, אוי, דו וועסט מיך דערשטיקען!

און סיאָמקע האָט דערצעהלט פאַר דער מאַמע, ווי אַזוי מען האָט איהם געפיהרט און ווי אַזוי מען האָט איהם געבראַכט און וואָס מען האָט איהם געפרעגט און וואָס ער האָט געזאָגט. אַלסדינג האָט איהר סיאָמקע איבערגעגעבען און געמאַכט מיט די הענד בעת מעשה ווי אַן אַלטער.

אַז מע האָט זיי אויפגעזעצט — דערצעהלט סיאָמקע נסים ונפלאות — האָט מען זיי אויפגעזעצט אויף דריי פוהרען: דעם טאַטען בעזונדער, דעם קוואַרטיראַנט בעזונדער און איהם מיט בעטין בעזונדער אויף אַ פוהר. יענער וואָס מיט די בלויע ברילען און בעטי זענען געזעסען אויבענאָן, און ער מיט צוויי אָקאָלאָדאָטשניקעס האָט מען בעזעצט

אַקעגען, און אָט אַזוי זענען זיי געפאָהרען און געפאָהרען, געפאָהרען און געפאָהרען. דערנאָך האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און מע האָט גענומען אַ איזוואָזטשיק, און ער מיט איין אָקאָלאָדאָטשניק האָבען זיך אויפגעזעצט אויפ'ן איזוואָזטשיק, און דער אַנדערער אָקאָלאָדאָטשניק און יענער וואָס מיט די בלויע ברילען און די שוועסטער זענען אַוועקגעפאָהרען אין איין זייט, און ער מיט'ן ערשטען אָקאָלאָדאָטשניק זענען אַוועקגעפאָהרען אין דער אַנדער זייט. און מע איז ווידער געפאָהרען און געפאָהרען, געפאָהרען און געפאָהרען. דערנאָך האָט מען איהם געבראַכט צו פיהרען צו אַ גרויסען מויער, בעלייכט מיט אַ סך לאַמטערנעס, און מע האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַ בעזונדער חדר'ל, און מע האָט איהם אַוועקגעזעצט אויף אַ לאַנגער באַנק, אַ גלאַטע, נאָר אַ האַרטע, און מע האָט איהם איבערגעלאָזט איינעם אַליין און אָנגעזאָגט איהם, ער זאָל זיך לעגען אויף דער באַנק, און געהייסען שלאָפען. נאָר ווי קאָן מען שלאָפען אָהן קישענס? פונדעסטוועגען האָט ער זיך אַוועקגעלעגט אויף דער באַנק און געלעגען און געלעגען, געלעגען און געלעגען, אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַפּנים אַנשלאָפען געוואָרען, וואָרום אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג, און נעבען איהם איז געשטאַנען אַ אָקאָלאָדאָטשניק, שוין נישט יענער, נאָר אַנ'אַנדערער, און האָט איהם גענומען און האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַ גרויס חדר מיט'ן קיסר'ס פּאָרטרעט. דאָרט איז געזעסען איינער מיט גרויסע וואָנסעס און מיט עפּאָליעטען און איינער גאָר אָהן וואָנסעס, נאָר מיט אַ גרויסען טשוב אויפ'ן קאָפּ, וואָס הענגט איהם אַראָפּ און שאָקעלט זיך, בשעת ער שרייבט. דער וואָס מיט די עפּאָליעטען האָט איהם אויסגעפרעגט, און דער וואָס מיט'ן טשוב האָט פערשריבען איטליכס וואָרט, און ביי איטליכס וואָרט, וואָס ער פערשרייבט, שאָקעלט זיך איהם דער טשוב. און אויסגעפרעגט האָט איהם יענער פון אַלעסדינג. ווי אַזוי ער הייסט, און וויפיעל ער איז אַלט, און וואו ער לערנט, און ווי דער טאַטע הייסט, און ווי די מאַמע הייסט, און די שוועסטער און דער קוואַרטיראַנט, אַלעסדינג, אַלעסדינג. און נאָכדעם האָט ער איהם גענומען אויספרעגען, צי קען ער קיריליכען, און איהר מאַן, און זייער וואָלאָדקען צי האָט ער געקענט, און ווי אַזוי האָט ער זיך געשפיעלט מיט וואָלאָדקען, און ווען האָט ער זיך געשפיעלט מיט איהם דאָס לעצטע מאָל, און צי פלעגט וואָלאָדקע קומען אַמאָל צו זיי אין שטוב אַריין, און וואָס האָט איהם

דער טאַטע אָדער די מאַמע געגעבען עסען אָדער טרינקען אָדער אַ שפּילכעל, און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכען.

— נו, און וואָס האָסט דו געזאָגט? — פרעגט איהם די מוטער, ברעכט די הענד און ווינשט זיך בשעת מעשה אַזאַ, יאָהר וואָס פאַר אַ קינד דאָס איז, רעדט ווי אַן׳אַלטער, דער טאַטע מיט די ביינער!...

— וואָס זאָל איך זאָגען? — ענטפערט איהר סיאָמקע און מאַכט מיט די הענד, — איך האָב זיי געזאָגט דעם גאַנצען אמת: ווי אַזוי איך הייס, און וויפיעל יאָהר איך בין אַלט, און וואו איך לערן, און אַז קיריליכע מיט איהר מאַן קען איך גאַנץ גוט, און וואָלאָדקען האָב איך גאָר גוט געקענט, געווען חברים, נאָר אין שטוב ביי זיי בין איך קיינמאָל נישט געוועזען, און שפּיעלען פלעגען מיר אין פערדלעך און אין מיאַטש, און דאָס לעצטע מאָל האָבען מיר זיך געשפּיעלט מיט איהם אַרום פאַר פורים-צייט, און ביי אונז אין שטוב איז וואָלאָדקע אויך קיינמאָל נישט געוועזען, און דער טאַטע האָט איהם קיינמאָל נישט געזעהען, נאָר דער קוואַרטיראַנט האָט איהם געקענט מעהר פון אַלע, ווייל ער האָט מיט איהם געלערנט... נו, האָבען זיי מיך גענומען אויספרעגען, שוין אויפ׳ן קוואַרטיראַנט, ווי און וואָס און ווען.

— נו-נו?

— נו, גאָרנישט. האָב איך זיי דערצעהלט דעם גאַנצען אמת, אַז דער קוואַרטיראַנט האָט איהם אויך נישט געקענט, און ער וואָלט מיט איהם קיינמאָל נישט געלערנט, ווען ניט איך וואָלט געווען דערצעהלט מיין שוועסטער, אַז ביי קיריליכען איז פאַרהאַן אַ שייגעצעל, וואָס מע רופט איהם וואָלאָדקע, האָט ער אַ שטיפּטאַטען, וואָס אַז ער שכור׳ט זיך אָן, הרג׳עט ער איהם און שלאָגט איהם. און אַז דער וואָלאָדקע ל׳ערנט אין אַ שקאָלע, נאָר ער האָט נישט, ווער ס׳זאָל איהם מאַכען די אוראָקען — אַלעסדינג, אַלעסדינג. און נאָכדעם ווי אַזוי איך און די שוועסטער האָבען דערצעהלט דעם קוואַרטיראַנט פון דעם וואָלאָדקען, וואָס וויל לערנען און האָט ניט, ווער עס זאָל מיט איהם מאַכען די אוראָקען, און זיין שטיפּטאַטע שלאָגט איהם, האָט דער קוואַרטיראַנט אָנגעהויבען אַריינצוגעהן אַהין מאַכען מיט איהם די אוראָקען...

— דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָסטו געוואָלט? דערנאָך האָט מען גענומען מיך אויספרעגען שוין וועגען קוואַרטיראַנט נאָך אַ מאָל, וואָס ער האָט געזאָגט און וואָס ער האָט גערעדט וועגען וואָלאָדקען?

— נו-נו?

— נו, האָב איך זיי געזאָגט אַקוראַט, דעם גאַנצען אמת, אַז דער קוואַרטיראַנט האָט זעהר געליבט וואַלאָדקען, אַז ער איז אַ וואויל שייגעצעל און אַז ער האָט אַ יודיש קעפּעל אויף זיך...

שרה, ווי זי איז נישט געוועזען פערזאָרגט און פערוויסט, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען, זי זאָל נישט אַ שמייכעל טון:

— אָט אַזוי טאַקי מיט די ווערטער האָסטו זיי געזאָגט: „אַ יודיש קעפּעל”?

— וואָס-זשע? איך וועל אויסטראַכטען פונ׳ם קאָפּ? — זאָגט סיאָמקע מיט גדלות, ווי דער טאַטע זיינער. — דערנאָך האָט מען מיך גענומען אויספרעגען, וועגען וואָס האָט זיך דער קוואַרטיראַנט געסוד׳עט מיט׳ן טאַטען ערב-פּסח, און וואָס האָט ער געטאָן אין פּאָדריאַד, דאָרט וואו מען באַקט מצה? און ביים סדר וואָס האָט מען געגעסען?

— וואָס מען האָט געגעסען? — חאַפּט זיך אויף שרה פערוואונדערט.

— אַלסדינג האָט מען מיך אויסגעפרעגט, און איך האָב געזאָגט אַלסדינג וואָס איך וויס, דעם גאַנצען אמת: אַז דער קוואַרטיראַנט זאָל זיך סוד׳ען מיט׳ן טאַטען, זאָג איך, דאָס וויס איך נישט, און אַז דער קוואַרטיראַנט איז געוועזען, זאָג איך, אין פּאָדריאַד, געהאָלפען באַקען מצות, דאָס וויס איך, און פּסח צום סדר, זאָג איך, האָבען מיר געגעסען אַ סך גוטע זאַכען. מיר האָבען געגעסען, זאָג איך, מצה, מרור און חרוסת, און קאַרטאָפּליס, און אייער, און פיש, און פליישׁ, און לאַטקעס, און קניידלעך, און חרעמזלעך...

ניין, שרה קאָן זיך נישט איינהאַלטען מעהר און האַפּט אַרום דאָס קינד קושען און האַלזען: „איהר זאָל זיין פאַר זיין פּיסק!”

סיאָמקע ווייזט אויס, איז אַליין אויך צופרידען מיט זיך, ווי שען ער האָט גערעדט. ער דערמאַנט זיך אַלע מאָל אַנ׳אַנדער זאַך און שלאָגט זיך אַליין איבער און גיט עס איבער דער מאַמע, זי זאָל וויסען:

— שאַ! היינט האָב איך דיר פערגעסען דערצעהלען, מאַמע, פון בלוט, וואָס זיי האָבען ביי מיר געפרעגט.

— פון בלוט, וועה איז מיר? — פרעגט שרה מיט שרעק.

— יאָ, פון בלוט; וואָס מיר האָבען געטאָן פּסח אָדער ערב-פּסח מיט׳ן בלוט?

— מיט וואָסער בלוט? — פרעגט שרה און ברעכט די הע..

— איך ווייס וואָסער בלוט? איך פרעג דיך וואָסער בלוט, — מאַכט סיאָמקע און צונעמט די הענד ווי אַנ'אַלטער.

— נו, וואָס-זשע האָסטו זיי געזאָגט?

— וואָס זאָל איך זיי זאָגען? איך האָב ז געזאָגט, אַז איך ווייס נישט פון קיין בלוט.

— נו, און זיי וואָס האָבען געזאָגט?

— וואָס זאָלען זיי זאָגען? האָב קיין מורא נישט, זאָגען זיי צו מיר, דערצעהל, דערצעהל, מיר וועלען קיינעם נישט אויסזאָגען.

— נו, וואָס-זשע האָסטו זיי געזאָגט?

— וואָס זאָל איך זיי זאָגען? איך ווייס נישט, זאָג איך, פון וואָס צו זאָגען.

— נו, וואָס-זשע האָבען זיי געזאָגט?

סיאָמקע ווערט שוין אין כעס, ווי דער טאַטע זיינער, און אגב איז ער נעבאַך הונגעריג. ער האָט פון נעכטען אויפדערנאַכט אָן אין זיין מויל נישט געהאַט. צושרייט ער זיך, ווי זיין טאַטע שרייט, אַז ער ווערט אין כעס אויף דער מאַמע:

— האָבען זיי געזאָגט! האָסטו געזאָגט! — אַ מעשה אָהן אַנ'עק! און איך וויל גאָר עסען.

— אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! — טוט זיך שרה אַ חאַפּ און לויפט צו דער שאַפע זוכען עפּעס עסען דעם קינד. קומט אָן אין דער מינוט דוד, ווייס שרה גאָר נישט, וואָס זי זאָל טון: צי זי זאָל געבען פריהער דעם קינד עסען? צי זי זאָל זיך פרעהען און דאַנקען גאָט, וואָס איהר מאַן איז שוין אויך בעפרייט? צי זי זאָל זיך זאָרגען, וואָס די טאָכטער איז נאָך נישטאָ? און קוים וואָס זי רעדט אַרויס:

— און וואו איז בעטי? און וואו איז דער קוואַרטיראַנט?

— וואָס הייסט? זיי זענען דען ניטאָ נאָך? — פרעגט דוד און זוכט מיט די אויגען — און איך האָב געמיינט, אַז זיי זענען שוין לאַנג אין דער היים...

* *

*

אַנ'עבירה! דוד איז געקומען צו לויפען אַהיים אַזאַ פריילכער,

אַזאַ לעבעדיגער, גלייך ווי ער וואָלט געטראָגען מיט זיך מי יודע וואָס פאַר אַ גוטע בשורה. און נישט איין גוטע בשורה, נאָר אַ סך גוטע בשורות... נאָר דאָס, וואָס די קינדער זענען נאָך נישטאָ — דאָס האָט איהם דעם קאָפּ אַראָפּגענומען!

און שרה קוקט אויף איהם און דאַנקט גאָט אין האַרצען, וואָס איהר מאַן איז חאָטש צוריקגעקומען אַזוי פריילִיך... זאָל זי איהם דערצעהלען, וואָס פאַר אַ נאַכט און וואָס פאַר אַ פריהמאָרגען זי האָט געהאַט? צי זי זאָל איהם אויספרעגען פריהער, וואָס ער האָט געהאַט?...

נאָר ער לאָזט איהר צופיעל נישט טראַכטען. ער וואַשט זיך אי די הענד, אי דאָס פנים, גלייך ווי ער וואָלט געקומען פון אַ שרפה, אָדער פונ'ם הייליגען אָרט, פון אַ לויה...

— נו, אַ נאַכט! נו, אַ פריהמאָרגען! נאַ דיר אַזאַ מין שלאַק! אַ וואָלאָדקי! אַ שטשיגירינסקי! אפילו נישט גע'חלומ'ט!

און דוד הויבט אָן צו דערצעהלען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער דאָזיגער נאַכט... „נו, אַ נאַכט! נו, אַ פריהמאָרגען!"... ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס בעטי איז נאָך נישטאָ און וואָס דער קוואַרטיראַנט איז נאָך נישטאָ. זיי זאָלען זיין, וואָלט ער עס אַלסדינג געקאָנט דערצעהלען אין פריידען און באריכות. און אַז אַזוי, מאַכט ער עס בקיצור. ער דערצעהלט, נאָר ער חאַפּט זיך אויף אַלע מינוט, רייסט איבער, מוט אַ קוק אין פענסטער — און דערצעהלט ווייטער.

## דאָס נײַנאונפופציגסטע קאַפּיטעל.

## דוד שפּיראָ — אַ העלד.

פון דער ערשטער מינוט, וואָס מע האָט איהם גענומען — אַזוי דערצעהלט שפּיראָ אַליין און מע מעג איהם גלויבען (פאַר וועמען דאַרף ער זיך דאָ בעריהמען? פאַר זיין ווייב?) — האָט עס איהם אַזוי געאַרט, ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי, אפילו אויף אָט אַזוי פיעל אויך נישט! וואָרום ער האָט געוואוסט, זאָגט ער, אַז ס'איז גאָרניט, ס'איז הוזק, ס'איז בלאָטע שבבלאָטע, ניט ווערט אַ שאָס פולווער, „זאָלסט זאָגען, אפילו אַ שמעק טאַבעקע!"

מיר געדענקען נאָך פונ'ם ערשטען „אָביסק", וואָס איז געווען אום ערב-פסח, און די גאַנצע צייט נאָכדעם, אַז שפּיראָ האָט זיך געהאַלטען ווי אַ העלד, ווי אַנ'אמת'ער העלד. וואָרום דוד שפּיראָ געהט, פערשטעהט איהר מיך, מיט זיין גאַנג, אַז היינט איז נישט דאָס, וואָס אַמאָל: אַמאָל איז געווען אַ יוד הפקר און היינט איז דאָ „אַ זאַקאָן מיט אַ משפט מיט גערעכטיגקייט מיט אַ דומע מיט צייטונגען — זאָגט אַייך, וואָס איהר ווילט, ס'איז פאָרט נישט דאָס וואָס אַמאָל, וואָס פאַרצייטען"... און אגב, ווען ער זאָל אפילו זיין אַ „טרוס בחאַראַקטער", בעדאַרף ער אויך ניט מורא האָבען, וואָרום וואָס האָט ער מורא צו האָבען, אַז ער וויים ביי זיך, אַז ער איז ריין ווי קרישטאָל?... לאָז מען ביי איהם מאַכען זיבעצעהן „אָביסקען", לאָז מען איהם „אַרעשטעווען" אַכצעהן מאָל, לאָזען די גאַזעטען שרייבען צוזעצערהייד, לאָזען הינט בילען „ריטואַל" און „ריטואַל", — וועמען הערט ער? „נישט געגעסען קיין קנאָבעל, וועט ניט שמעקען פונ'ם מויל"... וואָס? אפשר ניט אַזוי?

דאָס אייגענע האָט ער געזאָגט זיי אויך. אַזוי טאַקי, מיט די

ווערטער, האָט זיי שפּיראָ געזאָגט, בעת מע האָט איהם אַ נעם געגעבען אויפ'ן „דאָפּראָס". נישט נאָר ער האָט ניט אַרויסבעוויזען קיין רמז, אַז ער האָט פאַר עפּעס אָדער פאַר עמיצען מורא צו האָבען, — אדרבה, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַזאַ שטאַרקייט, און ער האָט אַזוי גערעדט, און ער האָט אַזוי געמאַכט מיט די הענד, און ער האָט אַזוי געבייזערט זיך, גלייך ווי ע̇ר בעשולדיגט, ניט ווי מע בעשולדיגט איהם...

— וואָס ווילט איהר? — האָט ער זיך צושריגען, נאָכדעם ווי מע האָט איהם געגעבען צו וויסען, אין וואָס אייגענטליך מע איז איהם חושד, — איך ווילט זיך דוקא אַ „ריטואַל"? בלאָטע, עס וועט אייך ניט געראָטען! ערשטענס איז ניטאָ קיין ריטואַלען ביי אונז. דאָס האָט איהר אַליין אויסגעטראַכט! והשנית איז אַנ'עבירה אייער טרחה: ס'איז ניט אַמאָליגע צייטען. היינט וועט איהר מיך ניט נייטען, אַז איך זאָל אייך זאָגען דאָס, וואָס איהר ווילט, און אַז איך זאָל אייך חתמ'ענען דאָס, וואָס איהר וועט אָנשרייבען... דאָס אַלץ איז געווען מעגליך מיט הונדערט יאָהר צוריק, ניט אַצינד. איצט איז דאָ אַ זאַקאָן מיט אַ משפט מיט אַ פּראָקוראָר...

— לאָז איבער דעם זאַקאָן מיט'ן פּראָקוראָר אויף שפּעטער, — האַקט מען איהם איבער אין מיטען, — דו זאָג אונז בעסער, ווען און וואו און ווי אַזוי איז געהרג'עט געוואָרען דיין שכנ'ס שטיפיונגעל — וואָלאָדי שטשיגירינסקי?

— וואָסערע שכנים? וואָסערע שטיפיונגלעך? — האָט זיך שפּירא אויף זיי נאָך שטאַרקער צושריגען — איך קען ניט קיין שום וואָלאָדקעס! איך ווייס ניט פון קיין שום שטשיגירינסקיס און לאָזט מיך צורוה! איהר ווילט מיך אַיינזעצען אין טורמע? — זעצט מיך איין! איהר ווילט מיר מאַכען אַ „דיעלאָ"? — מאַכט! איך האָב קיין מורא ניט, וואָרום איך בין ריין! ריין ווי גאָלד! איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל און וועל אייך איבער'חזר'ן נאָך צעהן טויזענד מאָל, אַז וואָלאָדקי שטשיגירינסקען האָב איך קיינמאָל אין מיינע אויגען ניט אָנגעקוקט! איך ווייס נאָר, אַז ביי מיר איז דאָ אַ שכן, וואָס הייסט קירילע, און אַז דער קירילע האָט געהאַט אַ שטיפזוהן וואָלאָדקע.

— אַהאַ! ווייסטו שוין יאָ, אַז ס'איז געווען אַ וואָלאָדקי אויף דער וועלט? — שלאָגט מען איהם איבער און זיי מיינען, אַז דאָ האָבען זיי געחאַפּט אַ העכט.

— אודאי ווייס איך, פּאַרוואָס זאָל איך ניט וויסען? — ענטפערט זיי שפּיראָ מיט אַ געלעכטער, — אַ גרויסער יחוס? איך ווייס, זאָגט שפּי-ראָ, איך ווייס, אַז דער קירילע האָט געהאַט אַ שטיפזוהן וואָלאָדקי, וואָס ער פלעגט איהם הרג׳ענען שלאָגען; נישט אַלע מאָל, נאָר דע-מאָלט, ווען ער פלעגט זיך גוט אָנ׳שכור׳ן. און ווייטער ווייס איך גאָרנישט. אָבער ג—אָ—ר—נ—י—ש—ט! —

דוד שפּיראָ האָט דערבײַ אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד, ווי אָפּגעשניטען מיט אַ מעסער, און איז געווען זיכער, אַז נאָר ווײַל ער, שפּיראָ, האָט זיך מיט זיי בעגאַנגען אַזוי שטרענג, האָט מען איהם דעריבער געלאָזט צורוה... ער האָט נישט געוואוסט, אַז אַ ביסעל האָט ער צו פערדאַנקען דעם „קליינעם וועוריק”, דאָס הייסט זיין סיאָמ-קען, וואָס האָט איהם אַזוי נאַאיוו אַרויסגעפּלאַנטעט, געזאָגט עטליכע מאָל, אַז דער טאַטע זיינער האָט זיך מיט קירילי׳כעס זוהנדעל ניט אָנגעקעהרט גאָרניט און אַז דער טאַטע האָט וואָלאָדקען אפילו נישט געקענט. געקענט האָט איהם נאָר ער, סיאָמקע, און דער לעהרער, דאָס הייסט זייער קוואַרטיראַנט, גריגאָרי מאָיסיעיעוויטש ראַבינאָוויטש...

און אַ ביסעל האָט ער געהאַט צו פערדאַנקען טאַקי דער קירי-ליכען אַליין און אויך איהר מאַן, וואָס האָבען ביידע זיך מודה גע-ווען, אַז דער יוד שפּיראָ האָט זיך מיט זייער וואָלאָדקען טאַקי נישט אָנגעקעהרט גאָרנישט ניט, און ס׳איז מעגליך, אַז שפּיראָ האָט איהם אפילו נישט געקענט. דערפאַר האָט איהם געקענט זעהר גוט די שפּי-ראָכע. און ניט אַזוי נאָך די שפּיראָכע — למאי זאָלען זיי זאָגען? — ווי שפּיראָכעס קינדער. און ניט אַזוי נאָך שפּיראָכעס קינדער, ווי זייער לעהרער, „אָט טאָט מאָלאָדיי, טשאָרניי זשידעק” (אָט אַיענער יונגער, שוואַרצער יודעל ...), וואָס האָט געלערנט מיט זייער וואָלאָדקען אומזיסט...

אָט אַזוי האָבען קירילי׳כע מיט איהר מאַן בעגראָגען שפּיראָס קוואַרטיראַנט, זייער וואָלאָדקעס אומזיסטיגען לעהרער, ניין איילען, און דערמיט אַרויסגעראַטעוועט די שפּיראָס מיט זייערע קינדער פון אַני-אומגליק.

נאָך מעהר אָבער האָט שפּיראָ געהאַט צו פערדאַנקען טאַקי דעם קוואַרטיראַנט אַליין, אונזער ראַבינאָוויטש, וויבאַלד ער האָט זיך נאָר דערלעבט, אַז מע האָט איהם שוין אַריינגעפיהרט און אַ נעם געגעבען צום אויספרעגען, אויף וועלכען ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט, האָט

ער בײַ די ערשטע צװײ-דרײַ פֿראַגען באַלד אַרױסגעזעהען, אין װאָס דאָ האַנדעלט זיך, און האָט גערעכענט, אַז איבערהױפּט בעשולדיגט מען דאָ מסתמא זײַן בעל-הבית שפּיראָ׳ן, האָט ער נישט געװאָלט װאַר-טען, ביז מע װעט איהם שטעלען נאָך פֿראַגען, און האָט אָפּגעגעבען זעהר אַ װיכטיגע ערקלערונג. ער האָט געלאָזט װיסען דעם סודעבנע סליעדאָװאַטעל, אַז אױב מע בעשולדיגט שפּיראָ׳ן אָדער זײַ-נע בני בית אין טשיגירינסקיס טױט, געהט מען אױף אַ פֿאַלשען װעג... װער דער אמת׳ער מערדער איז — װײס ער, ראַבינאָװיטש, און װײטער קײנער ניט... ער װײס עס שױן פֿון לאַנג... ער האָט אפילו געװאָלט אַלײן פֿון זיך אײַנגעבען אַ מעלדונג און קלאָר מאַכען די זאַך אַקוראַט, האָט ער אָפּ-געװאַרט, טאָמער װעט די אױספֿאָרשונג אַלײן אַרױף אױפֿ׳ן אמת׳ן װעג. איצט, אַז ער זעהט, אַז עס האַלט גאָר ניט דערבײַ, רעכענט ער, אַז ער איז מחויב צו זאָגען אַלעס, װאָס ער װײס... נאָר װאָס דען? אַזױ װי ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿען און פֿיהלט זיך אױפֿגערעגט, בעט ער, מע זאָל איהם געבען די מעגליכקײט, ער זאָל זיך אױסשלאָפֿען, אױסרוהען די נערװען, װעט ער נאָכדעם מיט אַ לױטערען קאָפּ און מיט אַ רוהיגען געמיט אױפֿדעקען אַזעלכס, װאָס אַלע װעלען שטױנען...

דער סליעדאָװאַטעל, װאָס האָט אױפֿגענומען און פֿערשריבען די דאָזיגע װערטער, האָט זיך געריבען אַ האַנד אָן אַ האַנד פֿאַר תּענוג. דאָס פּנים האָט איהם געשײַנט און די אױגען האָבען איהם אַ גלאַנץ געגעבען מיט אַ בעזונדער דאַנקבאַרקײט צו דעם יונגען מענשען, װאָס האַלט זיך אַזױ פֿײַן און קלוג, און האָט באַלד געגעבען אַ בעפֿױל, מע זאָל ראַבינאָװיטשען אָפּפֿיהרען אין אַ בעזונדער רײַן חדר׳ל און לאָזען דעם גאַנצען טאָג זיך אױסרוהען, װיפֿיעל זײַן האַרץ געלוסט. אױך עסען און טרינקען זאָל מען איהם געבען אױפֿ׳ן בעסטען אַרט, — מיט אײנעם װאָרט, מע זאָל זיך בעגעהן מיט דעם יונגען מאַן ניט װי מיט אַ געװעהנליכען אַרעסטאַנט... און בײַ שפּיראָ׳ן האָט מען נאָר גענומען אַנ׳אונטערשריפֿט, אַז ער װעט ניט אַרױספֿאָהרען פֿון שטאָדט.

— איך װעל אײַך געבען טױזענד אונטערשריפֿטען, — האָט שפּיראָ געזאָגט מיט אַ שמחה, װאָס ער איז פֿרײַ, און מיט אַ גדלות, װאָס נאָר אַזאַ מענש װי ער, דוד שפּיראָ, מיט אַזאַ מויל, װי בײַ איהם, קאָן זיך אַזױ גיך אַרױסרײַסען פֿון זײערע הענד...

— אַנ'אַנדערער אויף מיין אָרט—האָט ער זיך בעריהמט פאַר זיין ווייב — וואָלט זיך אַ ביסעל אָנגעזעסען פריהער, ביז ער וואָלט דער-לעבט הערען דאָס גוטע וואָרט: „סטופאַיטיע!”... און דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס ביי איהם איז נישטאָ קיין שרעקען זיך מיט קיין צַי-טערן מיט קיין מורא האָבען פאַר פּאָליציע.

— וואָרום ממה נפשך, וויבאַלד אַז איך וויים, אַז איך בין ריין, הייגט וואָס האָב איך מורא צו האָבען? וואָס? אפשר ניט אַזוי?

— אַזוי, אַזוי, — ענטפערט איהם שרה און הערט נישט אויף גלייך מיט איהם צו קוקען אין פענסטער און קנאַקען זיך די פינגער, ווי איהר שטייגער איז, — ביסט אודאי גערעכט, וואָס איז צו זאָגען? ביסט אודאי גערעכט... נאָר וואָס איז די מעשה, וואָס בעטי איז נאָך ניש-טאָ? און דעם קוואַרטיראַנט וואָס האַלט מען אַזוי לאַנג?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מע האַלט איהם? — זאָגט דוד ווי אַ העלד און דאָס האַרץ קלאַפּט איהם ניט אַזוי אויפ'ן קוואַרטי-ראַנט, ווי אויף דער טאָכטער, — איך וועל דיר זאָגען אַקוראַט, ווענסטו זעהען, אַז איך גערעכט, דאַנק גאָט, מיט אַ גלייכען וועג. דאָס, וואָס איז שייך צום קוואַרטיראַנט, איז גלאַט נישטאָ וואָס איבערצוטראַכטען. ראַ-בינאָוויטש איז אַ יונגערמאַן מיט גלאַטע לונג-און-לעבער. ער האָט געקאָנט, גלויב-זשע מיר, פון דאָרטען אַוועקגעהן צו זיך אין דער „זו-באָוראַטשעבנע”, אָדער בעגעגענען זיך מיט אַכצעהן חברים און פער-רעדען זיך וועגען נעכטיגע טעג, אויפ'ן הימעל אַ יאַריד...

— יאָ, אָבער בעטי, וועה איז מיר און ווינד!

— שוין! הויב שוין אָן אפשר אויסלעגען? — האַלט איהר דוד פיר, און אַליין קוים וואָס ער האַלט זיך איין אין שטוב.

— ווי מיינסטו? — זאָגט ער צו שרה'ן שפּעטער אַ ביסעל שוין גאָר מיט אַנ'אַנדער קול, — אפשר וואָלט איך אַ לויף געגעבען צו דער שוועסטער? טאָמער איז זי דאָרטען?

— משוגע איז זי מיינע שונאים? — ענטפערט איהם שרה, נישט אויף צו דער'רגזנ'ען, חלילה, דעם מאַן, נאָר פשוט, ווייל איהר מענש-ליכער פערשטאַנד זאָגט איהר אונטער, אַז נאָך אַזאַ נאַכט, ווען די טאָכטער קומט ניט אַהיים, נאָר צו דער מומע טויבע, „בעדאַרף מען אַ משוגענעם אויסמעקען און זי אַריינשטעלען”... דוד קאָן אָבער נישט ליידען, למאַי זאָל אַ ווייב האָבען אַ טבע זאָגען אַלסדינג קאַפּויר, מיט'ן קאָפּ אַראָפּ? אָט אויף צו להכעיס איהר געהט ער זיך דורך צו דער

שוועסטער און אָט וועט זי זעהען, ווי ער קומט צוריק מיט דער טאָכטער.

— וואָס וועסטו דעמאָלט זאָגען?

— וואָס זאָל איך זאָגען? הלואי, רבונו של עולם, פון דיין מויל אין גאָטס אויערן!... — זאָגט איהם שרה, און דוד לויפט אַוועק ער ווייסט אַליין ניט וואוהין. און נאָך איהם לויפט אויך שרה און ווייסט אויך ניט וואוהין. און אָט אַזוי לויפען אַרום דעם גאַנצען טאָג די אָרימע פאָטער-און-מוטער נעבאַך פון איינעם צום אַנדערען, ווענדען אָן זכות אבות, פּראָטעקציעס, בעקאַנטשאַפטען, שלאָגען אָפּ די טירען אין אַזעלכע ערטער, וואו זייער באָבעס באָבע איז ניט געווען קיינמאָל, און רעדען מיט מענשען אַזעלכע, וואָס זיי האָבען ניט געזעהען אפילו אין חלום. זיי זענען שוין געבליבען אָהן כחות. שרה איז אַזש הייזעריג געוואָרען אַזוי ווי די וואַנט, מע הערט נישט פון איהר קיין קול. עס איז ביי זיי אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג אין זוכעניש און אין לויפעניש פון איין אוטשאַסטאָק אינ׳ם אַנדערען, פון איין קאַנצעלאַריע אין דער אַנדערער. אָט-אָט אָקאָרשט ווי מע זעהט ניט הויבט אָן ווערען נאַכט — און וואָס זענען זיי דערגאַנגען? זיי זענען דערגאַנגען, אַז זייער קוואַרטיראַנט האָט מען נאָר-וואָס אַריבערגעפיהרט אונטער אַ שטאַרקען קאָנוואָי אין טורמע אַריין... און פון זייער טאָכטער — ווייס קיינער ניט וואָס צו זאָגען. האָט איהר געהערט אַזעלכס? — קיינער קאָן זיי נישט זאָגען אַקוראַט, וואָס איז מיט זייער טאָכטער און וואו זי איז...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

וואו-זשע איז געווען בעטי?

## דאָס זעכציגסטע קאַפּיטעל

## ביים וואָלף אין די ציינער.

— אָט זענען מיר גע—קו—מען...

אַזוי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ניגון, אויסגעצויגן דאָס וואָרט „גע—קו—מען", דער נפש, וואָס מיט די טונקעלבלויעברילען און מיט די גראָבע תאוה׳דיגע ליפּען, צו בעטי שפּירא, נאָכדעם ווי ער האָט זי נאָך אַ לאַנגער געפּלאָנטערטער נסיעה איבער אַ סך גאַסן און געסלעך געבראַכט אַריינצופיהרען אין אַ האַלב-בעלויכטענעם חדר, פערשלאָסען די טיר פון אינוועניג און בעהאַלטען דעם שליסעל אין קעשענע.

מאָדנע אָפּגעפרעגט און פערדעכטיג איז איהר געווען אָט דאָס חדר... זי האָט פערשטאַנען, אַז זיי זענען געקומען ניט אַהין, וואוהין ער האָט איהר געזאָגט — און עס איז איהר פערשטאָרבען געוואָרען יעדער אבר...

אָפּגעפרעגט איז איהר געווען פון דער ערשטער מינוט, וואָס זי האָט דערזעהען, אַז זי זיצט אָט מיט דעם נפש אין קאַרעטע. נאָך מעהר אָפּגעפרעגט און פערדעכטיג איז איהר געוואָרען, אַז מע האָט אַרויסגעטראָגען אין מיטען וועג סיאָמקען און איבערגעזעצט אין אַן אַנדער קאַרעטע.

„וואוהין איז?" האָט זי אויסגעצויגען די הענד אין דער פינסטער. נאָך דער נפש מיט די טונקעלע ברילען האָט זי בערוהיגט, אַז אָט באַלד קומען זיי זיך צונויף אַלע אינאיינעם... און דערנאָך, אַז ביידע נאַדזיראַטעליעס, וואָס זענען געהאַט געזעסען אַקעגען אין קאַרעטע, זע-נען איינס נאָכ׳ן אַנדערע נעלם געוואָרען, זי ווייסט ניט ווי אַזוי, האָט זי געוואָלט מאַכען אַ גוואַלד, האָט ער זי ווידעראַמאָל בערוהיגט, געבעטען, זי זאָל אַרויס פון דער קאַרעטע, וואָרום זיי זענען שוין גע-

קומען אויפ׳ן אָרט, און האָט איהר אַריינגעפיהרט אָט אַהער און איז געבליבען מיט איהר אינצווייען אויג אויף אויג אינ׳ם דאָזיגען חדר.—
אָ! זי איז פערלוירען! פערלוירען!...

מאָדנע מורא׳דיגע שאָטענס, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, דראַפּען זיך און קלעטערן אויף די ווענד פון אונטען אַרויף, ציטערן און טאַנצען אויף דער סטעלי... וואוהין האָט מען זי געבראַכט? למאַי האָט זי זיך געלאָזט פיהרען? פאַרוואָס האָט זי נישט געשריגען?...
איצט איז פערפאַלען. זי איז פערלוירען! פערלוירען!...

פלוצים, ווי דורך אַ כשוף, ווערט בעלויכטען דאָס גאַנצע חדר פון אויבען ביז אַראָפּ און עס בעקומט אַנ׳אַנדער פנים. די שאָטענס, וואָס האָבען געקלעטערט אויף די ווענד און געטאַנצט אויף דער סטעלי, זענען אַנטלאָפען, און די ליכטיגקייט, וואָס איז אַריינגעטראָטען, איז געווען אַ שטאַרק־שרייענדיגע ליכטיגקייט.

„מיידעל, דו ביסט פערלוירען! דו ביסט פערלוירען!...״ האָט זיך איהר אויסגעוויזען שרייט איטליכס ווינקעלע פונ׳ם דאָזיגען ליכטיגען ברייטען חדר.

מיט איין קוק האָט זי אַרומגענומען דעם גאַנצען חדר, דאָס מעבעל, די טירען, די פענסטער, דעם טעלעפאָן וואָס אויף דער וואַנד...
„שרייען? אָדער נישט שרייען?״ — דאָס איז געווען איהר ערשטער געדאַנק.

דער צווייטער געדאַנק איהרער איז געווען: „נישט שרייען — עס וועט נישט העלפען״... זי האָט געזעהען, אַז עס וועט נישט העלפען, נאָר וועהרען וועט זי זיך. ווי אַזוי — ווייסט זי נאָך אַליין נישט. נאָר זי וועט זיך וועהרען...

איהר בליק פאַלט אויפ׳ן טיש. נאָר אויפ׳ן טיש איז נישטאָ גאָרנישט, מיט וואָס צו וועהרען זיך. סיידען אָט דער שרייב־קרעדענץ מיט די צוויי שווערע קרישטאָלענע טינטערס? „מיט איינעם פון די דאָזיגע צוויי טינטערס, אַז מע גיט איבערן קאָפּ, קאָן מען אויך פלעטען דעם מוח...״

— זיצט, — מאַכט ער צו איהר, טראָגט איהר אונטער אַ שטוהל צום טיש און אַליין זעצט ער זיך אויף אַוועק אַקעגען איהר, טוט אויס די טונקעלע בלויע ברילען, און זי דערקענט דעם קוק פון זיינע רויטליכע, האַלב־פערשלאָפענע אויגען אין יענער נאַכט פון דער „אָבלאַווע״ — און אַ קעלט נעמט דורך איהר לייב...

נאָר זי נעמט זיך אָן מיט האַרץ, זי וויל איהם ווייזען, אַז זי האָט קיין מורא נישט פאַר איהם. אָבער גאָר קיין מורא נישט, קיין קאַפּ אַפילו... און זי קוקט איהם גלייך אין די אויגען און פרעגט ביי איהם: וואו געפינט זי זיך? וואו איז איהר פאָטער? וואוהין האָט מען אַוועקגעפיהרט איהר ברודער? און וואו איז זייער קוואַרטיראַנט?... פאַר-וואָס זענען זיי ניט אַלע אינאיינעם?...

ער קוקט נישט גלייך אין די אויגען און ענטפערט איהר דערויף, אַז „זי זאָל זיין גאַנץ רוהיג — עס וועט זיי גאָרנישט געשעהען. מע וועט זיי נאָר אויספרעגען איינציגווייז יעדען בעזונדער דאָס, וואָס מען דאַרף, און דערנאָך וועט מען זעהען, ווער עס איז שולדיג, וועט מען איהם אָפּשיקען אַהין, וואו ער פערדיענט, און ווער ס'איז נישט שול-דיג, וועט מען איהם לאָזען פריי. נאָר דערווייל, איבער נאַכט, וועלען זיי אַלע מוזען האָבען געדולד, וועלען זיי אַלע איבערזיצען, יעדער בעזונדער, בכדי זיי זאָלען זיך נישט אויפרעדען..."

זיי זאָלען זיך נישט אויפרעדען? — נישט שוין-זשע איז דאָס נישט קיין חלום? נישט שוין-זשע איז דאָס ערנסט? ווער מען בעשולדיגט מען אין אַזאַ שרעקליכען פערברעכען? — נישט שוין-זשע איהר פאָטער, וואָס האָט קיינמאָל וואָלאָדקען אַפילו אין די אויגען נישט געזעהען? צי זיי אַלע ווערען בעשולדיגט אין וואָלאָדקיס טויט? אָט דאָס איז דער „ריטואַל-מאָרד", וואָס די גאַזעטען האָבען דערמיט אַזוי צו טון?... און זיי זענען דאָס די ריטואַל-מערדער?!... עס וואָלט געווען פון וואָס צו לאַכען, ווען ניט אָט דער סוביעקט, וואָס איז געבליבען מיט איהר אינצווייען אָט דאָ ביי געשלאָסענע טירען...

און דער „סוביעקט" נעמט אַרויס אַ זילבערנעם פּאַרטסיגאַר, פערדרייכערט אַ פּאַפּיראָס, חאַפּט אַ קוק אויף בעטין, זעהט, ווי זי ציטערט, בערוהיגט ער זי מיט ווערטער; ער וויל זיין מיט איהר עלע-גאַנט, נאָר עס קליידט איהם נישט צו זיין מגושמ'דיג בעוואַקסען פּנים; ער וויל זיך צושמייכלען, נאָר אַ שמייכעל קלעפּט זיך נישט מיט זיינע גראָבע תאוה'דיגע ליפּען; ער וויל רעדען וויין, נאָר זיין גראָב קול, וואָס געהט ווי פון אַ פאַס, האָט נישט אין זיך קיין איינציגען ווייכען טאָן. ער זאָגט צו איהר, אַז כל-זמן ער איז אין דערמיט, האָט זי נישט וואָס מורא צו האָבען... זי בעדאַרף וויסען, אַז נישט אָט דאָ וואָלט זי איצט געזעסען, ווען נישט ער... דאָס האָט זי איהם צו פערדאַנקען...

„איהר איז אַלץ איינס — זאָגט איהם בעטי פּלומרשט גאַנץ רוהיג, נאָר דאָס ציטערנדיגע קול גיט זי אַרויס מיט הענד און פיס — איהר איז אַלץ איינס, וואו זי זאָל נישט זיין ...” און מיט די אויגען גיט זי אַכטונג אויף יעדען ריהר, וואָס ער טוט. ער שטעהט אויף, גלייכט זיך אויס און זעצט זיך באַלד אַוועק צוריק, פּערציהט זיך מיט'ן פּאַ-פּיראָס און, נישט קוקענדיג אין די אויגען, ווי זיין שטייגער איז,-זאָגט ער צו איהר: „אָ, ניין! ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַזאַ ווי זי זאָל זיצען מיט אַלע אַרעסטאַנטען גלייך? ווי קאָן ער דאָס דערלאָזען, אַז אַזאַ... אַזאַ...”— עס פעהלען איהם אויס ווערטער... מן הצד האַפּט ער אַ קוק אויף איהר, טרייסעלט אָפּ מיט'ן מינדעסטען פינגער דאָס אַש פון'ם פּאַפּיראָס און מאָדנע קאָסע זעהט אויס דאָס מגושמ'דיגע פּנים זיינס און אַ מאָדנער קאַסאַקער שמייכעל שוועבט אויף זיינע גראָבע תאוה'-דיגע ליפּען... ער טוט אַ הוסט, רוקט זיך צו צו איהר אַ ביסעל נעהענטער און רעדט ווייטער:

„לאָז זי נישט מיינען, אַז נאָר דאָס קאָן ער פאַר איהר טון; דאָס איז אַ קליינינקייט. פאַר איהר איז ער גרייט צו טון אַ סך-אַ סך מעהר... דאָס, וואָס פאַר אַנ'אַנדערען וואָלט ער נישט טון פאַר קיין געלד אין דער וועלט!... ער בעריהמט זיך נישט פאַר איהר, נאָר ער זאָגט איהר דעם אמת, דעם ריינעם אמת... זי בעדאַרף וויסען, אַז אַלע פּעדים פון'ם דאָזיגען פערפּלאָנטערטען עסק זענען ביי איהם אין האַנד, און אַז ער קאָן צוליעב איהר צו יעדער צייט פערבינדען און אויפ-בינדען, פערקניפּען און אויפקניפּען, אַזוי אַז די גאַנצע „דיעלאָ” זאָל נעמען גאָר אַנ'אַנדער ווענדונג...”

און ער בעווייזט מיט דער האַנד, ווי אַזוי, אַז ער וויל, קאָן ער „פערבינדען און אויפבינדען, פערקניפּען און אויפקניפּען”, און רוקט זיך צו צו איהר נאָך נעהענטער...

שטאַרקער פון אייזען איז בעטי. זי פיהלט, אַז אָט-אָט שפּרינגט איהר אַרויס דאָס האַרץ און עס ווילט זיך איהר אָנרופען איהם מיט'ן אמת'ן נאָמען, וואָס ער פערדיענט, נאָר זי האַלט איין אין זיך דעם כעס און ווי ווייט מעגליך ווייך און געלאַסען, נאָר מיט גיפט, זאָגט זי צו איהם, אַז זי ווייס נישט מיט וועלכען אייגענטליך האָט זי ביי איהם פערדיענט, אַז ער זאָל צוליעב איהר לעגען אַזוי פיעל מיה, ווי עס זאָגט, צו פערבינדען און אויפבינדען, צו פערקניפּען און אויפקניפּען?...

„פשוט, ווייל ער איז פון איהר פער׳כשופ׳ט! פשוט, ווייל פון זינט ער האָט זי דערזעהען אין יענער נאַכט פון דער „אַבלאַווע״ — זי דאַרף עס געדענקען — לעבט ער נישט! ער זעהט זי אין חלום און אויף דער וואָהר... ער ווייס, אַז זי האָט פאַר איהם מורא... אַלע האָבען פאַר איהם מורא. מען האַסט איהם. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז אַלע האַסען איהם, ווייל ער איז אַ „שפּיק״, אַ סישטשיק״... גלייך ווי אַ „שפּיק״ האָט קיין נשמה נישט, גלייך ווי אַ „סישטשיק״ קאָן נישט ליעב האָבען ווי פערציג טויזענד ברידער...״

מיט׳ן פינגער קוועטשט ער צו דעם אויסגערויכערטען פּאַפּיראָס צום טיש און טוט זיך אַ ריהר, ווי ער וואָלט וועלען אויסקומען נאָך נעהענטער צום מיידעל, וואָס לאָזט פון איהם קיין אויג נישט אַראָפּ אויף קיין מינוט... מן הצד וואַרפט ער אויף איהר אַ קוק — און זייערע אויגען בעגעגענען זיך... דער גאַנצער צאָרן, מיט׳ן גאַנצען האַס, מיט׳ן גאַנצען עקעל, וויפיעל איהר האַרץ האָט פערמאָגט, האָט זיך אויסגע-גאָסען ביי איהר אינ׳ם דאָזיגען קוק... מיט פערביסענקייט פון אַ קאַץ, וואָס לויערט און מעסט אויס איהר שפרונג, האָט בעטי אָפּגעוואַרט און אויסגערעכענט, וואָס וועט זיין, טאָמער וואַרפט ער זיך אויף איהר? וואָס וועט זי טון? נאָר אפשר וועט נישט קומען דערצו? אפשר וועט זי קאָנען אָפּציהען די צייט מיט זייטיגע שמועסען און דערווייל וועט אַוועק די נאַכט און עס וועט ווערען טאָג?... און זי פערוואַרפט איהם מיט ווערטער, איינס נאָכ׳ן אַנדערע: ער זאָל איהר זאָגען, ערשטענס, וואָס פאַר אַ „דיעלאָ״ איז דאָס, וואָס ער זאָגט, אַז אַלע פעדים זענען ביי איהם אין האַנד?... און, צווייטענס, וויבאַלד אַז ער איז איהר יאָ אַזוי געטריי און איבערגעבען, ווי ער זאָגט, וואָלט ער אפשר זיין אַזוי פריינדליך און אויפקלערען איהר, ווי אַזוי קאָן ער דאָס מאַ-כען, אַז די גאַנצע „דיעלאָ״ זאָל נעמען אַן׳אַנדער ווענדונג?...

„אָ! לאָז זי איהם גאָר נישט פרעגען בעסער — די „דיעלאָ״ איז זעהר אַ מיאוסע „דיעלאָ״... שמעקט מיט סיביר און אפשר נאָך ווייטער פון סיביר... פאַר איהר און פאַר איהר פאָטער און פאַר זיי אַלעמען... נאָר זאָל זי זיך פערלאָזען אויף איהם... ער וועט שוין זעהען געבען דאָס רעדעל אַ דרעה ווי מע בעדאַרף... אַבי זי זאָל איהם נאָר הייסען...״

ער שטעהט אויף פון אָרט. בעטי שטעהט אויך אויף פון איהר אָרט. ער געהט צו צו איהר נאָהענט, פערלעגט די הענד אַהינטער,

פערקוקט איהר אין די אויגען אַריין פון אונטען אַרויף מיט זיין קאַ-סאָקע שמייכעל. בעטי לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון איהם: „וואָס הייסט, זי זאָל איהם הייסען? וואָס איז זי איהם פאַר אַ הייסערין?...“ אַזוי זאָגט צו איהם בעטי און וויל אָפּטרעטען איין שריט פון איהם ווייטער. נאָר איידער זי טוט זיך אַ ריהר — איז זי שוין ביי איהם אין די הענד....

* *

*

וואו נעמט מען ווערטער און פאַרב אויף איבערצוגעבען דאָס, וואָס אונזער העלדין האָט איבערגעלעבט אין דער מינוט, אַז זי האָט דערפיהלט, אַז זי איז אין די הענד פונ'ם דאָזיגען מענשען? נישט קיין הענד, האָט זי דערפיהלט, האַלטען זי, נאָר אַייזענס, און נישט אין איהר כח איז אַרויסצורייסען זיך פון די דאָזיגע אַייזענס. נישט קיין פּנים פון אַ מענשען האָט זי איצט געזעהען פאַר זיך, נאָר אַ פּרצוף פון אַ חיה... זי האָט פערשטאַנען, אַז נישט פון דעם איז צו ערוואַר-טען יושר, רחמנות אָדער אַנדערע מענשליכע געפיהלען. נישט איהם וועט זיך העלפען בעטען. נישט איצט וועט זיך העלפען רעדען. נישט דאָ וועט זיך העלפען שרייען... דאָס האָט זי אַרויסגעזעהען בעשיינ-פערליך פון דער ערשטער מינוט אָן. דאָס האָט זי פערשטאַנען מיט'ן קאָפּ און געפיהלט מיט אַלע איהרע אברים... זי האָט אָבער געוואוסט נאָך אַ זאַך. זי האָט געוואוסט, אַז אַ מענש קעגען אַ מענשען, איינס אויף איינס, קאָן זיך וועהרען... פלוצים — וואָס איז גע-שעהען? די ערד האָט זיך געעפענט ביי זיי אונטער די פיס און וויל זיי איינשלינגען? די סטעלי האָט זיך צושפּאַלטען און אָט באַלד נעמט זיך זי פונאַנדער אויף צווייען און צופאַלט אינאיינעם מיט די ווענט? אָדער אַ נס איז געשעהען: מענשען האָבען זיך דערוואוסט, אַז דאָ, צווי-שען די פיער ווענט, ראַנגעלט זיך אַ יונגע נשמה אין די אומריינע הענד פון אַנ'אומריינעם מענשען מיט אומריינע געדאַנקען, זענען זיי געקומען צו לויפען איהר צו הילף, כל-זמן עס איז נאָך צייט און מע קאָן זי נאָך אַרויסרייסען פון די דאָזיגע אומריינע הענד?...

ניין. נישט די ערד האָט זיך געעפענט, נישט די סטעלי האָט זיך געשפּאַלטען, נישט מענשען זענען זיך צונויפגעלאָפען — קיין נסים געשעהען נישט, קיין העלדען זענען נישט פאַרהאַן... פון וואַנען-זשע

איז דער רעש מיט'ן קלינגען, וואָס איהר האָט זיך דערהערט? — דאָס האָט מען אָנגעקלונגען אינ'ם טעלעפאָן וואָס אויף דער וואַנד. לאַנג און שטאַרק האָט מען געקלונגען, און דער קלאַנג, וואָס האָט דורכגע-ריסען די שטילקייט פון דער נאַכט, האָט ווי גערופען צו הילף, און דאָס רעדעל, וואָס האָט זיך גערדעהט אין טעלעפאָן, האָט געשריגען אויף אַ מענשליך קול, זי מעג שווערען, אַז זי האָט געהערט קלאָרע ווערטער: „גיכער-גיכער! גיכער-גיכער!" און אפשר האָט זיך עס איהר נאָר אויסגעוויזען אַזוי? אפשר האָבען עס איהר געזאָגט איהרע שוין צו-שטאַרק אָנגעצויגענע נערווען? יעדענפאַלס האָט זי דערפיהלט, ווי די אַייזערנע הענד, וואָס האָבען זי אַזוי שטאַרק געהאַלטען, האָבען ווי פון זיך אַליין צונומען זיך און אָפּגעלאָזט זי איין שפּרונג — און ער איז ביי דער וואַנט, האַלט דאָס טרייבעל פונ'ם טעלעפאָן ביים אויער:

— ווער איז ביים טעלעפאָן?.... האַ? יאָ!... דאָס בין איך... איך... איך פאָהר! די מינוט! די רגע!...

דער מענש האָט זיך אין איין מינוט אויסגעניכטערט, איבערגע-ביטען און בעקומען מיט אַמאָל אַן אַנדער פנים, זי געלאָזט צורוה און געאַיילט זיך וואָס גיכער: „אין אוטשאַסטאָק! אין אוטשאַסטאָק!"...

נישט שוין-זשע איז געשעהען אַ נס און זי איז געראַטעוועט? ווער איז דאָס געווען ביים טעלעפאָן? וואָס איז געשעהען? — דאָס האָט בעטי נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסען. זי האָט גע-וואוסט נאָר איינס:

אַ ז ז י א י ז ג ע ר אַ ט ע וו ע ט.

## דאָס איינאונזעכציגסטע קאַפּיטעל.

## העליאָטראָפּ און יאָדאָפאָרם.

אַ נייע נשמה איז געקומען אין בעטין, אַז זי האָט דערזעהען, אַז דער נפש מיט די בלויע ברילען און תאוה'דיגע ליפּען איז נישטאָ געבען איהר. איצט מעג זיך זיין וואָס עס וויל זיך. איצט לאָז מען זי פיהרען וואוהין זיי ווילען, אַבי יענער מענש איז נישט דערביי...

דאָס איז אמת, אַז דאָס חדר, וואוהין מע האָט זי אַריינגעפיהרט און בעזעצט איינע אַליין, איז געווען עפּעס נישט אַזוי פויגעלדיג. עפּעס האָט דאָרט געשמעקט מיט זויערס און מיט שימעל; אַראָפּ אויף טרעפּ האָט מען זיך בעדאַרפט אַראָפּלאָזען; ווי אַ מין קעלער האָט דאָס אויסגעזעהען. עס איז געשטאַנען אַ גרוי רויכיג האַלב-פינסטערניש. דאָס קליינע לעמפּעלע, וואָס האָט געלייכט פון יענער זייט, איבער דער טיר, האָט קוים-קוים אַריינגעשטראַהלט אַהער דורך אַ קליין פענסטערל און בעוויזען, אַז אויסער לאַנגע שמאָלע הילצערנע בענק האַרט ביי די ווענט איז דאָ נישט פאַרהאַן קיין שום אַנדער מעבעל. פון שלאָפען איז גאָר קיין רייד ניט געווען. עס זאָל אפילו זיין וואו, וואָלט זי אויך נישט געלעגט זיך שלאָפען. זי איז געווען גליקליך, וואָס מע האָט זי דאָ איבערגעלאָזט איינע אַליין, און איז געזעסען, ווי מען זיצט אויף דער וואַך, און נאָר אַרויסגעקוקט, ס'זאָל שוין ווערען טאָג — דאָס איז געווען איהר איינציגער וואונש — און צוגעהערט זיך צו יעדען שאָרך. אַ מייזעל איז דורכגעלאָפען פאַרביי, אַ ווינטעל האָט אַ בלאָז געגעבען אין דרויסען — איז זי שוין געווען גרייט, אַז דאָס געהט מען נאָך איהר, און איז שוין געווען אויף די פיס, און איז געוואָרען שטיל — האָט זי זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איהר אָרט און

ווידער געגומען זיך צוהערען אין דער שטילקייט פון דער דאָזיגער נאַכט.

מיט אַמאָל האָט זי איבערראַשט אַ טומעל פון אַ סך קולות פון אַ סך מענשען און אַ טופּען פון אַ סך פיס, און אַ מאָדנער הייזעריגער קוויטש פון אַ פרויענשטימע האָט זיי איבערגעשריגען אַלעמען און געשאָלטען מיט אַזעלכע קללות און געשאָטען מיט אַזעלכע געקליבענע ווערטער, וואָס בעטי האָט נאָך ביז אַהער אַזעלכע זיכער נישט געהערט. די קולות פון די מענשען, דאָס טופּען פון די פיס און דער קוויטש פון דער פרויענשטימע ווערען אַלע מאָל נעהענטער און נעהענטער און קויקלען זיך ווי פון אויבען אַראָפּ, און אָט זענען זיי שוין גאָר נאָהענט. עס האָט זיך געעפענט די טיר פון׳ם חדר, וואו בעטי איז געזעסען, און עטליכע פּאָר מאַנסבילישע הענד האָבען מיט גוואַלד אַריינגעוואָרפען אַ מענשען אינ׳ם געשטאַלט פון אַ נקבה, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קוויטשען און צו שעלטען זיך מיט מאַנסבילישע קללות אין דער מאַמען אַריין...

די טיר האָט זיך פערמאַכט און צוגעשלאָסען פון יענער זייט און די אַריינגעוואָרפענע נקבה איז געלעגען אַ ווײַלע אויף דער ערד אָנגעלעהנט אויף אַ נאַקעטען עלענבויגען און אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטען. דערזעהען, אַז זי איז ניט אַליין, האָט זי זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, פּאַוואָלינקע און שאָקלענדיג זיך צוגעגאַנגען צו בעטין און גוט אַיינגעקוקט זיך אין איהר פּנים. בעטי פון איהר זייט האָט זיך אויך גענומען אַיינקוקען אין איהר פּנים, און אויף וויפיעל ס׳איז נאָר מעגליך געווען ביי אַזאַ בעלייכטונג, האָט זי דערזעהען פאַר זיך אַ נקבה מיט שטאַרק אָנגעפּאַרבטע באַקען, מיט שיטערע נאָר שטאַרק אָנגעשמירטע געגרייזעלטע האָר אונטער אַ קלאָגעדיג צוקנייטשט און צופלאָכטען היטעלע, וואָס האָט פערשטעלט אַ נידריגען פרישטשעוואַטען שטערן, פון וואַנען עס האָבען אַרויסגעקוקט קליינע בלויזליכע אויגלעך מיט שיטערע קרענקליכע ברעמען. אַ האַרטער קאָרסעט האָט אַרויסגעסטאַרטשעט הויך פון פאָרענט און אַרויסבעוויזען שיטערע מיט וואַטען אונטערגעבעטע בריסט. דאָס אַלעס מיט איהר הייזעריגליכען קול און מיט׳ן הייזעריגען געלעכטער האָבען עדות געזאָגט, אַז די נקבה איז נישט פון די איבריג געזונטע... נישט דאָס אָבער האָט אונזער בעטין אַזוי איבעררעשט, ווי דער בוקעט, וואָס האָט זיך געלאָזט הערען פון דער דאָזיגער דאַמע. דאָס איז געווען אַ געמישטער

ריח פון העליאָטראָפּ-פּאַרפומען און פון יאָדאָפאָרם. עס איז שווער גע-
וועו צו חאַפּען, וועלכער פון דיביידע ריחות איז דאָ שטאַרקער.
אַמאָל האָבען גובר געווען די פּאַרפומען און אַמאָל — דער יאָדאָ-
פאָרם...

בעטראַכט בעטין פון קאָפּ ביז די פיס, האָט זיך די שמעקענ-
דיגע דאַמע אָנגערופען צו איהר גאָר פריינדליך:

— וואָס, טייבעלע? אויך פון דער „גאָס"?..

און נישט וואַרטענדיג אויף ענטפער, האָט זי זיך פערגאַנגען אין
אַ הייזעריגען געלעכטער, וואָס האָט זיך געענדיגט ביי איהר מיט אַ
קוויטש. אויסגעשפּיגען און אויסגעשאָלטען זיך מאַנסבילש אין דער מאַ-
מען אַריין, האָט זי אַ פרעג געגעבען ביי בעטין, צי האָט זי נישט ביי
זיך אַ פּאַפּיראָסעל? ניין, בעטי האָט נישט קיין פּאַפּיראָסעל. זי רויכערט
ניט. די שמעקעדיגע דאַמע צולאַכט זיך אויף איהר הייזעריגען געלעכ-
טער: אַ שענע מעשה! וואָס איז זי פאַר אַ „גאָסענמיידעל", וואָס רוי-
כערט ניט?... און זי זעצט זיך צו אויף דער באַנק נעבען בעטין און
קלאָגט זיך פאַר איהר, ווי פאַר אַ שוועסטער, אַז זי קאָן זיך בעגעהן
אָהן ברויט און אָהן שלאָפען און אפילו אָהן בראָנפען; נאָר אָהן אַ
פּאַפּיראָסעל — דאָס פאַר קיין געלד! נאָר אפשר מיינט זי, אַז זי האָט
נישט קיין פּאַפּיראָסען? — האָט זי אַ טעות. אַזוי פיעל פרישטשעס זיי
אויף דער צונג, וויפיעל פּאַפּיראָסען זי האָט ביי זיך אין רידיקול. האָט
מען אָבער צוגענומען ביי איהר דעם רידיקול, אָט די שדים, נעמען
זאָל זיי ביי דעם בויך.

די ברכה ענדיגט זיך ביי איהר, ווי געוועהנליך, מיט דער מאַנס-
בילשער קללה און זי פערגעהט זיך אין אַ הייזעריגען געלעכטער. דער-
נאָך איז זי מיט אַמאָל געוואָרען ערנסט און אַוועקגעשטעלט איהר
אָנגעשמירט פנים אויף בעטין:

— שוין לאַנג, טייבעלע, אינ'ם דאָזיגען ברויט?... און נישט
וואַרטענדיג אויף ענטפער, ווי איהר שטייגער איז, הויבט זי אָן רע-
דען פון זיך, אַז זי איז שוין לאַנג אין דעם ברויט, פון זעכצעהן
יאָהר אָן... זי איז נאָך קיין זעכצעהן יאָהר נישט אַלט געווען אפילו...
אויב זי וויל, וועט זי איהר דערצעהלען, ווי אַזוי זי איז געקומען
דערצו.

און נישט וואַרטענדיג אויף ענטפער, ווי איהר שטייגער איז,

דערצעהלט זי בעטין, ווי אַזוי זי איז געקומען דערצו — אַ לאַנגע געשיכטע.

דאָס איז געווען אַ געשיכטע אַ געוועהנליכע, איינע פון יענע אַל-טעגליכע געשיכטעס, וואָס ווערען איבערגעחזר'ט אין לעבען אויף טוי-זענדער און טויזענדערליי וואַריאַציעס און פילען אָן די וועלט מיט טויזענדער און טויזענדער קרבנות, אומגליקליכע קרענקליכע נפשות, פערקריפּעלטע, צוטריטענע, פערלוירענע נשמות...

דאָס איז געווען אַ געשיכטע, אָדער בעסער געזאָגט, אַ גאַנצע מגילה פון געשיכטעס, אַ לאַנגע קייט פון צרות, רדיפות, אינטריגעס, מסירות, הינטערפּיסלעך און רשעות! אַ ים, אַ וועלט מיט רשעות! און דערצעהלט האָט זי דאָס אַלעס אין אַזאַ וואולגאַרען הפקר-טאָן, אי-בערגעשאָטען מיט אַזעלכע פּיקאַנטנע קללות און מיט אַזוי פיעל צי-גישע ווערטער, נבול-פה, וואָס אַנ'אַנדערע אויף בעטיס אָרט וואָלט זיכער פערברענט געוואָרען פאַר בושה און פערשטעלט זיך די אויערן, זי זאָל נישט הערען. מיין העלדין איז אָבער נישט פון די מיידלעך, וואָס מיינען, אָדער זיי ווילען, אַז יענער זאָל מיינען, אַז זיי ווייסען נישט פון קיין זאַך, און בעקומען דעריבער פאַרב אין פּנים, אַז זיי דערהערען אַזעלכע ווערטער, וואָס ווערען גערעדט נאָר צווי-שען מאַנסבילען... בעטי, וואָס איז אַליין אויך נישט אויסגעוואַקסען צווישען מלאכים, האָט געוויס אין איהר גאַנצען לעבען נישט געהערט קיין הונדערט-חלק פון די מענשליכע רשעות, שלעכטיגקייט און בייז-וויליגקייט, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט אין איין נאַכט פון אָט דער דאָזיגער פערלוירענער הפקר-פּרוי, וועלכע האָט זיך נישט בעקלאָגט, נאָר גלאַט איבערגעגעבען מיט אַלע תּגין און מיט אַלע פּישטשעווקעס אַלסדינג, וואָס זי האָט איבערגעטראָגען און טראָגט איבער נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג פון די „רוחות און שדים" (מיט דעם נאָמען הייסט ביי איהר יעדע בעשעפעניש, וואָס טראָגט אַ באָרד), וועלכע יאָגען זי און פּלאָגען זי, לאָזען איהר די גאַס נישט דורכגעהן... וואָס האָבען זיי צו איהר — ווייסט זי אַליין נישט... אַזאַ רציחה איז דען געהערט געוואָרען אין דער וועלט? טויזענדער גנבים, גזלנים און באַנדיטען געהען אַרום פראַנק און פריי... זי אַליין ווייס פון אַ חברה „בלאַט-ניקעס", „חאַפּיסניקעס" און „מאַרוויכירעס", וואָס האָבען נישט לאַנג דערשטיקט אַ יונגעל פון אַ יאָהר דרייצעהן, מורא געהאַט, ער זאָל נישט אַרויסגעבען זייערע גנבישע סודות — עמיצער זאָל זיך עס אַרום-

קוקען, עמיצער זאָל עס אפילו געבען אַ פּיפּס. און אַז אַנ׳אָרימע מויד האָט זיך אַרויסגעהאַפּט אויף דער גאַס, טאָמער וועט זי עפּעס פערדיענען, זי וויל פרעסען — אַהאַ, איז זי שוין ביי זיי גרויס אין די אויגען!...

אַזוי הערט נישט אויף די דאָזיגע אומגליקליכע צו בעקלאָגען זיך אויף איהר וויסט מזל און אויף די אומגערעכטיגקייט פון די מענשען. און פערשטעהט זיך, אַז דערביי ווערט נישט פערגעסען אַ ברכה אויף זייער מאַמעס קאָפּ, אַזוי אַז איטליכער פון די „שדים און רוחות“, גנבים, גזלנים און באַנדיטען, בעקומען פון איהר יעדער זיין חלק...

נאָר מעהר פון אַלע האָט די דאָזיגע פערלוירענע און צוהיצטע געפּייערט אויף איינעם אַ יונגענמאַן מיט׳ן נאָמען מאַקאַר זשערעבטשיק. דעם דאָזיגען נאָמען האָט זי דערמאַנט אַ מאָל צוואַנציג, אויב נישט מעהר. מאַקאַר זשערעבטשיק — דאָס איז דער העלד פון איהר ראָמאַן. דאָס איז איהר געליעבטער, צוליעב װעלכען זי האָט זיך מפקיר געװוען, צוליעב װעלכען זי האָט זיך פערקױפט אין גאַס, בכדי ער זאָל האָבען אויף וואָס צו הוליען מיט אויסגעלאָזענע מיידלעך — אַ תּכירע זאָל אויף איהם קומען מיט זיי אינאיינעם!... פונדעסטוועגען וואָלט זי איהם מוחל געווען, האַפּט איהם דער רוח, לאָז ער זיך אַרומשלעפּען מיט אויסגעלאָזענע מוידען וויפיעל ער וויל! וואָס האָט ער אָבער צו שלאָגען בלאַט מיט פרעמדע ווייבער? און נאָך וואָסערע ווייבער! — וואָס זייערע מענער פערנעהמען זיך מיט גנבה, גזלה און עקספּראָפּריאַציעס! ער מיינט, אַז עס וועט איהם אָפּלויפען גלאַט אָט דאָס, וואָס ער האָט צוליעב זיי דערשטיקט אַ יונגעל און צושטאָכען איהם דאָס לייב, געמאַכט ווי אַ רעשעטע... לאָז ער נאָר פּרובען ווידער אַרומשלעפּען זיך מיט פרעמדע ווייבער, וועט זי זיך מיט איהם אָפּרעכענען! נישקשה, זי האָט אויף איהם און אויף זיי אַלע אַ רעכטע בייטש: ביי איהר ליגט נאָך דאָס רענצעל פונ׳ם דערשטיקטען יונגעל...

בעטי האָט מעהר געטראַכט פון דער דאָזיגער פערלוירענער, ווי געהערט איהרע מעשיות. זי האָט געטראַכט וועגען לעבען פון דער דאָזיגער אומגליקליכער, וואָס האָט פאַר איהר אַליין קיין ווערט, וועגען איהר גרעסטען וואונש, וואָס בעניגענט זיך מיט אַ פּאַפּיראָסעל, און וועגען די בלוטיגע געשיכטעס, וואָס זי דערצעהלט מיט אַזאַ קאַלטבלוטיגקייט. נאָר וואָס ווייטער האָט זי זיך גענומען אַלץ מעהר צוהאָר-

כען צו דער שרעקליכער געשיכטע מיט׳ן דערשטיקטען יונגעל, וואס האט אין זיך א סך איינליכקייט מיט דער געשיכטע פונ׳ם גע׳הרג׳ע־טען קיריליכעס זוהנדעל... דא א שטיפקינד ביי זיין פאטער און דארט א שטיפקינד ביי זיין פאטער. דא איז דער שטיפפאטער א שכור און האנדעלט מיט גנבישע זאכען און דארט איז דער שטיפפאטער א שכור און האנדעלט מיט גנבישע זאכען... און עס ווילט זיך איהר זעהר א פרעג געבען ביי דער דאזיגער פערלוירענער, ווי אזוי האט מען געראפען דעם דערשטיקטען יונגעל?... נאר אזוי ווי זי האט נאך מיט איהר דורך דער גאנצער נאכט קיין איינציג ווארט גערעדט, ווייסט זי נישט, ווי אזוי זי זאל מיט איהר אריין אין א שמועס. ובפרט, אז יענע ווערט נישט אנשוויגען אויף קיין מינוט, דאס מויל מאכט זיך איהר נישט צו. און אזוי קייטעלט זיך ביי איהר איינס מיט׳ן אנדערען, אלע מאל אנ׳אנדער געשיכטע, איינע שרעקליכער און העסליכער פון דער אנדערער... בעטי האט זיך גאר נישט ארומגעזעהען וואו די נאכט איז אהינגעקומען — ביז עס האט זיך דערהערט א קלונג פון שליסלען און א סקריפ פון דער טיר, וואס האט זיך מיט אמאל ברייט אויפגע־עפענט און א העלער פאס פון טאג־ליכטיגקייט האט זיך ווי מיט גוואלד אריינגעריסען פונ׳ם קיהלען איינדרויסען אהער אין דער דאזיגער גרוב, און דא האט די שמעקעדיגע פרוי צום ערשטען מאל ערשט דערזע־העו ווי עס געהער צו זיין דאס מיידעל, מיט וועלכער זי האט פער־בראכט כמעט א גאנצע נאכט און פאר וועלכער זי האט אויסדערצעהלט איינגאנצען איהר הארץ — און זי איז איבערראשט געווארען: אזוי יונג, אזוי שען און אזוי פריש — אזעלכס האט זי נאך קיינמאל אויף דער „גאס" נישט בעגעגענט!... און נאך מעהר איבערראשט איז זי געווא־רען, אז זי האט דערהערט אט דאס מיידעל רעדען מיט דער פא־ליציע.

בעטי, אז זי האט דערזעהען דעם אריינגעקומענעם נאדזיראטעל און דערהערט, אז מען הייסט איהר געהן מיט איהם, האט זי זיך אוועקגעשטעלט און האט געזאגט גאנץ פעסט, אז מיט איהם איינעם אליין וועט זי נישט געהן פון דאנען, דער טויט זאל איהר זיין!

יענער האט דאס תחלת נישט געקאנט פערשטעהן, אייגענטליך, וואס דאס הייסט, האט איהם בעטי קלאר געמאכט, אז אויב ער וויל, זי זאל געהן פון דאנען, זאל ער ארויסרופען אהערצו נאך איינעם, אנישט וועט זי זיך נישט ריהרען פונ׳ם ארט — סיידען מיט גוואלד...

— בראַוואָ! אָט דאָס הייסט אַ מויד! אַ מאָלאָדיעץ אַ מויד! — האָט זיך אָנגערופען די שמעקעדיגע נקבה און פערגאַנגען זיך אויף איהר הייזעריגען געלעכטער, — אָט אַזוי דאַרף מען מיט זיי האַנדלען, מיט די זשוליקעס! בראַוואָ!...

און אַז בעטי איז געווען אין דרויסען און געזעסען מיט צוויי נאַדזיראַטעליעס אויף דער דראָזשקע, האָט זיך איהר נאָך אַלץ אויס-געדאַכט, אַז זי הערט דעם געמישטען ריח פון העליאָטראָפּ מיט יאָדאָ-פאָרם, וואָס האָט זי נישט אָפּגעלאָזט דערנאָך דעם גאַנצען טאָג.

## דאָס צוויאונזעכציגסטע קאַפּיטעל.

## די בערזע קאָכט ווי אַ גיהנם.

מיט דער גיכקייט פון אַ בליץ האָבען די טעלעגראַפען-דראָטען צוטראָגען איבער אַלע עקען פון דער וועלט די איבערראַשענדע ידיעה, אַז „ענדליך האָט זיך אײַנגעגעבען צו געפינען דעם מערדער פון׳ם געהרג׳עטען קריסטליכען יונגעל וולאַדימיר שטיגירינסקי און אַז דער מערדער איז אַ יוד, נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, וואָס שטודירט אויף דאַנטיסט״...

„דער פערברעכער — איז געשטאַנען ווייטער אין דער ידיעה — האָט זיך דערווייל נאָך נישט מודה געווען און זיינע חברים האָט ער דערווייל נאָך נישט אַרויסגעגעבען, נאָר אַלע סימנים זענען קעגען איהם און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז ער האָט געהאַט צו זיך מינדעס-טענס נאָך דריי מיטהעלפער און אַז דער פערברעכען איז בעגאַנגען געוואָרען צוליעב אַ רעליגיעזען צוועק״...

דאָס איז געווען די ערשטע באָמבע, די ערשטע טעלעגראַפישע ידיעה אין קורצען, וואָס די בלעטער פון׳ם געוויסען מין האָבען דאָס אויפגעחאַפּט, צושמירט, צולעגט אויף טעלערלעך און געמאַכט דערפון אַ גאַנצען צימעס.

יודען פון דער גאַנצער וועלט, אָנגעלערנט און געוואוינט גע-וואָרען צו דעם בלבול נאָך פון פאַרצייטען, האָבען זיך כלומרשט אויסגעלאַכט דערפון, געמאַכט חוזק פון דעם גאַנצען ענין, געזאָגט ווערטלעך, אַז דאָס „האָבען גאַזעטען אויסגעטראַכט צוליעב פּרנסה״, נאָר אינוועניג אין האַרצען האָט עס פערדראָסען: „טאָמער איז קאַרג, נאָט אייך אַ רעשטעל צו די צרות!״...

נאָר אויב ביי די יודען פון דער גאַנצער וועלט האָט זיך נאָך

געקאָנט געפינען אַ ווערטעל, זענען אָבער די יודען פון דער שטאָדט, וואו מען האָט געפונען דעם פערברעכער, אומגעגאַנגען ווי צוטומעלט, פער׳חשכ׳ט פון בזיון און מיט אַ פערבאָרגענעם פחד אין האַרצען... און מעהר ווי אומעדום האָט זיך דאָס אָפּגערופען אויף דער דאָרטיגער בערזע. די בערזע האָט דערמיט געוויגט זיך, געקאָכט ווי אַ קעסעל, ווי דער גיהנם.

דער זייטיגער מענש, וואָס איז ווינציג בעקאַנט מיט דער בערזע און מיט איהרע טוערס, אַז ער געהט דורך פאַרביי דעם דאָזיגען פּלאַץ און דערזעהט די חאַליאַסטרע מעקלערס, ווי זיי קאָכען זיך, און די היציגע ספּעקולאַנטען און סוחרים, ווי זיי זיצען מיט פער׳דאגה׳טע פּנים׳ער אַרום די ווייסע טישלעך, פערטיעפט אין אַ שמועס, מאָלט זיך איהם אויס, אַז די דאָזיגע אַלע מענשען האָבען נישט אין זינען קיין זאַך און רעדען ניט פון קיין זאַך אויסער געלד און אויסער וועקסעלעך און אויסער אַקציעס, קורסען פון פּאַפּירען, מקחים פון צוקער, זאַמד און ראַפּינאַד, „האָס" און „בעס" און „סטעללאַזש" און נאָך אַזעלכע זאַכען, און ווייטער מעג זיך איבערקעהרען די גאַנצע וועלט, איז נישט זייער עסק.

אַ טעות, אַ גרויסער טעות! מעהר ווי דריי חלקים צייט געהט דאָ אַוועק אויף נייעס. זאָל פּאַסירען אויף דער וועלט, אָדער אין שטאָדט עפּעס אַ נייס — מעג עס זיין אַ מפּלה פון אַ גאַנצער עסקאַדרע ביי צוסימאַ, אָדער אַ גבירישע חתונה; מעג עס זיין אַ גרויסער פּאָגראָם אין שעדליץ, אָדער אַ קליינער אָנזעץ אין שטאָדט; מעג עס זיין די גרעסטע ערדציטערניש אין מעסינאַ, אָדער אַ פלאַטשיגע חכמה, וואָס דער שטאָדט-מיליאָנער, דער קעניג פון דער בערזע, האָט געזאָגט וועגען זיין קעפּסוויייב, — די דאָזיגע אַלע נייעסן קומען אָן קודם-כל אַהער אויף דער בערזע. דאָ ווערט יעדע זאַך איבערגע׳חזר׳ט און אויסגעטייטשט און איבערגעוועגען און אָפּגעשאַצט פּינקטליך נאָכ׳ן ווערט. און ווייל די וועלט איז גרויס און נייס קומט פּאָר כמעט יעדע שעה, דעריבער איז נישטאָ דער טאָג, וואָס די בערזע זאָל נישט קאָכען זיך, ניט האָבען איהר העלד, איהר „העלד פון טאָג".

איצטיגס מאָל איז דער העלד פון טאָג געווען דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש. אויף דער בערזע האָט מען קיין אַנדער נאָמען נישט געהערט, נאָר דעם נאָמען ראַבינאָוויטש. וואו צוויי, איז ער געווען אַ דריטער: „ראַבינאָוויטש!... ראַבינאָוויטש!... וועלכער ראַבינאָוויטש?...

פון וואָסערע ראַבינאָוויטשעס?..." דער האָט געמיינט, אַז ער איז אודאי פון די אָדעסער ראַבינאָוויטשעס; און דער האָט געמיינט, אַז פון די קרעמענטשוגער; און דער האָט געדרונגען, אַז נישט פון די אָדעסער און נישט פון די קרעמענטשוגער, נאָר דוקא אַ באָברויסקער פון באָ-ברויסק, אַ ליטוואַק הייסט עס. האָט זיך אָבער געפונען נאָך איינער, וואָס האָט אַ זאָג געגעבען, אַז ער ווייס איינעם אַ מעקלער מיט'ן נאָ-מען קאַץ, וועלכער זאָגט, אַז ער קען זיך מיט דעם דאַנטיסט ראַבי-נאָוויטשען „ליטשנע". אַלזאָ גיט נאָר אַהערצו אָט דעם קאַץ!

קאַץ איז אַ מעקלער נישט פון די געהויבענע. איינער פון די, וואָס רייבען זיך אַרום די גרעסערע מעקלערס, מעקלערן צווישען איין מעקלער מיט'ן אַנדערען און, ווי די פויגעלעך, חאַפּען זיי אונ-טער די ברעקעלעך, וואָס פאַלען אַראָפּ פון די שור-הבר'ס מיט די לויתנ'ס פון דער בערזע... מעהרסטענטייל זעהט איהר זיי שפּאַצירען אַרום אין דרויסען; ביי דער בערזע, און זעלטען, זעהר זעלטען טרעפט איהר זיי אין אַ בערזען-קאַפע ביי די ווייסע טישלעך, וואוהין זיי חאַ-פּען זיך אַריין נאָר אונטער אַ נויט, באין ברירה, ווען דאָס קנעפּעל, וואָס שטעהט אין דרויסען אויף דער וואַך, האָט אויף זיי געוואָרפען אַנ'אויג און מבטיח געווען, אַז טאָמער הערען זיי נישט אויף אַרומ-צודרעהען זיך אויפ'ן טראָטואַר, אַזוי פיהרט ער זיי אָפּ — זיי ווייסען שוין וואוהין... אַליין איז אָט דער קאַץ אַ קליינינטשקער, מיט קורציג-קע פיסעלעך, און דערפאַר רופט מען איהם דאָ נישט קאַץ, נאָר קעצעלע.

— זאָגט נאָר, קעצעלע, ס'איז אמת, וואָס מע זאָגט, אַז איהר קענט זיך מיט דעם דאַנטיסט, מיט דעם ראַבינאָוויטשען „ליטשנע"?

— נאָך אַ מין קענען! נאָך אַ מין „ליטשנע"! — זאָגט קעצעלע און איז צופרידען, וואָס גרויסע מעקלערס רעדען מיט איהם ווי מיט זייער גלייכען, גאָר זאַ פּאַניבראַטאַ. מען בעט איהם גאָר זיצען.

— וואָס וועט איהר טרינקען? טיי אָדער קאַווע?

— לאָז זיין טיי, לאָז זיין קאַווע, — זאָגט קעצעלע און זעצט זיך אַוועק גאַנץ ברייטליך, גלעט זיך אויס כלומרשט דאָס בערדעל מיט די וואָנסעס און לאָזט אַרויס אַ קליין הוסטעלע.

ער איז אויפ'ן זיבעטען הימעל. ער פיהלט, אַז איצט, אין דער מינוט, איז דער העלד פון טאָג אָט דאָ ער, קאַץ.

— זאָגט-זשע נאָר, פּאַני קאַץ (אויף אַ מינוט ווערט ער אויס

קעצעלע, נאָר קאַץ), שוין עפּעס לאַנג, אַז איהר קענט זיך מיט דעם דאָזיגען דאַנטיסט, מיט דעם ראַבינאָוויטשען? ווער איז ער? פון וואַנען איז ער? טרינקט, פאַרוואָס טרינקט איהר נישט?

— האָט צייט! אַלסדינג אויף אַמאָל? — זאָגט קאַץ און וואַרפט אַריין אַלע פיער שטיקלעך צוקער אין דעם גלעזעל קאַווע, ווי אַ מענש, וואָס איז אַנדערש נישט געוואוינט געוואָרען צו טרינקען נאָר זיס, — קענען קען איך זיך מיט איהם שוין לאַנג, ס׳איז רעכט צו זאָגען, נאָך פון אָנהויב ווינטער אָן. נאָר נאָהענט האָבען מיר זיך מיט איהם בעקענט ערשט אַרום חנוכה-צייט. (פלוצלינג צולאַכט זיך קעצעלע, דערמאַנט זיך עפּעס זעהר אַ לעכעריגס) חע-חע-חע! וויפיעל מאָל, מיינט איהר, כדומה למשל, האָבען מיר מיט איהם געשפּיעלט אינאיינעם אין „סטוקעלקע", אין „באַנטשאָק" און אין „טערטעל-מערטעל"? ניין וויפיעל אַנ׳ערך? זענט איהר זיך משער?...

קעצעלע קוקט אַרום די גאַנצע חאַליאַסטרע מעקלערס און ספּעקוליאַנטען, וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק דאָס האָט אויף זיי געמאַכט, און פערזופענדיג מיט דער זיסער קאַווע, דערצעהלט ער ווייטער:

— מיט איהם שפּיעלען אין קאָרטען, הערט איהר, איז מסוכן נפש! אין „סטוקעלקע", למשל, קלאַפּט ער אייך אַלע מאָל „טיאָמנע". אין „באַנטשאָק" אַז מע שפּיעלט, מעג זיין אַ פולע שיסעל מיט געלד, איז נישט זיין עסק: „וואַבאַנק" — און רופט מיך קנאַקניסעל! און אין „טערטעל-מערטעל" איז גאָר אַנ׳אומגליק: ווינציגער ווי אַ קאַרב אַ קאָרט ווייסט ער נישט. און אַמאָל איז רעכט צו זאָגען צוויי קאַרבען אַ קאָרט! און דריי קאַרבען אַ קאָרט! און אַ פינפערל אַ קאָרט אין אויך אַ מטבע! — אַז מע שמועסט געלד איז — טפו!

קעצעלע איז גאַנץ צופרידען מיט׳ן עפעקט, וואָס זיינע ווערטער מאַכען אויף דער בערזע און וויל דערצעהלען נאָך גרעסערע וואונדער פון דעם, ווי אַזוי דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש שפּיעלט אין קאָרטען, האַקט מען איהם איבער:

— גוט, גוט, נאָר וואו נעהמט ער עס אַזוי פיעל געלד?

קעצעלע צולאַכט זיך מיט אַ צושאָטען געלעכטערל ווי אַרבעסלעך: חע-חע-חע!

— גוט געזאָגט, ווי איך בין אַ יוד: וואו נעמט ער געלד? יענער איז אַ גביר, אַנ׳אדיר, אַ מיליאָנער! דאָס הייסט, ער אַליין קיין סך געלד האָט נישט. ער האָט זיין אייגענס אַ מוהמע אַ מיליאָנערשע, וואָס

פּערמאָגט, ס'איז רעכט צו זאָגען, ג'טע דריטהאַלבען מיליאָן, אין סיביר...
— אין סיביר?
— ס'רעדט זיך אַזוי אין סיביר. מיינען מיינט מען אין די טיעף רוסישע גובערניעס. פון דאָרטען שטאַמט ער און דערפאַר טאַקי רעדט ער נאָר אויף רוסיש און נישט אַ וואָרט יודיש. ס'איז רעכט צו זאָגען, אַז אויף יודיש פערשטעהט ער גאָרנישט. אָבער וואָס גאָרנישט הייסט! ווי זאָגט איהר, נישט אַ לעק! פונדעסטוועגען, איינס צום אַנדערען געהער זיך נישט אָן. אַ יונגערמאַן, אויף מיר אַזאַ יאָהר! געענדיגט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און שטודירט אויף דאַנטיסט און איז פערליעבט אין דעם בעל-הבית'ס טעכטערל, שפּיראָ רופט מען איהם, ער איז, אָט דער שפּיראָ הייסט עס, אַליין אַ סלוזשעשטשי, אַ בוכהאַלטער און נישט קיין איבריגער קיין איבערגעשפּיצטער. אַזוי זיך אַ יוד אַ מיטעלמעסיגער, דאָס הייסט, נישט קיין גרויסער חכם און נישט קיין קליינער נאַר, חע-חע-חע! דערפאַר אָבער האָט ער אַ טעכטערל — איהר זאָלט זעהען אַ מויד — נו, נו!

אַזוי לאָזט אויס קעצעלע, טוט זיך אַ קוש די שפּיץ פינגער, פערזופּט מיט דעם לעצטען ביסעל קאַווע און בעלעקט זיך די פּערנעצטע וואָנסעס מיט דער צונג פון אונטען אַרויף.

די בערזע-לייט האָבען ליעב אויסהערען אַ זאַך דוקא מיט קאָפּ, זיי האָבען אָבער ליעב אַריינצוגריבלען זיך אַ ביסעל טיעפער, בעטראַכטען עס פון אַלע זייטען און צוגלידערן ווי עס געהער צו זיין. עפּעס האָט אַרויסגעזעהען ביי זיי די גאַנצע געשיכטע, וואָס קעצעלע דערצעהלט, משונה ווילד און נישט געלעגט זיך אויפ'ן מח. נאָך אַ מאָל: אַ יוד קומט פון סיביר, האָט אַ מוהמע פון דריטהאַלבען מיליאָן — לאָמיר פון זיי האַלב אַוועקשענקען דער וואַנט און אַ דריטעל אַריינוואַרפען אין וואַסער, וועט אויך בלייבען גענוג. קומט ער צו פאָהרען אַהער מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און שטודירט אויף דאַנטיסט, און שפּיעלט מיט קעצעלען אין „סטוקעלקע" און אין „טערטעל-מערטעל"! און צו די זיידענע קליידער פערליעבט ער זיך אין אַנ'אָרים מיידעל פון אַ סלוזשעשטשי, — זאָגט אַייך וואָס איהר ווילט, ס'איז עפּעס צו... צו... צו...

צו וואָס — זאָגען זיי נישט. נאָר פון זייער שמועס שטויסט זיך קעצעלע, אַז דער עולם איז נישט אינגאַנצען צופרידען. זיין פּנים בעקומט אַזאַ אַיין אויסזעהען, ווי איז דער צייט, ווען ער לעגט פּאַר

אַ געשעפט און עס ווערט נישט אָנגענומען; די אויגען קוקען מאָדנע הינטיש. ער וויל צורעכט מאַכען דעם איינדרוק און זאָגט צו זיי ווי מיט אַ געבעט:

— איך ווייס נישט, וואָס איר קוועטשט אייגענטליך. איהר האָט מיך נישט וואָס חושד צו זיין. ווי זאָגט איהר: „זאַ טשטאָ קופיל, זאַ טאָ פראָדאַל״. איך גיב אייך איבער נאָר דאָס, וואָס איך ווייס, וואָס איך האָב געהערט, און ווייטער — צוקאָפּענס ביי איהם בין איך, ווי זאָגט איהר, נישט געשטאַנען און זיין געלד האָב איך נישט געצעהלט, הייגט וואָס האָט איהר מיך דאָ חושד צו זיין?

אומזיסט פערענטפערט זיך קעצעלע. אַרויסגעוואָרפען זיינע רייד: קיינער הערט איהם נישט. דער עולם רעדט שוין גאָר צווישען זיך, און נישט מע רעדט, נאָר מע אַמפערט זיך, מע קריעגט זיך און מע וואַרפט זיך דורך מיט שטעכווערטער. עס לאָזט זיך אויס, אַז אַ סך פון זיי קענען זיך אויך „ליטשנע״ מיט דעם ראַבינאָוויטשען. דאָס הייסט, קענען זיך קענען זיי נישט, נאָר געזעהען האָט מען איהם ווי־פיעל מאָל מיט אָט דעם מיידעל, שפּיראָס טאָכטער, אין טעאַטער, אין צירק און אין קינעמאַטאָגראַף, און גלאַט אויף דער גאַס שפּאַצי־רען. און דעם מיידעלס פאָטער, שפּיראָ׳ן, קענען אַלע. אַ סימן, שלמה פאַמיליאַנט איז זיינער אַ נאָהענטער קרוב, טאַקי אַנ׳אייגענער שוואָגער. דאָס הייסט, אָט דעם שפּיראָס ווייב און שלמה פאַמיליאַנט זענען שוועסטער און ברודער.

— איהר קעהרט ווערען זאָגען קאַפּויר מיט די פיס אַרויף: אָט דער שפּיראָ מיט שלמה פאַמיליאַנטס ווייב זענען ברידער און שוועסטער.

— לאָז זיין אַזוי. אָבער וואָס געהער זיך עס אָן מיט׳ן דאַנטיסט ראַבינאָוויטש?

— הערט איהר דאָך אַ מעשה: אַז אָט דער דאַנטיסט ראַבינאָ־וויטש איז אַ קוואַרטיראַנט פון דעם שפּיראָ, דעם פאָטער פונ׳ם מיידעל דער קראַסאַוויצע, און דער שפּיראָ, דער פאָטער פון דער קראַסאַווי־צע, וואוינט נישט ווייט פון דעם שטשיגרינסקיס מוטער, קיריליכע רופט מען זי. און אָט דער שפּיראָ, דער פאָטער פון דער קראַסאַווי־צע, האָט אַ זוהנדעל אַ גימנאַזיסטעל פון דריטע קלאַס פון אַ יאָהר צוועלף־דרייצעהן, וואָס איז געווען בעקאַנט און פלעגט שפּיעלען אין פערדלעך מיט קיריליכעס זוהנדעל וואָלאָדי שטשיגרינסקי, הייגט פער־שטעהט איהר שוין, ווי דאָ קייטעלט זיך?

— דעריבער איז וואָס? דעריבער געהען קאַטשקעס באָרוועס? — האָקט איהם איבער איינער.

— און געגנז אָהן ארבע-כּנפות׳ען? לעגט צו נאָך איינער.

— שבעה דברים בגולם, אַז איהר לאָזט נישט אויסרעדען ביז׳ן סוף,—זאָגט ווייטער יענער, וואָס גיט צו פערשטעהן דעם שכל.—הערט נאָר ווי עס קייטעלט זיך דאָ: בעדאַרף אָט דער דאַנטיסט ראַבינאָ-וויטש לערנען מיט דעם שפּיראָס גימנאַזיסטעל. און אָט דעם שפּיראָס גימנאַזיסטעל, וואָס איז בעקאַנט מיט דעם וואָלאָדקען און שפּיעלט מיט איהם אין פערדלעך, בעדאַרף קומען איינמאָל אַהיים און בעטען ביי זיין לעהרער, ביים דאַנטיסט ראַבינאָוויטש הייסט עס, אַזוי ווי אָט דער וואָלאָדקע איז אַנ׳אָרים יונגעל, האָט נישט קיין לעהרער, און דער שטיפטאַטע זיינער, דער גוי קיריל חמאַרא, הרג׳עט איהם און שלאָגט איהם בעת ער, קירילע, שכור׳ט זיך אָן; על-כּן זאָל דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש לערנען מיט זיין חבר וואָלאָדקען אָהן געלד. איהר פער-שטעהט דעם שכל?...

— דעם שכל פערשטעהט די ברעזע. נאָר צי זי איז צופרידען דאָס זעהט מען נישט. פערקעהרט, מען האָט איהר נאָר צורייצט דעם אַפּעטיט, נישט מעהר. אדרבה, אַז אָט דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש איז אַזאַ וואוילער און אַזאַ גוטער, אַז ער נעמט זיך אונטער לערנען מיט אַנ׳אָרים שייגעצעל אָהן געלד, נאָר פאַר רחמנות אַליין, — דעריבער איז געדרונגען, אַז ער האָט דאָס איהם גע׳הרג׳עט? דעריבער דאַרף מען חאַפּען אַ יודען און אַיינזעצען איהם אין געפענגניש? שטראָם-גראַם מאַך מיר אַ האַרמידער!

— צו וועמען האָט איהר טענות, צו מיר? — רופט זיך אָפּ אַ יוד אַ מעקלער מיט אַ ממזר׳שען קוק און מיט זעהר געדיכטע ברעמען.

— טשעפּעט זיך אָפּ, איך האָב אייך אפילו נישט אין זינען! — ענטפערט איהם דער אַנדערער מעקלער, אַ יונגערמאַן אַנ׳אָנחאַפּער מיט אַ הייזעריגליך קול און מיט אַ רויט פּנים.

— אַז איהר האָט מיך ניט אין זינען, — מאַכט צו איהם יענער וואָס מיט די געדיכטע ברעמען, — היינט וואָס-זשע האָט איהר צו מיי-נע קנעפּלעך?

— יודען צאַפּט זיך בלוט — רופט זיך אָפּ אַ דריטער, שוין נישט קיין מעקלער, נאָר אַ ספּעקוליאַנט מיט געלע הענטשקעלעך און האַלט

דעם קאָפּ אַ ביסעל אויף אַ זייט — יודען צאַפּט זיך בלוט, און אַייך ליגט אין זינען ווערטלען זיך.

ביידע מעקלערס, דער יונגערמאַן דער אָנחאַפּער און דער וואָס מיט די געדיכטע ברעמען, קערעווען זיך אויס איינער צום אַנדערען מיט יענער זייט, וואָס מע בעדאַרף בעטען מחילה...

— הכלל, וואו-זשע האַלטען מיר מיט אונזער ראַבינאָוויטשען?

און דער שמועס ציהט זיך ווייטער מיט נאָך מעהר היץ און מיט נאָך מעהר פייער.

דער גיהנם קאָכט — די בערזע וויגט זיך.

## דאָס דרייאונזעכציגסטע קאַפּיטעל.

## דער „פערברעכער" אויפ'ן פערהער.

צווישען אַלע, וואָס האָבען אײַנגעלעגט די וועלט און געקאָכט זיך איבער דעם „פערברעכער", וואָס מע האָט געפונען, איז געוועזען גאָר איינער, וואָס האָט ניט אַרויסבעוויזען קיין סימן אפילו, אַז ער איז אויפגערעגט אָדער אומרוהיג. דאָס איז געוועזען דער „פערברעכער" אַליין.

צו בעוואונדערן, ווי רוהיג און נישט געצוואונגען דער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש האָט זיך געהאַלטען, אַז מע האָט איהם, נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אויסגעשלאָפען און רעכט איבערגעביסען, אַרייַנגעפיהרט און אַוועקגעשטעלט פאַר דער אויספאָרשונג און גענומען נאָך אַ מאָל אויפ'ן פערהער, — ער זאָל זאָגען, וואָס ווייס ער וועגען דעם גע'הרגע־טען יונגעל וולאַדימיר שטשיגרינסקי?

— אָ! ער ווייס אַ סך, זעהר אַ סך וועגען דעם דאָזיגען טרויע־ריגען פאַקט... און ער חזר'ט איבער נאָך אַ מאָל דאָס, וואָס ער האָט שוין אין דער פריה געזאָגט: אַז ער האָט אַליין אין זינען געהאַט אַרויסצוטרעטען מיט זיין מעלדונג, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען ביז אַהער פון אַריינרייסען זיך נישט־גערופענערהייד אין דער אויספאָר־שונג, איבער אַ סך טעמים: ערשטענס, האָט ער נישט געוואָלט זיין קיין מסור, שפּיעלען אַ ראָל פון אַ שפּיאָן... צווייטענס, האָט ער גע־רעכענט, ווי ער האָט שוין אין דער פריה בעמערקט, אַז די אויספאָר־שונג וועט שוין אַליין אַרויספיהרען אויפ'ן ריכטיגען וועג. איצט, ווי־באַלד ער זעהט, אַז מע האָט די עלטערן פונ'ם גע'הרג'עטען בעפרייט און מע האָט אַריינגעצויגען אַהער מענשען זייטיגע, צום ביישפּיעל, דעם יודען שפּיראָ מיט זיינע קינדער, וואָס זענען גאָט די נשמה שול־

דיג, האָט ער שוין חרטה, וואָס ער האָט געשוויגען ביז אַהער. ער קאָן זאָגען, אַז עס ליגט איהם אויף זיין געוויסען...

אַזוי האָט ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו אָנגעהויבען מיט זיין געדיכטע באַריטאָן-שטימע, וואָס איז געווען אַ ביסעל צו-הויך גענומען און וואָס האָט אַ ביסעל צו-שטאַרק אָפּגעקלונגען אין'ם גרויסען ברייטען, נאָר פּוסטען חדר, וואָס איז בעשטאַנען מעהר נישט ווי פון אַ לאַנגען טיש מיט געוואַנט געדעקט, עטליכע הויכע שטוהלען מיט געשניצטע ווענטלעך און לאַנגע געפּאָלירטע בענק אַרום און אַרום האַרט ביי די ווענט. פונדעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויפ'ן צו-הויכען טאָן, האָבען די דאָזיגע עטליכע ווערטער פונ'ם „פערברעכער״, און איבערהויפּט די לעצטע, אַז עס ליגט אויף זיין געוויסען, געמאַכט אַ גוטען איינדרוק אויף די אויספאָרשער, וואָס זענען בעשטאַנען פון דריי מענשען: איינער — דערזועלבער, וואָס האָט איהם גענומען אויספרעגען נאָך אין דער פריה — דאָס איז געווען אַ מענש פול מיט ענערגיע, אַ טיעפער ברונעט מיט געדיכטע שטעהענדיגע אונטערגעשוירענע האָר מיט אַ שוואַרצען פּענסנע. די ענערגיע רעדט אַרויס ביי איהם פון זיינע שאַרפע אויגען, פון זיין שאַרפער שטימע און פון זיין יעדען ריהר. אַז ער רעדט, האָט ער ליעב אויסציהען די ווערטער און כמעט אויף יעדען צווייטען-דריטען וואָרט שטעלען די טראָפּ, אונטערשטרייכען און בעת מעשה האַלב צומאַכען די אויגען. דאָס איז געווען דער פיהרער פון דעם פערהער, דער סודעבנע סליעדאָוואַטעל.

דער אַנדערער — אַ בלאָנדין, נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, נאָר שוין מיט אַ גלאַטען קאָפּ, אָהן אַ סימן פון געוואוקס, און מיט אַ הויכען גלאַנצענדיגען שטערן, וואָס גיט זיך שטאַרק אַרויס פאָרענט, און זעהט אויס דעריבער ווי ער האָט נישט איין קאָפּ, נאָר צוויי. אין די גאָלדענע ברילען זיצען ביי איהם אַזעלכע דיקע שאַרפע גלעזלעך, אַז קוים וואָס מע זעהט אַרויס דורך זיי די אויגען, וועלכע קוקען נישט, נאָר זיי שטעכען דורך ווי שפּיזען. דאָס איז אַ קאַנדידאַט אויף סליעדאָוואַטעל.

און דער דריטער — אַ הויכער יונג מיט שפּאָרען, מיט פאַרב אין די באַקען, זעהר אַנ'עלעגאַנטער אָפיצער מיט אַקסעלבענדער און מיט אַ לעבעדיג פּנים פון אַ מענשען, וואָס פערשטעהט צו לעבען אַ גוטען טאָג. דער דאָזיגער דריטער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען ווי אַ זייטיגער פאַרשוין, וואָס נעמט נישט קיין אַנטייל אין דער אויספאָרשונג און וואָס איז געקומען מעהר נישט אויס גרויס אינטערעס צום

פראָצעס און צום בעשולדיגטען. אַלע דריי האָבען אויסגעוויזען ווי צו-פר׳דען מיט דער האַלטונג פונ׳ם דאָזיגען „אינטעליגענטען פערברעכער״.

נאָכדעם ווי מע האָט איהם איבערגעגעבען אויסגעוויזען איבערגעפרעגט און פערשריבען זיין נאָמען מיט זיינע יאָהרען מיט זיין שטאַם מיט זיין בעשעפטיגונג מיט די אַלע איבעריגע פאָרמאַליטעטען, האָט איהם דער פיהרער פונ׳ם פערהער, וואָס מיט׳ן ענערגישען פנים און מיט׳ן שוואַר-צען פענסנע, אין זעהר אַ פריינדליכען טאָן פאָרגעלעגט, ער זאָל דער-צעהלען בהדרגה, נישט געהאַפּט און פּינקטליך, אַלסדינג, די גאַנצע געשיכטע, פונ׳ם אָנהויב ביז׳ן סוף, מיט אַלע איינצעלהייטען און מיט אַלע קלייניגקייטען, ווי אַזוי, וואו און ווען דאָס איז פאָרגעקומען, און אַז ער זאָל אָנרופען ביי די נעמען אַלע די, וואָס האָבען זיך בעטיי-ליגט אינ׳ם מאָרד, צו וועלכען צוועק און אַזוי ווייטער.

נאָך דעם דאָזיגען אַריינטריט האָבען זיך אַלע דריי צוגערוקט צום טיש און צוגעגרייט זיך אויסהערען די אינטערעסאַנטע ערקלערונג, וואָס דער פערברעכער האָט זיי נאָך אין דער פריה צוגעזאָגט צו גע-בען און האָט זיי מבטיח געווען, אַז „זיי וועלען שטוינען״...

דער בעשולדיגטער איז אויך געווען נישט ווינציג צופרידען, וואָס מע האָט זיך צוגעגרייט איהם הערען, ווי עס האָט אויסגעוויזען, מיט קאָפּ. עס איז איהם געווען אָנגענעהמען, ערשטענס, וואָס צוליעב איהם, וויבאַלד ער וועט נאָר אָפּגעבען זיין ראַפּאָרט, אַזוי וועט מען די אומשולדיגע שפּיראָס מסתמא באַלד אַרויסלאָזען פריי און אפשר נאָך בעטען מחילה, וואָס מע האָט זיי חושד געווען אין אַזאַ זאַך. צוויי-טענס — וואָס ער וועט מיטהעלפען דער אויספאָרשונג אַרויף אויפ׳ן ריכטיגען וועג און אויפדעקען די אמת׳ע מערדער פונ׳ם אומגליקליכען וואָלאָדקי. דעריבער איז ער צוגעטראָטען צו זיין ערקלערונג פריילין, לעבעדיג. ער האָט גאָר נישט געוואוסט, פון וואַנען ער זאָל אָנהויבען: פון דעם מאָמענט, וואָס דער וואָלאָדקי איז פערפאַלען געוואָרען? פון דעם, וואָס ער, ראַבינאָוויטש, האָט איבערגעקלערט און איבערגעפּיהלט, בעת ער האָט צום ערשטען מאָל געלייענט די געוויסע אַרטיקלען אין די געוויסע בלעטער וועגען דעם גע׳הרג׳עטען וואָלאָדי שטשיגרינסקי פון יודען צוליעב זייער מצה אויף פסח?... דעריבער האָט ער אין זי-נען געהאַט זאָגען אַ פּאָר ווערטער בכלל וועגען דעם אונזיניגען בלוט-בלבול, וואָס וואָלט שוין צייט געווען, מען זאָל מאַכען אַ סוף דער-מיט. דערנאָך האָט ער זיך בעטראַכט, אַז דאָס וועט ער איבערלאָזען

אויפ׳ן סוף און איצט וועט ער זיי בעסער איבערגעבען די געשיכטע פון סאַמע אָנהויב, ווי אַזוי ער האָט זיך בעקאַנט צום ערשטען מאָל מיט דעם יונגעל וואָלאָדי שטשיגרינסקי און ווי אַזוי זיינע עלטערן, פינסטערע, אונגעבילדעטע מענשען, האָבען געקוקט אויף איהם קרום, נישט געוועזן צופרידען, וואָס ער, אַנ׳אונבעקאַנטער סטודענט, שלאָגט זיך אָן אַליין צו לערנען מיט זייער קינד אומזיסט... ער וועט קיינמאָל נישט פערגעסען די דאָזיגע קאָמישע סצענע, ווי אַזוי ער איז אַריינגעקומען צום ערשטען מאָל צו וואָלאָדקען אַהיים, געטראָפען דעם שטיפפאָטער קיריל חמאַרא, אַנ׳אָנגעבּרוגז׳טען, ווי אַ מענש, וואָס האָט זיך נאָר-וואָס אויסגעניכטערט און איז בייז אויף דער גאַנצער וועלט. „וואָס דאַרפט איהר?״ — איז אויף איהם אָנגעפאַלען דער אויסגעניכטערטער חמאַרא. „אַזוי און אַזוי, ביי אייך, האָב איך געהערט זאָגען, איז דאָ אַ יונגעל, הייסט ער וואָלאָדקאַ און וויל זיך לערנען און האָט נישט מיט וועמען...״ איז דער קיריל געוואָרען נאָך מעהר בייז: „מיט אייך וואָס געהער דאָס זיך אָן?..״

ראַבינאָוויטש האָט זיך ערשט פערקאַטשעט צו דערצעהלען און דערצעהלען, ווי אַזוי נאָכדעם ס׳איז אָנגעקומען קיריליכע און, דערהערט דעם שמועס, איז זי געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב אַ דערשראָקענע, נישט פערשטאַנען, וואָס וויל מען אייגענטליך פון איהר וואָלאָדקען האָבען? — האָט איהם אָבער דער פיהרער פונ׳ם פערהער, דער וואָס מיט׳ן ענערגישען פנים און מיט׳ן שוואַרצען פענסנע, פלוצים איבערגעהאַקט אין מיטען:

— איהר וועט אפשר אַזוי גוט זיין פריהער אונז אויפקלערען, ווי אַזוי איז דאָס געווען, וואָס איהר זענט געקומען גראָד צו אָט דעם וואָלאָדי שטשיגרינסקי? פאַרוואָס איז געפאַלען דער גורל אויף איהם און נישט אויף אַנ׳אַנדערען? ווער האָט איהם אויסגעקליבען? ווער האָט אייך אָנגעוויזען אויף איהם?...

דאָ איז ראַבינאָוויטש געבליבען שטעהן מיט אַ צוטומעלט שמייכעל אויף די ליפען. עס איז געווען צו זעהען, אַז ער פערשטעהט נישט, וואָס מע פרעגט ביי איהם: „וואָס פאַר אַ „גורל״ ?..״

דער עלטערער, דער פיהרער פונ׳ם פערהער, האָט אַרויסגעזעהען, אַז דער בעשולדיגטער איז ווי צומישט, מבולבל געוואָרען, האָט ער איהם נאָך אַ מאָל פאָרגעלעגט, ער זאָל זיך מטריח זיין איבערגע-

בען אַקוראַט, ווי אַזוי איז דאָס געשעהען, וואָס ער איז גע-
קומען גראָד צו דעם יונגעל וואָלאָדי שטשיגרינסקי?

„ווי אַזוי דאָס איז געשעהען?—דאָס איז געשעהען זעהר פשוט״!—
און דער בעשולדיגטער דערצעהלט די מעשה אַקוראַט ווי געווען, ווי
אַזוי איינמאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען איז צו איהם צוגעשטאַנען
זיין תּלמיד, שפּיראָס זוהנדעל, אַ גימנאַזיסטעל פון דריטע קלאַס, אָט
דער, וואָס מע האָט איהם נעכטען פערנומען אינאיינעם מיט׳ן פאָטער:
באשר אַזוי ווי ער, דער גימנאַזיסט שפּיראָ, האָט אַ חבר וואָלאָדקאַ,
אַנ׳אָרים יונגעל פון זייער שכן, וואָס וויל לערנען און האָט נישט מיט
וועמען, זאָל ער, ראַבינאָוויטש, איהם געבען אַנ׳אוראָק, חאָטש איין
מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך, אומזיסט געוועהנליך, ווארום דער
שטיפפאָטער וועט פאַר איהם קיין געלד נישט וועלען צאָהלען.

—האָט איהר איהם שוין, די רגע, צוליעב געטאָן און איהר
האָט זיך שוין אויפגעהויבען און שוין אַוועקגעגאַנגען צו אָט דעם
וואָלאָדקען?

דער בעשולדיגטער האָט אַפּנים נישט אַזוי גיך געחאַפּט די אי-
ראָניע פון די דאָזיגע ווערטער און געענטפערט בתּמימות, אַז נישט
שוין די רגע האָט ער זיך אויפגעהויבען. נאָר אַז דער תּלמיד שפּי-
ראָ איז צוגעשטאַנען צו איהם איין מאָל און צוויי מאָל און דריי
מאָל און נאָך אָנגעשטעלט די שוועסטער און די מוטער: „טוט איהם
צוליעב״—האָט ער איהם צוליעב געטאָן און נאָר מיט אַ תּנאי, אַז אָט
דער וואָלאָדקאַ, וואָס ער בעט פאַר איהם, זאָל קומען צו איהם, צו
ראַבינאָוויטשען אויפ׳ן אוראָק, נישט ער זאָל געהן אַהין.

—וואָס פאַר אַ מיין האָט איהר געהאַט דערביי?...

דער בעשולדיגטער איז ווידער געבליבען מבולבל, און דער על-
טערער האָט איהם אַוועקגעשטעלט נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע:

—וואָס פאַר אַ מיין האָט איהר געהאַט דערביי, וואָס איהר
האָט דורכאויס געוואָלט, אַז וואָלאָדקאַ זאָל קומען צו אַייך אויפ׳ן
אוראָק, נישט איהר צו איהם?

קיין שום מיין האָט ער דערביי נישט געהאַט—ענטפערט זיי
דער בעשולדיגטער בתּמימות׳דיג און פּראָסט, אָהן קונצען. עס איז
איהם געווען מעהר אַנגענעהמען צו לערנען מיט וואָלאָדקען ביי די
שפּיראָס אין שטוב און ווייטער גאָרנישט.

—מעהר אַנגענעהמען, זאָגט איהר?—האַ... אפשר מעהר בע-

קוועם און מעהר נוצליך?...— האָט איהם יענער איבערגעפרעגט און געשטעלט די טראָפּ אויפ׳ן וואָרט „נוצליך" און איבערגעקוקט זיך שטאַרק בעת-מעשה מיט זיינע צוויי קאָלעגען.

— עס קאָן זיין, אַז מעהר נוצליך, — האָט דער בעשולדיגטער צו-ליעב געטאָן, ווידער פראָסט, אָהן קונצען, און גענומען דערצעהלען ווייטער, אַז געהן צו איהם האָט אָבער דער וואָלאָדקע נישט געקאָנט, ווייל שפּירא, וועלכער האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען ווער וואָלאָד-קע און וואָס וואָלאָדקע, האָט נישט געטאָרט וויסען פון דער גאַנצער געשיכטע... אַזוי אַז ער, ראַבינאָוויטש, האָט געמוזט אײנגעהן דערויף, ער זאָל קומען צו וואָלאָדקען אַהיים און דאָרט מאַכען מיט איהם די אוראָקען. אַלזאָ, אַזוי ווי ער איז געקומען אַהין דעם ערשטען מאָל...

נאָר דאָ ווערט דער בעשולדיגטער ווידער איבערגעריסען:

— זאָגט נאָר: בעת אײער תלמיד האָט מיט אײך גערעדט וועגען וואָלאָדקען, האָט איהר געוועהנליך געוואוסט, אַז דער וואָלאָדקע איז אַ קריסטליך קינד?...

— וואָס איז דער אונטערשיד? — ענטפערט דער בעשולדיגטער מיט פערוואונדערונג — אַ קריסט, אָדער ניט אַ קריסט, אַנ׳אָרים יונגעל און וויל לערנען, פאַרוואָס זאָל מען איהם נישט העלפען?

— מיר לאָזען זיך נישט אַריין מיט אײך אין פילאָזאָפיע... מיר בעטען אײך נאָר, איהר זאָלט ענטפערן גלייך אויף דעם, וואָס מע פרעגט ביי אײך: איהר האָט געוואוסט אין יענעם מאָ-מענט, אַז וואָלאָדקאַ טשיגרינסקי איז אַ קריסט, אָדער נישט?...

אין די דאָזיגע ווערטער האָט זיך שוין געלאָזט הערען אַ ביסעל פעררדראָס.

דער בעשולדיגטער טראַכט אַ ווײלע און זאָגט, אַז ער האָט עס געוואוסט.

דער, וואָס מיט׳ן שוואַרצען פענסנע, טוט אַ וואונק צו דעם, וואָס מיט די שאַרפע ברילען, ער זאָל דאָס פערשרייבען. יענער פער-שרייבט און דער בעשולדיגטער קוקט נאָך מיט די אויגען, ווי מען שרייבט. ער פערשטעהט נישט, ווייזט אויס, צו וואָס דאָס איז אַזוי נויטיג צו פערשרייבען...

— אַלזאָ, דערצעהלט, מיר האָרכען אײך, — מאַכט צו איהם דער עלטערער שוין ווידער מיט אַ ווייכען פריינדליכען טאָן און מיט׳ן גע-

דאַנק, אַז איצט וועט מען איהם שוין הערען און מעהר נישט אי-בעררייסען.

און ווידער האָבען זיך אַלע דריי צונויפגערוקט און צוגעגרייט הארכען מיט קאָפּ, ווען וועט שוין קומען די רעכטע „ערקלערונג", וואָס דער „פערברעכער" האָט צוגעזאָגט געבען. און דער פערברעכער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען און האָט גאַנץ ברייטליך און מיט זעלטענעם ישוב-הדעת רוהיג גענומען דערצעהלען אַלץ, וואָס ער ווייס וועגען דעם דאָזיגען „שרעקליכען רעטעניש"

## דאָס פיעראונפופציגסטע קאַפּיטעל.

## אָט דאָס איז גאָר?

„אַז דער באַרג געהט ניט צום מאַחמעד, געהט מאַחמעד צום באַרג...״ — אַזוי האָט דער פערברעכער אָנגעהויבען זיין געשיכטע בהרחבה און דערצעהלט גריגג און גלאַט, ווי אַוואַסער, ווי אַזוי ער האָט אָנגעהויבען אַריינצוגעהן צו אָט דעם וואָלאָדקען אַהיים, ווי אַזוי ער האָט די ערשטע צייט נישט בעמערקט קיין בעזונדערע זאַך, אויסער דעם, וואָס דעם וואָלאָדקעס מוטער און נאָך מעהר זיין שטיפפאָטער קיריל חמאַראַ האָבען די ערשטע צייט זיך בעגאַנגען מיט זייער אומזיסטיגען רעפעטיטאָר עפּעס ניט אַזוי פריינדליך; זיי האָבען געקוקט אויף איהם, אַזוי האָט זיך איהם אויסגעוויזען, מיט חשד, מיט פערדאַכט...״

—וואָס האָבען זיי געקאָנט האָבען אויף אַייך פאַר אַ פערדאַכט? — האָט זיך דער עלטערער, דער סליעדאָוואַטעל, נישט געקאָנט אַיינהאַלטען פון איבערצורייסען.

דאָס ווייס ער נישט. אפשר האָבען זיי איהם חושד געווען, אַז ער איז אַ געהיים-אַגענט פון דער פּאָליציע?... ער האָט אַסימן: ביי די ערשטע אוראָקען איז דער שטיפפאָטער נישט אָפּגעטראָטען פון׳ם שטיפקינד, זיך צוגעהערט, טאָמער רעדט מיט איהם דער רעפעטיטאָר פון זייטיגע זאַכען...

—איז דאָס אמת, אַז איהר האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט פאַר שטשיגרינסקיס שטיפפאָטער, פאַר׳ן גוי קיריל חמאַראַ, אַז ווען ער זאָל אַייך אַוועקגעבען זיין שטיפקינד אין אַייערע יודישע הענד, וואָלט איהר פון איהם געהאַט מעהר נוצען, ווי ער האָט פון זיין שטיפקינד?...

דאָס געדענקט ניט ראַבינאָוויטש. ער געדענקט נאָר, אַז ער האָט ניט איין מאָל געלויבט זיין תּלמיד פאַר'ן שטיפפאָטער, אַז וואָ-לאָדקע האָט גוטע פעהיגקייטען צום לערנען. און דאָס איז געווען אַנ'אמת. וואָלאָדקע האָט וואָס ווייטער-ווייטער אַרויסגעוויזען אַזעלכע פעהיגקייטען צום לערנען, אַז ער האָט גיך ליעב געקריגען דאָס דאָ-זיגע יונגעל. איין זאַך נאָר, וואָס וואָלאָדקע איז געווען, ווי עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַנ'איבערגעשראָקענער און אַ ביסעל אַ פערטראַכ-טער, איינער פון יענע קינדער, וואָס לעבען אין זייער אייגענער פערבאָרגענער וועלט און האָבען עפּעס אויף דער נשמה... נאָר ער, ראַבינאָוויטש, האָט נישט אין זינען געהאַט אפילו זיך אַריינרייסען אין זיין פערבאָרגען וועלטעל. פאַר איהם איז וואָלאָדקע געווען מעהר נישט ווי אַנ'אָרים יונגעל, וואָס נייטיגט זיך אין זיין אוראָק — און ווייטער געהט איהם נישט אָן... געוואוסט האָט ער, דאָס הייסט ער האָט גע-הערט פון שפּיראָס קינדער, אַז וואָלאָדקע איז ביי קיריל חמאַראַ אויף גרויסע צרות און אַז ער ווערט פונ'ם שטיפפאָטער זעהר אָפּט געשלאָגען. איז דאָס אָבער אויך געווען נישט זיין עסק. נאָר איינמאָל האָט זיך געטראָפען, ער איז געווען ניט ווילענדיג אַנ'עדות פון זעהר אַ טרויעריגער סצענע: זיין תּלמיד שפּיראָ איז אַריינגעפאַלען איינמאָל אין שטוב אַריין מיט אַנ'אימפעט: „מע הרג'עט וואָלאָדקען!" איז אַזוי ווי זיי זענען געזעסען — ער און די פרוי פון שפּיראָ'ן און איהר טאָכ-טער — אַזוי זענען זיי אַלע דריי אַריינגעלאָפען צו זייער שכנה, צו קיריליכען, און אַרויסגעריסען דעם אומגליקליכען וואָלאָדקען פונ'ם שטיפפאָטערס הענד קוים אַ לעבעדיגען. פון דעמאָלט אָן האָט זיין תּלמיד וואָלאָדקע בעקומען צו איהם מעהר צוטרויען...

— און איהר פלעגט איהם אָפטליך ברענגען מתּנות?... — רייסט איהם ווידער איבער דער עלטערער.

מתּנות? ניין. ביכלעך האָט ער איהם יאָ אַ פּאָר מאָל געבראַכט צו טראָגען. אַלטע ביכלעך פון זיין יודישען תּלמיד, וואָס יענער האָט זיי שוין במילא נישט בעדאַרפט האָבען און וואָלאָדקען זענען זיי גע-ווען נייטיג...

— און קיין געלד האָט איהר איהם קיינמאָל נישט געגעבען? — פרעגט איהם איבער יענער און פערקוקט איהם אין די אויגען אַריין.

„ניין, דאַכט זיך, אַז קיינמאָל ניט..."

— דערמאָנט אייך, אפשר איז יאָ געווען אַמאָל דער פאַל? דאַכט

זיך, איהר האָט איהם געגעבּען אַ זילבּערנע מטבע, ער זאָל זיך קויפען אַ בּאַל אויף צו שפּיעלען?...

דער בּעשולדיגטער דערמאַנט זיך: „אַך, יאָ. אמת. ס'איז געווען אַמאָל דער פאַל".

— למאי-זשע פערלייקענט איהר פאַקטען?..

דער בּעשולדיגטער קוקט פערוואונדערט: „פאַקטען?... ער האָט עס גערעכענט פאַר אַזאַ קליינינקייט, אַז ס'איז גאָר ניט כדאי דערפון צו רעדען, ובפרט עס געהער זיך צום עסק כלל וכלל נישט אָן"...

— צי עס געהער זיך ניט אָן אָדער עס געהער זיך יאָ אָן — דאָס לאָזט שוין איבּער פאַר אונז — מאַכט צו איהם דער סליעדאָוואַטעל מיט אַ שאַרפען טאָן, — איהר זייט אַזוי גוט און דערצעהלט אונז אַלעס און לאָזט נישט דורך קיין פאַקטען, זיי מעגען זיין קליינינקייטען...

דאָ איז דער בּעשולדיגטער געבּליבּען שוין גאָר מטושטש, פערגעסען, וואו ער האַלט, און דעריבּער איז ער רויט געוואָרען בּיז איבּער די אויערן, וואָס האָט. געקאָנט דיענען פאַר אַ בּעוויז, אַז דער מענש וויל עפּעס פערלייקענען און אַז מע האָט איהם געחאַפּט אין אַ ליגען און ער ווייסט ניט, וואָס צו טון ווייטער. און דערצו האָבּען זיך דריי פּאָר אויגען אַזוי שטאַרק איינגעקוקט אין איהם, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבּען צו שוויצען. דער עלטערער פון די דריי איז איהם געקומען צו הילף:

— אַלזאָ האָט איהר זיך אָפּגעשטעלט דערויף, ווי אַזוי איהר האָט זיך אַ י נ ג ע ק ו י פ ט צו אייער תּלמיד... דאָס הייסט, ווי אַזוי ער האָט בּעקומען צו אייך וואָס ווייטער אַלץ מעהר צוטרויען... וואָסזשע, הייסט עס, איז דערפון אַ ר ו י ס ג ע ק ו מ ע ן?

— דערפון איז ניט אַרויסגעקומען גאָרנישט, — זאָגט דער בּעשולדיגטער און קעהרט זיך אום צוריק צו זיין ערצעהלונג: — איינמאָל — דאָס איז געווען, ער האָט קיין טעות ניט, אין מיטען ווינטער — קומט ער צו געהן און טרעפט דעם תּלמיד וואָלאָדקען אַ פערוויינטען: „וואָס איז, וואָלאָדקאַ, מע האָט דיך געשלאָגען?" — „ניין, נאָך ערגער..." „וואָס קאָן זיין ערגער?" — „מע וויל מיך קוילען..." „ווער וויל דיך קוילען?" — „זיי ווילען מיך קוילען..." „נאַרישקייטען! פון וואַנען האָסטו עס גענומען?" און וואָלאָדקע דערצעהלט איהם אַ גאַנצע געשיכטע, וואָס ער קאָן זי איבּערגעבּען אין קורצען:

וואָלאָדקעס שטיפּפאָטער, קיריל חמאַראַ, פֿערנעמט זיך מיט גנבה, דאָס הייסט ער אַליין גייט ניט גנב'ענען, עס גייען אַנדערע פֿאַר איהם. זיי זענען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע. קומט ביינאַכט — גייען זיי אַרויס אויף דער אַרבייט, און אַלסדינג, וואָס מע מאַכט דורך דער נאַכט, ברענגט מען דאָס צו זיי, און זיין שטיפּפאָטער געפינט שוין דערויף אַנ'אָרט ... וואו דער שטיפּפאָטער בעהאַלט, ווייס נישט וואָלאָדקע. קיי-נער ווייס ניט ... וויפיעל מאָל ס'איז שוין געווען פּאָליציע, געמאַכט „אָביסקען", נאָר מע קאָן נישט געפינען גאָרנישט. דערוויל טרעפט זיך אַ מעשה, עפּעס אַ פּריץ מיט בלויע ברילען שטעהט אין גאַס, ניט ווייט פון זייער שטוב, האַלט אין די הענד אַ סקאַרמוטש און קנאַקט ניסלעך, אַ ניסעל נאָך אַ ניסעל. שטעלט זיך וואָלאָדקע אָפּ און קוקט, ווי דער פּריץ קנאַקט ניסלעך. דערזעהט דער פּריץ, אַז וואָלאָדקע קוקט, מאַכט ער צו איהם: „ווילסט?" און דערלאַנגט איהם אַ פולע זשמעני מיט ניסלעך... דאָס איז געווען איינמאָל. דאָס אַנדערע מאָל דערזעהט ער ווידער דעמזעלבען פּריץ מיט די בלויע ברילען ווידער אויפ'ן זעלבען אָרט און ווידער מיט אַ סקאַרמוטש און סמאָצקעט צו-קערקעס. דערזעהט ער, ווי וואָלאָדקע קוקט אויף איהם, מאַכט ער צו איהם: „ווילסט?" און דערלאַנגט איהם אַ צוקערקע... דאָס דריטע מאָל בעגעגענט ער וואָלאָדקען, רופט ער איהם צו און דערלאַנגט איהם אַ מטבע און מאַכט צו איהם: „נאַ, וועסט דיר אַליין קויפען, וואָס דו ווילסט. דו ביסט דאָך אַ וואויל יונגעלע... דו זאָג מיר אָט וואָס: דו ביסט קיריל חמאַראַס אַ שטיפּזוהנדעל, איך קען דיך, דיין שטיפּטאַטע האַנדעלט מיט גנבה'שע זאַכען, נאָר ער בעהאַלט זיי אַזוי, אַז דער רוח אַליין וועט זיי נישט געפינען... זאָלסט זיין אַ וואוילינקער, אַ קלוגיטשקער, וואָלסטו זיך אונטערגעהערט, וואָס דיין שטיפּטאַטע רעדט מיט דער חברה און וואָלסט זיך אונטערגעקוקט, וואוהין מע טראָגט די גנבה'שע זאַכען... דו דאַרפסט ניט מורא האָבען, נאַרעלע, פֿאַר קיין זאַך. דיין מאַמע וועט דאָס ניט שאַדטען, און דיין שטיפּטאַטען, אַז מע וועט איינזעצען, וועט זיין פֿאַר דיר בעסער — וועסט ווינציגער זיין געשלאָגען..." געקומען אַהיים, האָט זיך וואָלאָדקע אַ טראַכט געגעבען: וואָס זאָל ער טון? זאָל ער דערציילען דער מאַמען צי ניין? און געהט און דערציילט דער מאַמע, פערשטעהט זיך, בסוד. געהט די נאַרישע קיריליכע און גיט עס איבער אַלסדינג דעם מאַן. ווערט ער מלא רציחה און וויל שלאָגען וואָלאָדקען. שטעלט זיך איין פֿאַר איהם

די מוטער. געהט אַוועק — אַ טאָג און אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג. און אויף דער אַנדערער נאַכט ליגט וואָלאָדקאַ אויף דער ערד אין זיין ווינקעלע און מאַכט זיך ווי ער שלאָפט, הערט ער אַ שמועס, ווי זיין שטיפטאַטע רעדט מיט דער חברה גנבים, גיט זיי איבער די מעשה מיט'ן פריץ און האַלט זיך מיט זיי אַנ'עצה: „וואָס טוט מען מיט'ן ממזר?"... „ממזר" — דאָס מיינט מען איהם, וואָלאָדקען... זיין שטיפּאָטער, קיריל חמאַראַ, רופט איהם ניט מיט קיין אַנדער נאָמען אויסער „בייסטרוק" (דער ממזר). וואָלאָדקאַ הויבט אָן נאָך שטאַרקער צו חראָפּען און הערט, ווי איינער פון זיי רופט זיך אָן, אַז „מע בעדאַרף דעם ממזר בעשטאַטען (אוקאָקאָשיט)". ווען די דאָזיגע ווערטער האָבען געהערט — דאָס קאָן וואָלאָדקאַ ניט זאָגען אַקוראַט. נאָר דאָס וואָרט „אוקאָקאָשיט" — דאָס האָט ער געהערט פאַר זיכער... דאָס איבעריגע, וואָס די חברה האָבען גערעדט, האָט ער שוין ניט געקאָנט הערען, ווארום ס'איז אָנגעקומען די מוטער און זיי זענען גאָר אַנשוויגען געוואָרען... פון דעמאָלט אָן — אַזוי האָט איהם וואָלאָדקאַ געזאָגט — איז ער ניט זיכער מיט'ן לעבען. אַלע נאַכט, ווען ער לעגט זיך שלאָפען און לאָז ער נאָר צומאַכען די אויגען, אַזוי 'מאָלט זיך איהם אויס, אַז אָט קומט מען צו איהם מיט אַ מעסער און מע מאַכט איהם חיק איבערן האַלז, אָדער מע נעמט אַ שאַרפע האַק און מע האַקט איהם אָפ דעם קאָפּ.

פערשטעהט זיך, אַז ער האָט איהם אויסגעלאַכט און בערוהיגט, ווי ווייט מעגליך, — אַזוי לאָזט אויס דער פערברעכער זיין ערצעהלונג, — און וואָלאָדקאַ האָט, ווי עס ווייזט אויס, פון דער מעשה גיך פערגעסען, ווארום ער האָט ווידער זיך גענומען צום לערנען. ער אָבער האָט פון דער נעשיכטע ניט פערגעסען. וויבאַלד וואָלאָדקאַ איז נאָר פערפאַלען געוואָרען און זיין מוטער קיריליכע איז געקומען צו די שפּיראָס זיך נאָכפרעגען אויף איהר פערפאַלענעם זוהן, האָט ער איהר גלייך אָנגעוויזען, וואוהין זי זאָל געהן און ביי וועמען זי זאָל זיך נאָכפרעגען... ער, ראַבינאָוויטש, האַלט ניט פון דער מיינונג, אַז דאָס איז אויסשליסליך דעם שטיפפאָטערס שטיקעל אַרבייט, ווי אַנדערע רעכענען, איבער עפּעס אַ ירושה, וואָס דער וואָלאָדקאַ האָט אויף זיך געהאַט. געוויס האָט דער קיריל חמאַראַ אין דעם אַ גרויסען חלק, נאָר אין דער דאָזיגער בלוטיגער געשיכטע זענען פערמישט די חברה גנבים און באַנדיטען, מיט וועלכע קיריל חמאַראַ שטעהט אין שטענדיגע פער-

בינדונג, און צווישען זיי בעדאַרף מען, לויט זיין מיינונג, זוכען די אמת'ע פערברעכער, וואָס זענען געווען פעראינטערעסירט אין דעם, מע זאָל אָפּרוימען און אומברענגען דעם אומגליקליכען וואָלאָדקאַ שטשיגרינ-סקי, וואָס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז ער איז פּאַר זיי אַ שטן... ער איז איבערצייגט, אַז מע וועט זיי נאָר געבען אַ רעכטען זוך, וועט מען זיי געפינען אַלע ביז איינעם...

— אָט דאָס איז גאָר? — האָט זיך אַרויסגעריסען ביים עלטערען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיינע קאָלעגען, וואָס האָבען די גאַנצע צייט געהאַט געדולד גענוג אויסצוהערען די דאָזיגע מעהר לאַנגע ווי אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס דער פערברעכער האָט אַזוי קונציג צוגעפּאַסט צום דאָזיגען עסק...

און דער „פערברעכער" איז דוקא געווען צופרידען מיט דעם, ווי גלאַט ער האָט דאָס איבערגעגעבען זיין ערקלערונג. עס האָט איהם נאָר אויסגעזעהען אַ ביסעל וואונדערליך דער אויסרוף פונ'ם סליעדאָ-וואַטעל: „אָט דאָס איז גאָר?"... וואָס נאָך האָט זיך זיי געוואָלט, למשל?... דעם רעכטען פּשט פון די ווערטער האָט ער צוקיים ערשט דערנאָך, אַז מע האָט איהם אַרויסגעפיהרט און צוריק אין עטליכע מי-נוט אַרום אַריינגעפיהרט, און ערשט דעמאָלט געגעבען אַ נעם דעם בחור צום דין-וחשבון, ווי עס געהער צו זיין.

## דאָס פינפאונזעכציגסטע קאַפּיטעל.

## ער בלאָנזעט.

ביים ווייטערען פערהער, אַז מע האָט אַריינגעפיהרט דעם בע-שולדיגטען, האָט ער בעמערקט אַ קליינע פערענדערונג. אויפ'ן גרין-געדעקטען טיש זענען געווען צוגעגרייט פערשידענע זאַכען, אויסגע-לעגט יעדער מין בעזונדער. דאָרט זענען געווען:

1) דאָס פּעקעל ביכער, וואָס מע האָט פערנומען ביי איהם אינ'ם טאָג פון ערב-פסח.

2) אַלע זיינע פּאַפּירען, בריעף און נאָטיצען, איבערגעבונדען מיט אַ גרינעם פאָדים.

3) דאָס קליינע בייכיגע ביכעלע מיט'ן אויפשריפט „מיין טאָג-בוך".

4) אַנ'אַלטער ספר מיט פערשמאָלצעוועטע שוואַרצע טאָוולען און מיט אַ געלען צופוילטען רוקען. דעם דאָזיגען אַלטען ספר וואָלט דער בעשולדיגטער געמעגט שווערען, אַז ער זעהט דעם ערשטען מאָל אויף זיין לעבען. מיט אַ בעזונדער נייגיריגקייט האָט ער בעטראַכט די דאָ-זיגע אַלע זאַכען און די פּנים'ער פון די אויספאָרשער, וואָס האָבען אויסגעזעהען איצט נאָך מעהר האַפערדיג ווי פריהער.

וואָס וועט דאָ זיין?...

פּאַוואָלינקע, פּאָרזיכטיג איז אויפגעבונדען געוואָרען קודם-כל דאָס בינטעל כתבים און אַרויסגענומען און איבערגעלייענט געוואָרען דאָס בעוואוסטע בריוועל פון זיין שוועסטער „וויעראַ פּ.", וואָס שרייבט איהם, אַז זי הערט נישט אויף צו בעטען גאָט פאַר איהם, עס זאָל איהם גרינג אָנקומען, און ער זאָל זיי שוין דערפרעהען צום הייליגען יום-טוב מיט דער גוטער בשורה, אויף

וועלכער זיי אַלע קוקען שוין אַזוי אַרויס״...

עס ווערט איהם געשטעלט די פראַגע: ערשטענס, ווער איז אָט די וויערא פ., וואָס האַלט אין איין גאָט בעטען? און צווייטענס, וואָס איז דאָס פאַר אַבשורה, וואָס אַלע קוקען אויף איהר אַזוי אַרויס צוליעב׳ן הייליגען יום-טוב?...

די אַלע אונטערגעשטריכענע ווערטער ווערען אַרויסגעזאָגט צו-צויגען און מיט אַ בעזונדערע טראָפּ און אַלע אויגען זענען אָנגע-שטרענגט אויפ׳ן פּערברעכער, וואָס וועט ער זאָגען? רוהיג און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען ערקלערט זיי דער „פּערברעכער״, אַז די גו-טע בשורה, אויף וועלכע אַלע קוקען אַרויס, איז נישט מעהר ווי אַ טעלעגראַמע פון איהם, אַז ער, ראַבינאָוויטש, פאָהרט אויף פּסח אַהיים.

— מעהר נישט קיין זאַך?...

מעהר נישט קיין זאַך, אויסער אַ בריעף, אַז ער פאָהרט אויף פּסח אַהיים.

— פריהער האָט איהר געזאָגט אַ טעלעגראַמע, איצט זאָגט איהר שוין אַ בריעף?

אַ בריעף, אָדער אַ טעלעגראַמע, ס׳איז אַלץ איינס.

— נישט אַלע מאָל איז דאָס אַלץ איינס. דאָרט, וואו אַלע קו-קען אַרויס אויף אַ גוטער בשורה און בעטען גאָט, ס׳זאָל אָפּ-לויפען גלאַט, איז אַ טעלעגראַמע מעהר אויפ׳ן אָרט ווי אַ בריעף... נאָר לאָמיר דאָס אָפּלעגען אויף אַ זייט און זיך אומקעהרען צום אינ-האַלט פונ׳ם דאָזיגען בריעף. איהר זאָגט, אַז די בשורה, וואָס אַלע קוקען אַרויס אויף איהר צום הייליגען יום-טוב, איז מעהר נישט ווי אייער קומען צו פאָהרען אַהיים. נעמען מיר אָן, אַז ס׳איז אַזוי. פרעגט זיך: ווער זענען דאָס די אַלע, וואָס קוקען אַזוי אַרויס אויף אייער קומען צו פאָהרען?...

דער בעשולדיגטער פרובט זיך אויסטייטשען, אַז אַלע מיינט מען — די גאַנצע פאַמיליע.

— וואָלט געשטאַנען די גאַנצע פאַמיליע. דער בעגריף פונ׳ם דאָ-זיגען וואָרט אויפ׳ן דאָזיגען פּלאַץ קאָן נאָר זיין אַ גאַנץ אַנדערער, אַזעלכער, וואָס אייך לוינט זיך אפשר נישט אָנצורופען.

דער בעשולדיגטער, ווייזט אויס, איז נישט איינגענומען, וואָס מע גריבעלט זיך אין זיין שוועסטערס בריעף, פרובט ער זיך אַרויסדרעהען דורך אַנ׳אַנ׳ער מיטעל. ער ערקלערט זיי, אַז זיי האָבען נישט וואָס

צו זוכען אינ׳ם דאָזיגען אומשולדיגען בריוועל קיין שום פערבאָרגענעם געדאַנק, וואָרום נישט ער, ניט דער, וואָס שרייבט איהם דעם דאָזיגען בריעף, פיהרען נישט קיין פאָליטישע אַגיטאַציע, און מיט קאָנטראַבאַנדע בעשעפטיגען זיי זיך נישט.

— דאָס איז זעהר גוט, — ענטפערט איהם דער וואָס מיט׳ן שוואַרצען פענסנע — דאָס איז זעהר גוט, וואָס איהר פיהרט נישט קיין פאָליטישע אַגיטאַציע און וואָס איהר בעשעפטיגט זיך נישט מיט קאָנטראַבאַנדע. עס וואָלט אָבער געווען נאָך בעסער, ווען איהר זאָלט זיין אַביסעל אויפריכטיגער און זאָגען, ווער איז אָט די דאָזיגע, אָדער אָט דער דאָזיגער, וואָס שרייבט צו אייך דעם בריעף אונטערן נאָמען „וויערא פ.״

דאָ איז איהם געוואָרען נישט גוט. זעהר נישט גוט. נישט ווייל דריי פאָר אויגען האָבען איהם אין דער מינוט דורכגעדרונגען דורך און דורך. איהם האָט געקוועטשט אַנ׳אַנדער זאַך: אויסזאָגען זיי דעם אמת און אויפדעקען זיי דעם סוד, אַז די וויערא פ. איז וויערא פאָפּאָוואַ, און אַז די וויערא פּאָפּאָוואַ דאָס איז זיינע אַ שוועסטער און אַ טאָכטער פונ׳ם געוועזענעם ט—ר פּרעדוואָדיטעל דוואָריאַנסטוואַ, אַ פרומע קריסטין, וואָס בעט גאָט פאַר איהר ברודער, ער זאָל קומען אַהיים, און ווייטער גאָרניט — וואָלט געהייסען פלוצים אַראָפּוואַרפען די מאַסקע פאַר דער אָפּגערעדטער צייט, מאַכען אַ סוף צום דאָזיגען שפּאַס, וואָס איז אַוועק אַביסעל צו-ווייט... ער איז דערצו נאָך גאָר נישט צוגעגרייט נישט מצד זיך אַליין, נישט מצד זיין חבר, דעם אמת׳ן ראַבינאָוויטש, וועלכען ער קאָן אַריינשלעפּען אין אַ צרה, און אַליין אויך האָבען אַ רעכטען פּסק פאַר מעלדען זיך מיט אַ פאַלשען נאָמען און פאַר זיצען אויף אַ פרעמדען פּאַס מיט פרעמדע דאָקומענטען... און ועל כלם — און דאָס איז דער עיקר! — זיין ראָמאַן מיט שפּיראָס טאָכטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מעהר ניט ווי אַ שפּיעל, ווי אַ גרינגער פלירט פון אַ בחור מיט אַ מיידעל, און איז אַוועק אַזוי ווייט און אַזוי ערנסט, אַז ער קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס עס קאָן דערפון אַרויס פאַר זיי ביידען, ווען ער רייסט איבער סאַמע איצט אין רעכטען אָנהויב, אין רעכטען ברען פון זייער פריינדשאַפט, וואָס האָט אָנגעהויבען אַריבערגעהן אין אַזאַ פלאַם-פייערינע ליעבע... ניין! לאָז זיך זיין וואָס עס וויל זיך — ער וועט נישט זאָגען, ווער דאָס איז. ער קאָן נישט זאָגען.

— איהר קאָנט נישט זאָגען? צי איהר ווילט נישט זאָגען?

דער בעשולדיגטער מיינט, אַז ס'איז אַלץ איינס. ער רעכענט, אַז יעדער מענש האָט רעכט צו האָבען זיינע אייגענע אינטערעסען, וואָס געהערען זיך אָן נאָר צו איהם אַליין...

— גאַנץ ריכטיג, — רייסט איהם איבער דער עלטערער וואָס מיט'ן שוואַרצען פענסנע און זעצט פאָרט זיין אַרבייט גאַנץ ענערגיש — גאַנץ ריכטיג. יעדער מענש האָט רעכט צו האָבען זיינע אייגענע אינטערע-סען. דאָרט אָבער, וואו די אויספאָרשונג שלאָגט זיך דורך אַ וועג, וויל דערגעהן דעם אמת, וואָס ווערט געזוכט — דאָרט איז נישטאָ קיין אָרט מעהר פאַר אייגענע אינטערעסען און סודות. איהר זייט אַזוי גוט און זאָגט אָקאָרשט, ווער איז אָט דער, וואָס שרייבט זיך אונטער מיט אַ נקבה'שען נאָמען וויערא פ.? וואו וואוינט ער? און מיט וואָס פערנעמט ער זיך?

דער בעשולדיגטער האַלט זיך קוים איין, ער זאָל זיך ניט צולאַ-כען. וואָס איז זיי געפעלען, אַז וויערא פ. בעדאַרף זיין איין „ער“ — ניט קיין „זי“? ער פערשטעהט ניט, וואָס פאַר אַ שייכות קאָן האָבען זיין שוועסטער וויערא און איהר בריוועל צו דער אויספאָרשונג? און פאַרוואָס זאָל ער נישט טאָרען האָבען זיינע סודות? און ער בלייבט ביי זיינעם: „ניין, ער קאָן ניט זאָגען“.

— פערשרייבט! — מאַכט דער עלטערער צום יונגערען, און דער יונגערער, דער וואָס מיט די צוויי קעפּ און מיט די שאַרפע ברילען, פערשרייבט. דער בעשולדיגטער קוקט אַריין, ווי יענער שרייבט, גלייך ווי מע טוט דאָס פון זיין כבוד וועגען, און ער פערשטעהט ניט, האָטש נעמט איהם אַראָפּ דעם קאָפּ, וואָס טוט זיך דאָ?...

לאַנג טראַכטען אָבער לאָזט מען איהם ניט. דער וואָס מיט'ן שוואַרצען פענסנע לעגט צונויף דאָס בריוועל צוריק אין פעקעל אַריין, בינדט עס צונויף מיט'ן זעלבען גריינעם פאָדים, שטעהט אויף, נעמט זיך צום פעקעל ביכער, ציהט אַרויס אַ בוך נאָך אַ בוך, רופט זיי אָן ביי די נעמען און ווענדט זיך צום בעשולדיגטען, ענערגיש, נאָר פריינד-ליך ווי פריהער, ער זאָל זיי ערקלערען, צו וועלכען צוועק ער האָט צונויפגעזאַמעלט ביי זיך די דאָזיגע ליטעראַטור פונ'ם אַזוי גערו-פענעם „ריטואַל“?

דער בעשולדיגטער איז צופרידען, וואָס מע האָט איהם געלאָזט צורוה מיט זיין שוועסטערס בריוועל, און האָט זיך גענומען גאַנץ אויפ-

ריכטיג און דייטליך צו ערקלערען דעם גאַנצען אמת: אַז אַזוי ווי אין דער לעצטער צייט, באַלד נאָכדעם ווי מע האָט געפונען דעם וואָ-לאָדי שטשיגרינסקי אַ געהרג׳עטען, האָבען די געוויסע בלעטער אויפ-געהויבען אַ שאַרפע אַגיטאַציע וועגען דעם, אַז יודען בענוצען קריסט-ליך בלוט אין זייער „מאַצצאַ״ אויף פסח, איז איהם געווען זעהר אינטערעסאַנט צו בעקענען זיך מיט דער היסטאָריע און מיט דער גאַנ-צער ליטעראַטור פונ׳ם ענין, וואָס מע רופט איהם „ריטואַל״, וואָס ער אַנטליהען ביי אַ בעקאַנטען דאָס דאָזיגע פּעקעל ביכער אויף איבערצו-לייענען איבער יום-טוב און נאָכדעם אַוועקגעבען צוריק.

— און ביז דעמאָלט האָט איהר גאָר נישט געוואוסט, וואָס איז אַזעלכס אָט דאָס, „וואָס מע רופט אָן „ריטואַל״?

דער בעשולדיגטער האָט נישט בעמערקט, ווי איראָניש די פראַ-גע איז געשטעלט געוואָרען, און ענטפערט בתמימות, אַז ער האָט כמעט נישט געוואוסט.

— כמעט? ווי זאָל מען פערשטעהן דאָס וואָרט „כמעט״?

ער ערקלערט, אַז „כמעט״ הייסט, אַז ער האָט געוואוסט, אַז יודען בענוצען קריסטליך בלוט, דאָס הייסט ער וויל זאָגען, ער האָט געהערט...

— אָט האָט איהר נאָר-וואָס געזאָגט גאַנץ קלאָר, אַז איהר האָט געוואוסט, אַז יודען בענוצען קריסטליך בלוט, איצט זאָגט איהר שוין, אַז איהר האָט געהערט... וואו האָט איהר עס אַ שטייגער געהערט?

וואו ער האָט דאָס געהערט? ער האָט געלייענט וועגען דעם אין די בלעטער...

— פריהער האָט איהר עס געוואוסט, דערנאָך האָט איהר עס געהערט, איצט האָט איהר שוין נאָר געלייענט פון די בלעטער... אפשר וועט איהר זיין אַזוי גוט אָנרופען ביים נאָמען יענעם בעקאַנ-טען, וואָס האָט אייך אויסגעליהען די דאָזיגע ליטעראַטור?

דאָ איז איהם ווידער געוואָרען שלעכט. אָנרופען דעם רב, וועל-כער איז געווען אַזוי פריינדליך צו איהם און איהם בעזאָרגט מיט די דאָזיגע ביכער, וואָלט געהייסען אָפּצאָהלען אַ רעה פאַר אַ טובה, וואָ-רום ווער ווייס, וואָס אין די ביכער געפינט זיך נאָך, אַז בסך הכל האָט ער צייט געהאַט אינ׳ם טאָג פון ערב-פסח איבערקוקען מעהר ניט אַז אַ פּאָר פון זיי, אי דאָס געצעהלטע בלעטער. איז ער געפאַלען אויף אַנ׳עצה און האָט זיי אָפּגעטאָקט אַליגען און נאָך אַ כפול-שמונה׳דיגען

דערצו: אַז די דאָזיגע בלעטער האָט איהם אויסגעליהען אַ בעקאַנטער, וואָס ער האָט פערגעסען זיין נאָמען, און אַז דער בעקאַנטער איז אַוועקגעפ, ה־ען — ער ווייס ניט וואוהין, און אַז ער ווייס ניט, אויב ער וועט נאָך קומען צוריק...

דאָס האָט ער שוין צוגעטראַכט צוליעב דעם, ער זאָל פּטור ווערען איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון דעם דאָזיגען פּעקעל, וואָרום ער פיהלט, אַז וואָס ווייטער ער געהט, מעהר בלאָנזעט ער, און וואָס מעהר ער רעדט, מעהר פלאָנטעט ער מיט דער צונג, און אַלסדינג, וואָס ער זאָגט, זעהט ער, ווי עס ווערט פערשריבען. צו וואָס אַ שטייגער פערשרייבען זיי דאָס, צוליעב וועלכען צוועק פרעגען זיי זיך אַזוי נאָך אויף די דאָזיגע ביכער? צו וואָס דאַרף מען דאָס? און וואָס פאַר אַ שייכות האָבען זיי בכלל צו דעם, וואָס מע האָט איהם אַהער געבראַכט? און פאַרוואָס קעהרט מען זיך ניט אום צום רעכטען ענין וועגען וואָלאָדקאַ שטשיגרינסקיס טויט און צו דערערקלערונג, וואָס ער האָט זיי דאָ היינט געגעבען?...

דער בעשולדיגטער ווישט זיך דעם שוויס פונ׳ם שטערן און קוקט אויף די אויספאָרשער, וואָס רעדען זיך דערווייל דורך שטילערהייד צווישען זיך. די ביכער זענען צוריק צונויפגעלעגט געוואָרען און איבערגעבונדען אין זייער פּעקעל, און אויף זייער אָרט האָט זיך בעוויזען דאָס קליינע בייכיגע ביכעלע מיט׳ן אויפשריפט: „מיין טאָג-בוך״, און ראַבינאָוויטש האָט זיך אַ טראַכט געגעבען: ניט שוין-זשע וועט מען זיך נעמען גריבלען אין זיין „טאָג-ביכעל״, אַזוי ווי מען האָט זיך געגריבעלט נאָר-וואָס אין זיין שוועסטערס בריוועל? נאָר וואָס איז דאָרט פאַראַן אויסער געדאַנקען וועגען זיין געליעבטער?... און וואָס וועט ער זיי זאָגן, טאָמער גריבלען זיי זיך ביי איהם אין דער נשמה: ווער איז בעטי? און וואָס איז בעטי?

אונזער פערברעכער האָט נעבאַך געהאַט אַ גרויסען טעות. אַ סברה, אַז ביי איהם אין „טאָגביכעל״ האָבען זיך געפונען אַ סך וויכטיגערע זאַכען פאַר דער אויספאָרשונג, ווי אַלע זיינע נאָטיצען וועגען זיין געליעבטער...

## דאָס זעקסאונזיבציגסטע קאַפּיטעל.

### טיעפער אין וואַלד, געדיכטער די בוימער.

— זאָגט נאָר, ראַבינאָוויטש: דאָס איז אייער טאָג-בוך?

ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט נאָך פריהער דערקענט דאָס בייכי-גע ביכעלע, טוט פון יוצא וועגען אַ קוק אַריין אינווייניג אַריין און ערקלערט, אַז יאָ, ס'איז זיין טאָג-בוך.

דער עלטערער, וואָס מיט'ן ענערגישען פּנים, מאַכט צורעכט זיין שוואַרצען פּענסנע און בעט דעם בעשולדיגטען, ער זאָל זיין אַזוי גוט און אויפקלערען דעם זין פון דעם, וואָס ער שרייבט אָט דאָ אין זיין טאָג-בוך (ער לייענט אויסגעצויגען, ווי זיין שטייגער איז, און אונ-טערשטרייכט כמעט איטליכס וואָרט):

„הוראַ! היינט בין איך געווען ביי די מצות! איך אַליין בין געווען דערביי און בין צופרידען, זעהר צופרידען, וואָס איך אַליין בין געווען דערביי”...

— קאָנט איהר אונז אפשר זאָגען, וואָס אייגענטליך האָט איהר דאָרטען געטאָן ביי דער „מאַצצאַ”? און וואָס זענט איהר געווען אַזוי גליקליך, וואָס איהר זענט אַליין געווען דערביי?...

ניט באַלד האָט זיי דער בעשולדיגטער געענטפערט דערויף. ער האָט געפונען פאַר נויטיג צו געבען פריהער אַ שטיקעל הקדמה אַלץ וועגען דער אַגיטאַציע, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אין דער לעצטער צייט אין דער ליטעראַטור, אַז יודען בענוצען קריסטליך בלוט אין זייער „מאַצצאַ” אויף פּסח... האָט מען איהם אָבער איבערגעריסען סאַמע אין אָנהויב און געבעטען, ער זאָל זיך ניט אַריינלאָזען אין ווייטע הקירות וועגען ליטעראַטור און ענטפערן גלייך, קורץ און שאַרף, אויף דעם, וואָס מע פרעגט ביי איהם: „וואָס האָט ער געטאָן ביי דער

„מאַצאַ״ און וואָס איז ער געווען אַזוי צופרידען, וואָס ער איז אַליין געווען דערביי?...

קורץ און קלאָר ענטפערט ער דערויף, אַז געווען איז ער דאָס צום ערשטען מאָל ביי דער דאָזיגער צערעמאָניע מעהר נישט ווי אָנ-צוקוקען, ווי אַזוי עס ווערט געבאַקען דאָס דאָזיגע ברויט, וואָס האָט אַזאַ איין אַלטע היסטאָרישע פערגאַנגענהייט און איז איינגעוויקעלט אין אַזאַ שרעקליכער לעגענדע... און צופרידען איז ער געווען דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט ענדליך אַ געלעגענהייט פערזענליך צו איבערציי-גען זיך, ווי אַזוי די „מאַצאַ״ ווערט געבאַקען, און אָפּשאַצען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, די בעדייטונג פון׳ם „ריטואַל״...

ראַבינאָוויטש איז געווען גאַנץ צופרידען מיט זיך אַליין, ווי פיין און ווי קיילעכיג ער האָט זיך עס אַ ביסעל אויסגעדריקט. נאָר אין דערזעלבער צייט איז ער געווען איבערראַשט, ווי ער האָט דער-הערט, ווי דער עלטערער האָט אַזאָג געגעבען צום יונגערען: „פער-שריבען?״ —„פערשריבען״ ענטפערט איהם יענער, און דער ערשטער געהט ווייטער:

— אין אייער טאָג-בוך זאָגט איהר ווייטער (לייענט, צוציהט די ווערטער): „מאָרגען געה איך צום רב... איך וועל רעדען מיט איהם וועגען דאָגמאַטען און וועגען רי—טו—אַל״... דאָס לעצטע וואָרט האָט ער בעזונדער צוצויגען, צונויפגעלעגט די הענד אויפ׳ן האַרצען, זיך אָפּגעוואָרפען צוריק אויף זיין שטוהל, האַלב-צוגע-מאַכט די אויגען און געוואַרט אויף ענטפער. אויף די איבעריגע צוויי האָבען געוואַרט, וואָס וועט ער דערויף ענטפערן?... ער האָט זיי נישט געלאָזט לאַנג וואַרטען און געוואָלט זיי ערקלערען, אַז ווייל ער איז נישט קאָמפּעטענט גענוג אין די רעליגיעזע דאָגמאַטען, דעריבער האָט ער זיך געוואָלט דורכשמועסען מיט אַנ׳אויטאָריטעטנע פערזאָן...

— איהר זענט נישט קאָמפּעטענט גענוג אין די רעליגיע-זע דאָגמאַטען? — רייסט איהם איבער דער עלטערער, קוקענדיג אויף זיינע קאָלעגען מיט פערוואונדערונג, — איהר פערברענגט די צייט מיט די, וואָס רופען זיך „חאַססידימצעס״, און זענט נאָך נישט קאָמפּעטענט גענוג? ווי קומט עס, איך בעט אייך? אָט אָ דאָ זאָגט איהר אַליין אין אייער טאָג-ביכעל (לייענט): „נעכטען האָב איך פערבראַכט אין אָוועגד מיט חאַססידים״... ווער זענען דאָס די דאָזיגע „האַססידים״, ווי איהר רופט זיי אָן? צו וואָס פאַר אַ סעקטע

געהערען זיי׳

ראַבּינאָוויטש פאַלט נאָך אַלץ ביי זיך נישט אַראָפּ און ערקלערט זיי גאַנץ רוהיג, וואָס הייסט „חאַססידים״. ער זאָגט, אַז, לויט איהם איז בעוואוסט, זענען „חאַססידים״ קיין שום סעקטע נישט, און אַז ביי יודען איז איבערהויפּט נישטאָ קיין סעקטעס...

— פון וואַנען-זשע נעמט זיך צו זיי בעזונדערע מינים טענץ? אָט זאָגט איהר אין אייער טאָג-ביכעל ווייטער (לייענט): „איך האָב געטאַנצט אינאיינעם מיט אַלע חאַססידים זייער חאַססידים-טאַנץ״... וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַמין חאַססידים-טאַנץ?

דאָס איז אַגעוועהנליכער טאַנץ — גיט ער זיי צו פערשטעהן: — מע נעמט צו גלעזלעך משקה, ווערט מען פריילִיך. דער, וואָס קאָן זינגען, זינגט. דער, וואָס קאָן נישט זינגען, דער פּליעסקעט מיט די הענד, און די אַלע איבעריגע העפּען...

— וואו איז דאָס געווען, אין וועלכען אָרט האָט איהר זיך עס בעקענט מיט דער דאָזיגער סעקטע, און קאָנט איהר זיי נישט אָנרופען ביי די נעמען?

דאָ איז אונזער העלד, וואָס האָט שוין געהאַט אַ ביסעל ווי בערוהיגט זיך און אָנגעהויבען רעדען אַזוי ברייט. ווידער אַמאָל געבליבען געפּלעפּט, אָהן ווערטער. אָנרופען ביים נאָמען שפּיראָס שוואָגער, וואו ער האָט אַזוי פריילִיך פערבראַכט פורים צו דער סעודה, — דאָס וואָלט געווען אַזוי גוט ווי אַריינפּלאָנטען אַהער זייטיגע מענשען, וואָס ווייסען נישט פון וואָס צו זאָגען. און ער פּרובט זיך געבען זיין ערקלערונג: אַזוי ווי דאָס איז געווען שוין לאַנג, דאַכט זיך, אַז אין מיטען ווינטער, דעריבער האָט ער פערגעסען...

מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע בעמערקט איהם דער עלטערער און טוט אַ קוק אויף זיינע קאָלעגען:

— אַ שאָד, וואָס איהר האָט אַ קורצען זכרון — איהר וואָלט זיך געקענט דערמאַנען אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכען. צום ביישפּיעל, אָט זאָגט איהר אין אייער טאָג שוין צום סאַמע לעצט (לייענט): „היינטיגער טאָג איז ביי מיר אַוועקגעגאַנגען כמעט אינגאַנצען אויפ׳ן ריטואַל... היינט האָב איך גע...״ דערמאַנט אייך אָקאָרשט, וואָס פאַר אַוואָרט האָט איהר געוואָלט אַוועקשטעלען ווייטער נאָכ׳ן „גע״...?

דער בעשולדיגטער בייגט זיך צו און קוקט זיך איין. די אויס-

פאָרשער אויך מיט איהם. ניין, ער קאָן נישט געדענקען איצט, וואָס פאַר אַ וואָרט ער האָט דעמאָלט געוואָלט אַוועקשטעל׳ן ...

— אַזוי? — האָט אויסגעצויגען דער פיהרער פון דער אויספאָרשונג מיט אַ טיעפען זיפץ — אַזוי? איהר קאָנט זיך נישט דערמאַנען? אפשר וועט אייך אָט דאָס בילד זאָגען, וואָס פאַר אַ וואָרט איהר האָט דע-מאָלט געוואָלט אַוועקשטעלען?... און מיט די ווערטער טראָגט ער איהם אונטער דעם אַלטען ספר מיט די פערסמאָלצעוועטע טאָוולען און צופוילטע רוקען און עפענט איהם אויף אַ פערבויגען בלעטעל, טוט איהם אַ ווייז מיט׳ן פינגער אויפ׳ן בילד, וואָס שטעלט פאָר אַ עלטערען מאַן אין אַ לייבסערדאַק מיט באָרד און פאות האַלט אַ קאַווקאַזער שטעכמעסער און וויל אַריינשטעקען אין האַלז אַריין פון אַ נאַקעטען יונגעל, וואָס ליגט אַ געבונדענער, ווי אַ שעפעלע גאַנץ רוהיג, ווי איי-נער רעדט: נאַט, קוילעט מיך, שניידט מיך, שטעכט מיך, טוט מיט מיר, וואָס איהר ווילט״...

דער ספר—דאָס איז געווען אונזער אַלטע בעקאַנטע הגדה פון דוד שפּירא, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו איהם בירושה פון די אמת׳ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס, און דאָס בילד איז געווען דאָס בעריהמ-טע געמילד, ווי אַזוי אונזער פאַטריאַרך אברהם אבינו ברענגט אויף זיין איינאונאיינציגען זוהן יצחק אויף דער עקדה. אונזער גימנאַ-זיסטעל סיאָמקע, געדענקען מיר, האָט דאָס דאָזיגע געמאָלעכטס דע-מאָלט אינ׳ם טאָג פון ערב-פסח, פאַר דעם אָביסק, געבראַכט אין התפעלות. ראַבינאָוויטש זעהט דאָס דעם ערשטען מאָל אויף זיין לע-בען. האָט ער זיך אָנגעבויגען איבערן אַלטען ספר און קוקט און קוקט, ווי אַ האָהן אין בני-אדם — ער זאָל דאָס אָנהויבען צו וויסען, וואָס דאָס איז! די אויספאָרשער האָבען זיך אויך איבערגעבויגען אי-בערן בוך, חאַפּען אַ קוק אויפ׳ן בילד, אויפ׳ן פערברעכער און אייגער אויפ׳ן אַנדערען, ווילען וויסען, וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק האָט געמאַכט אויפ׳ן פערברעכער די דאָזיגע אילוסטראַציע און וואָס וועט ער זאָגען? לאָזט זיך אויס, אַז די אילוסטראַציע האָט נישט געמאַכט אויפ׳ן פער-ברעכער קיין שום אַיינדרוק, אויסער נאָר וואָס ער איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט. פערשטעהט נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין קאַריקאַטור. ממה נפשך: איז דאָס אַ גוי, צו וואָס טראָגט ער אַ לייב-סערדאַק מיט אַזעלכע לאַנגע פאות׳ן? און ווי קומט אַהער אָט דער ספר? און וואָס געהער ער זיך אָן מיט איהם? און וואָס פאַר אַ

שייכות האָט דאָס צו דער אויספּאָרשונג? און וואָס געהער זיך דאָס אָן מיט'ן גע'הרג'עטען וואָלאָדקע?...

נאָך אַ פּאָר לאַנגע מינוטען פון שטילשווייגען און פון איבערקוקען זיך ווערט איהם אַוועקגעשטעלט די פראַגע, ער זאָל זיי ערקלערען די בעדייטונג פון דעם דאָזיגען סימבאָל, וואָס לאָזט עס זיי הערען?...

דער פערברעכער איז זיך מודה, אַז ער ווייס אַליין נישט, וואָס דאָס איז. ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געזעהען.

— קיינמאָל נישט?

קיינמאָל נישט.

— אפשר וואָלט איהר זיך מטריח זיין איבערלייענען אַ פּאָר שורות אָט דאָ אין טעקסט, טאָמער וועט אייך קלאָר ווערען?...

מיט פערגעניגען וואָלט ער עס געטאָן, נאָר... (ער ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, נאָר ער ווערט אַ ביסעל רויטליך) ער איז זיך מודה, אַז ער קאָן נישט איבערלייענען, וואָס דאָ שטעהט.

— פאַרוואָס?

ווייל ס'איז... אויף יודיש. און יודיש לייענען קאָן ער ניט.

אַלע דריי זענען איבערראַשט.

— איהר קאָנט ניט לייענען אויף יודיש?

ניין. ניט לייענען, ניט שרייבען, ניט רעדען...

ווען עס זאָל זיך אַרויסבעווייזען, למשל, אַז ער איז אַ פענאָמען, וואָס פערמאָגט צו זיבען פינגער אויף יעדער האַנד און אויף יעדען פוס, וואָלט ער זיי נישט געקאָנט אַזוי איבערראַשען, ווי ער האָט זיי איבערראַשט מיט די לעצטע ווערטער. סטייטש: אַ יוד, וואָס שטודירט „ריטואַל", „דאָגמאַטען" און „קאַבבאַלאַ", פערנעמט זיך אַליין מיט דער צערעמאָניע פון „מאַצצאַ", טאַנצט מיט אַלע „חאַססידימצעס" און „סיאָפּצעוואוכעס" — און האָט אַ העזה צו זאָגען, אַז ער פערשטעהט ניט אויף יודיש, ניט לייענען, ניט שרייבען, ניט רעדען!? אַ רעכטער פויגעל! ניט איהם וועט זיין צו זינגען און צו זאָגען...

דער עלטערער שטעהט אויף, מאַכט צורעכט דעם פענסנע און לייסט דעם יונגערען פערשרייבען די פאָלגענדע ווערטער:

„דער בעשולדיגטער זאָגט, אַז ער קאָן ניט קיין יודיש. ניט לייענען, ניט שרייבען, ניט רעדען".

פאַר דער גאַנצער צייט הערט ראַבינאָוויטש דאָס ערשטע מאָל,

אַז מע רופט איהם אָן מיט׳ן נאָמען „בעשולדיגטער”. אין וואָס למשל בעשולדיגט מען איהם? ניט שוין-זשע איז מען איהם חושד אינאיינעם מיט די שפּיראָס אין „ריטואַל-מאָרד”?!... און ער פּיהלט, אַז ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ מאָדנער סיטואַציע, אין וועלכער ער איז אַליין שולדיג. ער האָט דערזעהען, אַז עס הויבט זיך אָן פאַר איהם אַמין טראַגי-קאָמעדיע, וועלכע ער אַליין האָט פאַר זיך געשאַ-פען. נאָר נישט דאָס הויבט איהם אָן צו אַרען, ער זאָל זיך נעמען צום האַרצען, וואָרום אין דער אמת׳ען וואָס האָט ער פאַר אַ דאגה, אַז ס׳איז גענוג, ער זאָל נאָר זאָגען איין וואָרט, ער זאָל נאָר אָנרופען דעם אמת׳ען נאָמען זיינעם, און די גאַנצע דאָזיגע טראַגי-קאָמעדיע זאָל בטל ווערען, זיך צוגעהען ווי אַ רויך. נאָר דאָס קאָן ער נאָך איצט נישט טון. דאָס וועט ער ניט פערשפּעטיגען קיינמאָל... מען דאַרף פריהער זעהען, וואָס וועט זיין דערפון? ניט שוין-זשע איז מעג-ליך, מע זאָל בויען אַ בעשולדיגונג אין אַזאַ שרעקליכען פערברעכען אויף דעם גרונד פון אַזעלכע לעכערליכע בעווייזען, וואָס שטעהען אויף היהנערשע פיסלעך? נישט שוין-זשע איז אַרויסגוואָרפען די גאַנצע געשיכטע, וואָס ער האָט זיי דאָ, וועלענדיג העלפען דער אויספאָרשונג און ראַטעווען די אומשולדיגע שפּיראָס, איבערגעגעבען אַזוי פּינקטליך, אַזוי באריכות? און נישט שוין-זשע האָט זיי די דאָזיגע קלאָרע געשיכטע נאָך נישט געעפענט די אויגען? אָדער רעכענען זיי, אַז דאָס האָט ער זיי די גאַנצע מעשה אויסגעטראַכט פון קאָפּ נאָר אויף צו פערבלענ-דען זיי די אויגען?...

ער וואַרפט אַ קוק אויף די אַלע דריי אויספאָרשער: „ניט שוין-זשע איז דאָס מעגליך, אַז מענשען מיט געזונדען פערשטאַנד זאָלען קאָנען אַוועק אַזוי ווייט?... ניט שוין-זשע וועלען די דאָזיגע מענשען, דאַכט זיך אינטעליגענטע, לייטישע און עהרליכע מענשען, וואָס זעהען אויסען, ווי עס ווייזט אויס, נישט מעהר אַז איין זאַך — צו דער-געהן דעם אמת, ניט וועלען סוף כל סוף עפענען די אויגען, אויפוואַכען פונ׳ם קאָשמאַר, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אויף זיי די וועלט-לעגענדע פונ׳ם ריטואַל, און דערזעהען דעם אמת, וואָס שטעהט נאַ-קעט ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט, און זיך איבערצייגען, אַזוי ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז מעהר ניט ווי אַ חלום, אַנ-איינבילדונג, וואָס געהט בירושה פון דור צו דור, אַ שקר, אַ געוואַל-טיגער וועלט-ליגען?”...

אָט דאָס זענען געווען אין דער דאָזיגער מינוט די געדאַנקען פון אונזער העלד, וואָס האָט גאָרנישט געהערט שוין מעהר, וואָס אַרום איהם קומט פאָר. ער האָט נישט געהערט אפילו די דרשה, וואָס דער עלטערער פון די אויספּאָרשער האָט צום סוף געפונען פאַר נויטיג צו זאָגען פאַר'ן פערברעכער אין אַ ווייכען ווארימען טאָן, אַז ער זאָל אויפהערען שפּיעלען זיין קאָמעדיע, אַז מיט זיין מודה זיין זיך אינ'ם פערברעכען און מיט זיין אָנרופען דעם נאָמען פון דער סעקטע וואָלט ער נאָך געטאָן אַ טובה זיינע גלויבענסגענאָסען. די וועלט וואָלט געוואוירע געוואָרען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ווער די אמת'ע פערברעכער זענען, און מע וואָלט אויפגעהערט צו בעשולדיגען דאָס גאַנצע יודישע פאָלק, אַז זיי אַלע מוזען האָבען קריסטליך בלוט אויף פסח.

— למאי פערלייקענען מיר ניט צום ביישפּיעל אונזערע אייגענע סעקטעס און סעקטאַנטען? — האָט ער אויסגעלאָזט זיין ריהרענדיגע דרשה, וואָס איז געווען לחלוטין איבעריג, אַרויסגעוואָרפען. דער פערברעכער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז דאָס, וואָס ער האָט זיי דאָ דערצעהלט וועגען דעם שרעקליכען רעטעניש, איז דער איינציגער אמת, און אַז קיין אַנדער אמת ווייס ער ניט, וואָרום ס'איז דאָ נאָר איין אמת אויף דער וועלט. ער האָט זיך גאָר נישט איבערגעשראָקען און אפילו ניט איבערגעביטען זיך אין פנים, אַז מע האָט איהם ערקלערט, אַז מע שיקט איהם אָפּ אין טורמע פון זיין טובה וועגען, בכדי ער זאָל זיך דאָרט בעטראַכטען און, זיצענדיג איינער אַליין, זיך איבערלעגען, טאָמער וועט ער קליגער ווערען און סוף כל סוף, אין זיינע אייגענע אינטערעסען און אין די אינטערעסען פון דער גערעכטיגקייט, אויסזאָגען ניט דעם פאַנטאַסטישען אמת, נאָר טאַקי דעם אמת'ען אמת, וואָס ער ווייס וועגען דעם דאָזיגען „שרעקליכען רעטעניש", ווי ער רופט דאָס אָן...

## דאָס זיבענאונזעכציגסטע קאַפּיטעל.

## אַ נערווען-פיבער.

וואָס איז פאָרגעקומען מיט בעטין אויף מאָרגען אין דער פריה און דעם גאַנצען טאָג נאָך דער שענער נאַכט, וואָס זי האָט איבער-געלעבט? — דאָס ווייסט זי אַליין ניט.

ווי אַ שטורם האָט זיך דאָס אַלסדינג איבערגעטראָגען איבער איהר קאָפּ, און ווי אַ חלום איז דאָס פּאַר איהר איבערגעגאַנגען, ווי אַ לאַנגער, שווערער חלום.

עפּעס געדענקט זיך איהר, אַז מע האָט זי איבערגעפיהרט פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען. עפּעס האָט מען גערעדט צו איהר. עפּעס האָט מען זי אויסגעפרעגט. עפּעס האָט זי געענטפערט. אַלערליי מענש-ליכע פּנימ'ער האָט זי פאַר זיך געזעהען און אַלערליי רייד האָט זי געהערט. און וואָס מענשליכער עס זענען געווען די פּנימ'ער, און וואָס ווייכער עס זענען געווען די רייד, מעהר האָט זי זיך דערמאַנט אָן דער פערגאַנגענער נאַכט, און דער גאַנצער שמערץ מיט'ן גאַנצען צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען ביי איהר אויף דער נשמה דורך דער דאָזיגער שרעקליכער נאַכט, איז גרייט געווען אַלע מינוט אַרויס-גיסען זיך ביי איהר דורך ווערטער אָדער דורך טרערען. נאָר רעדען האָט זי נישט געקאָנט און קיין טרערען זענען נישט געווען. אַ קנויל האָט זיך איהר געשטעלט אין האַלז, דאָס האַרץ איז איהר צונויפגע-שרימפּען, און אָנשטאָט דעם, זי זאָל זיך אויסוויינען, טאָמער וועט איהר גרינגער ווערען, איז אויף איהר פּלוצים אָנגעפאַלען אַ געלעכטער, און זי איז אומגעפאַלען אויפ'ן ערשטען בענקעל און האָט זיך צולאַכט.

און געלאַכט און געלאַכט, הויך געלאַכט, לאַנג געלאַכט, ביז דער

געלעבּטער איז סוף־כּל־סוף איבערגעגאַנגען אין אַ געוויין, אַ יאָמערלי־כען געוויין.

נאָר ס׳איז איהר דערפון אויך ניט גרינגער געוואָרען. אדרבה, וואָס מעהר זי האָט געוויינט, מעהר האָט דאָס זי געשטיקט, מעהר האָט דאָס איהר געפּרעסט דאָס האַרץ און צונויפגעצויגען די נשמה. וואָס מעהר זי האָט זיך געוואָלט איינהאַלטען, געוועלטיגען איבער זיך, מעהר האָט דאָס זי געשטויסען צו שרייען און צו רייסען זיך ביי די האָר און צו שלאָגען זיך מיט די הענד אין קאָפּ.

— דאָס מיידעל איז גערירהרט, מע בעדאַרף זי בינדען! — האָט אַ זאָג געגעבען איינער פון די, וואָס האָבען זי געבראַכט צו פיהרען אַהער. ער האָט נאָך אין דער פריה בעמערקט, אַז דאָס מיידעל איז ניט ביי אַלע געדאַנקען...

און ער דערצעהלט גאַנץ אויספיהרליך, ווי אַזוי זי איז היינט אין דער פריה אָנגעפאַלען אויף איהם, למאי ער איז געקומען נאָך איהר איינער אַליין, און ווי אַזוי זי האָט געפאָדערט פון איהם, אַז ער זאָל קומען מיט נאָך איינעם, וואָרום מיט איהם אַליין וועט זי ניט געהן, דער טויט זאָל איהר זיין! נו, איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָס מיידעל איז גערירהרט און מע בעדאַרף זי בינדען — לאָזט אויס דער דאָזיגער מענש און איז גרייט צו טון אַלסדינג, וואָס מע וועט איהם הייסען. לאָז מען איהם נאָר הייסען.

— איהר זענט אַליין גערירהרט! — האָט זיך דערהערט אַן׳אַנגענע־מענע שטימע.

ווער האָט דאָס געזאָגט?

דאָס האָט געזאָגט, געדענקט זיך איהר, אַ מאַן אַן׳עלטערער שוין, מיט אַ זעהר סימפּאַטיש אויסזעהען, מיט גוטע גרויע אויגען. אָנגעטאָן איז ער געווען, געדענקט זיך איהר, אין אַ מונדיר פון געלען זומער־שטאָף, פון וואַנען עס האָבען אַרויסגעקוקט אַ שניי־ווייס העמד און קלאָר־ווייסע הענד.

דאָס איז געווען דער מענש, וואָס האָט אויף איהר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק מיט זיין מענשליך רעדען, מיט זיין מענשליך בעגעהן זיך מיט איהר און מיט זיין וואַרימען קוק פון זיינע פּראָסטע גוטע גרויע אויגען. זי ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר זי האָט דערפיהלט אַ מענשען אין׳ם דאָזיגען מאַן. אַ מענש זיצט אַקעגען איהר, אַ מענש, וואָס וועט זי פערשטעהן, אויב זי וועט איהם דערצעהלען,

וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דער פערגאַנגענער נאַכט...

און זי וויל אָנהויבען דערצעהלען, עפּעס רעדען, נאָר זי קאָן ניט. אַנ׳אומגליק, זי קאָן ניט רעדען!

דער מאַן שטעהט אויף, נעמט זי אָן ביי דער האַנד, האַלט זי ביים דופק, גלעט איהר דעם שטערן, די האָר. ער בעט זי, זי זאָל זיך בערוהיגען. ווער איז דער דאָזיגער מאַן, וואָס אין זיינע ווערטער הערט זיך אַזוי פיעל מיטלייד און סימפּאַטיע? אַזוי קאָן רעדען נאָר אַ פאָטער צו אַ קינד, אָדער אַ ברודער צו אַ שוועסטער...

— ניט שוין-זשע זעהט איהר ניט, וואָס דעם מיידעל איז? דעם דאָקטאָר לאָז מען רופען. דעם דאָקטאָר!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און ווייטער? וואָס איז געווען ווייטער?

לאָזט איהר נאָר אָקאָרשט דערמאַנען זיך. זי געדענקט אַלסדינג.

זי געדענקט אַ נאַכט... אַ לאַנגע, אַ שווערע, אַ פינסטערע, אַ פינסטערע נאַכט... מאָדנע פאַרבען, מאָדנע געשטאַלטען, מאָדנע פיגורען זעהט זי... עפּעס דרעהען זיי זיך מאָדנע אַרום אַ זאַך, וואָס ליגט פערבונדען אין אַ ליילעך. די זאַך, וואָס ליגט פערבונדען אין אַ ליילעך — זי ווייס עס גאַנץ גוט — דאָס איז קיריליכעס זוהנדעל, דאָס איז וואָלאָדקע, אַ טויטער, אַ צושטאָכענער, פּונקט אַזעלכער, ווי זי האָט איהם געזעהען דעמאָלט, נעבען זייער שטוב אַ געפונענעם, אַ גע׳הרג׳עטען...

און מאָדנע קולות הערט זי. אַ מאָדנער ריח. אַ געמישטען ריח פון העליאָטראָפּ און יאָדאָפאָרם... אַ פּאָר גוטע גרויע אויגען קוקען אויף איהר. נאָר זיי זענען מיט טונקעל-בלויע ברילען פערשטעלט. די בלויקייט פון די ברילען צונעמט זיך, ווערט העלער און אויף זייער אָרט בעווייזען זיך געלע פלעקען, וואָס דרעהען זיך, קויקלען זיך און שווינדלען פאַר די אויגען. און דער געמישטער ריח פון העליאָטראָפּ און יאָדאָפאָרם קריכט אין די ביינער אַריין. אַ לאַנגער שאַרפער קלונג, ווי פון אַ טעלעפאָן, שניידט דורך די שטילקייט פון דער נאַכט און פערטויבט איהר די אויערן. דאָס קלינגען, מאָלט זיך איהר אויס, שרייט: „גיכער—גיכער! גיכער—גיכער!“ און אַ פייף הערט זיך נאָכ׳ן קלינגען,

אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער פּייף, וואָס לאָזט זיך אויס מיט אַ טיעפען זיפץ, מיט אַ קרעכץ פון אַ מענשען... „דאָס מיידעל איז געריהרט, הערט זי זאָגען, דאָס מיידעל איז געריהרט, מע דאַרף זי בינדען!..."
און די פּראָסטע גוטע גרויע אויגען פון יענעם מאַן הערען נישט אויף צו קוקען אויף איהר אַזוי פריינדליך, און זיין שענע ווייסע האַנד, פּיהלט זי, הערט ניט אויף צו גלעטען איהר דעם שטערן, די האָר...

ווענמענס אויגען זאָלען דאָס זיין? אַזעלכע גוטע און אַזעלכע גרויע? ניט שוין-זשע זיינע? ווענמענס האַנד זאָל דאָס זיין? אַזאַ שענע און אַזאַ ווייסע? ניט שוין-זשע זיינע?... ניט שוין-זשע איז דאָס איהר געליעבטער, איהר בעשערטער, איהר אויסדערוועהלטער?

— גרישאַ! טייערער מיינער! ווי קומט צו דיר אַזעלכע גרויע אויגען? און פון ווען אָן האָסטו דאָס אָנגעהויבען טראָגען ברילען, בלויע ברילען?... דו ביסט אַ רעטעניש... אַ רעטעניש...

און ווידער לאָזט זיך הערען אַ לאַנגער — לאַנגער קלונג, ווי פון אַ טעלעפאָן, וואָס רייסט דורך די שטילקייט פון דער נאַכט און פּערטויבט די אויערן מיט'ן געשריי: „גיכער—גיכער! גיכער—גיכער!" און ווידער וואָלאָדקע אין ווייסען ליילעך, אַ צושטאָכענער... און ווידער „דאָס מיידעל איז געריהרט!..." און ווידער אַ פּייף, אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער פּייף, וואָס לאָזט זיך אויס מיט אַ טיעפען זיפץ, מיט אַ קרעכץ פון אַ מענשען. ווער זיפצט עס אַזוי? ווער קרעכצט עס? ווער קנאַקט עס מיט די פינגער? ניט שוין-זשע די מאַמע? וואָס-זשע שמעקט פון איהר אַזוי?

— מאַמע! מאַמעניו! דו שמעקסט... דו ווייסט מיט וואָס?
— מיט וואָס, טאָכטער?
— מיט העליאָטראָפּ און מיט יאַדאָפאָרם...
— פון וואַנען, קינדעניו? עס ווייזט זיך דיר אויסעט...
— פאַרוואָס-זשע איז מיר אַזוי טרוקען אין מויל? מאַמע! מאַמעניו!... פאַרוואָס-זשע ברענט מיך אַ טרונק? פאַרוואָס-זשע גיט מען מיר ניט קיין וואַסער? האָטש אַ ביסעל וואַסער? האָטש איין טראָפּען וואַסער???...

און אָט פּיהלט זי, אַז אַ טייל פון איהר „איך" טיילט זיך אָפּ פון איהר און, דרעהענדיג זיך מיט אַ מורא'דיגע גיכקייט, שוועבט אָפּ פון איהר. און זי אַליין שוועבט צוריק און לאָזט זיך אַראָפּ אין אָפּ-

גרונד אַלץ טיעפער און טיעפער — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס איז דאָס געווען מיט אונזער בעטין? — דאָס איז געווען אַפּנים אַ צוטרייסלונג פון צו-שטאַרק אָנגעצויגענע נערוון. אַנ׳אויסבראָך פון אַ צעווייטיגטער נשמה. אַ „נערוון-פּיבער” האָבען עס דאָקטוירים אָנגערופען, וואָס קאָן זיך אויסלאָזען העכסטענס מיט אַ היציג-שלאַפּ-קייט, וועלכעס איז יעדענפאַלס נישט געפערליך — אַזוי האָבען געזאָגט די דאָקטוירים, — אַבי ס׳זאָל קומען אַ קריזיס, האָבען זיי געזאָגט, און ס׳זאָל ברעכען די היץ און ס׳זאָל זיך ניט אַריינחאַפּען אין קאָפּ חלילה, אין מוח — דעמאָלט, זעהט איהר, איז נישט גוט...

אַזוי טאַקי מיט דעם לשון האָבען געזאָגט די דאָקטוירים און האָבען געגעבען האָפנונג, אַז זי וועט דאָס אַריבערטראָגען בשלום און וועט זיין געזונד. דערויף זענען זיי דאָך דאָקטוירים, זיי זאָלען אַכ-טונג געבען אויף דער טעמפּעראַטור. דאָס איז דער עיקר, וואָרום וואָס קאָנען דאָקטוירים טון? זיי קאָנען ניט טון גאָרניט. טון קאָן נאָר די נאַטור אַליין, אָדער גאָט, — ווי אַזוי איהר ווילט, אַזוי רופט דאָס אָן... נו, און וויבאַלד עס ווענדט זיך אָן גאָט, קאָן מען זיך שוין פערלאָ-זען אויף א י ה ם. ע ר וועט דאָך נישט טון קיין עולה — שייך צו זאָ-גען! אַזוי האָט זיך געטראַכט די מאַמע, און אגב וואו איז זי — טאַקי די מאַמע אַליין? שרה שפּירא, וואָס פערמאָגט איהר אייגענס מעהר נישט אַז איין שטיקעל טאָכטער מיט איין שטיקעל זוהן, צוויי קינ-דער, צוויי ליכטיגע שטערען, צוויי אויגען אין קאָפּ — הע! זי שוויי-גען?!...

## דאָס אַכטאונזעכציגסטע קאַפּיטעל.

### אַ מ אַ מ ע.

אַז די וועלט זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „אַ מענש איז שוואַכער פון אַ שטרוי און שטאַרקער פון אײַזן", איז דאָס טאַקי להבדיל אַ תורה. שרה שפּיראָ האָט דאָס אַרויסגעזעהען אויף זיך אַליין. ווי אַזוי די דאָזיגע מאַמע האָט דאָס געקאָנט אַריבערטראָגען און איז נישט געשטאָרבען און אפילו פון זינען נישט אַראָפּ — איז טאַקי אַ נס מן השמים. „פון דעם אַליין איז צו זעהען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט" — האָט זי געזאָגט ניט איין מאָל. די אַלע צרות, יסורים, פחדים און בזיונות, וואָס שרה שפּיראָ איז אויסגעשטאַנען ביז אַהער — וואָס פאַר אַ ווערט האָבען זיי אַקעגען יענער איינציגער נאַכט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, אַז מע האָט צוגענומען איהר דוד'ן מיט איהרע צוויי קינדער, צוויי ליכטיגע שטערען, צוויי אויגען אין קאָפּ? און דערנאָך יענער פריהמאָרגען מיט יענעם גאַנצען טאָג, ווען איהר טאָכטער איז פערפאַלען געוואָרען? פערפאַלען ווי אין וואַסער אַריין! „וואָס הייסט עס פערפאַלען געוואָרען? ווי איז דאָס מעגליך?" נו, זעהט איהר דאָך! אַלע זענען דאָ. איהר דוד'ן מיט איהר סיאָמקען האָט מען אַרויסגעלאָזט. דעם קוואַרטיראַנט האָט מען אָפּגעשיקט אין טורמע. און בעטי? בעטי איז נישטאָ. אַלע פריינד און גוטע פריינד, אַלע בעקאַנטע, די גאַנצע גאַס, דער אַרויס דער אַריין:

„נישטאָ נאָך אייער טאָכטער?" מאָדנע מענשען! זיי זעהען דאָך, אַז זי איז ניטאָ, צו וואָס דאַרף מען נאָך זאָלצען אויף די וואונדען?...

„וואָס-זשע שווייגט איהר? פאַרוואָס טוט איהר עפּעס ניט? למאי לויפט איהר ניט אין פּאָליציע?...

חאַ-חאַ, גוט געזאָגט, כ'לעבען! יענע לויפט אַרום דעם גאַנצען

טאָג פון כאור אָן פון איין אוטשאַסטאָק אינ׳ם אַנדערען, שלאָגט זיך ווי אַ פיש, און קיינער וויל איהר אַ וואָרט נישט זאָגען! אַנדערע האָבען גלאַט אָפּגעשוויגען. אַנדערע האָבען זי דורכגעטריבען, און אַנדערע האָבען זי נאָך אויסגעלאַכט, געמאַכט חוזק, טאָמער איז קאַרג... עס האָט נישט געהאָלפען, וואָס איהר מאַן איז, ווי ער בעריהמט זיך, אַ שטיקעל חשוב ביי נאַטשאַלסטווע און קען זיך מיט אַלע נאַדזיראַטעליעס. עס האָט נישט געהאָלפען קיין זכות אבות פון איהר רייכען שוואָגער פאַמיליאַנט, וואָס קען זיך „ליטשנע" מיט׳ן גובערנאַטאָר. עס האָט נישט געהאָלפען קיין פּראָטעקציעס פון דוד שפּיראָס שעף מיט זיינע „בנים", וואָס זענען אַלע געווען דעם גאַנצען טאָג אויף די פיס. „וואָרום וויבאַלד עס געהט אין נפש, איז דאָך ביט שייך"... אַזוי האָט געזאָגט דער שעף אַליין און איז געווען גרייט, ס׳זאָל „קאָסטען מי יודע וויפיעל", אַבי נאָר מען זאָל געפינען דאָס פערפאַלענע מיידעל... עס איז אָבער געווען אומזיסט די טרחה, אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט. „בעסער מישט אַייך נישט — האָט מען זיי געזאָגט — מישט אַייך ניט אין אַזעלכע זאַכען"... גלייך ווי דאָ וואָלט פאָרגעקומען עפּעס אַ מין סוד, וואָס איז אַיינגעוויקעלט און איבערגעדעקט מיט אַ געדיכטען שלייער...

דאָס איינציגע, וואָס זיי איז געראָטען געוואוירע צו ווערען: אַז מע׳האָט דאָס מיידעל געבראַכט צו פיהרען אין איינעם פון די אוטשאַסטקעס העט שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, אויב ניט מיט׳ן טאָגליך שוין. פרעגט זיך: וואו-זשע איז זי געווען די גאַנצע נאַכט פריהער? און וואו איז זי אַהינגעקומען דערנאָך?... — „בעסער מישט אַייך נישט אין אַזעלכע זאַכען".

נאָר דער כח פון פּראָטעקציע איז נישט קיין קליינִיגקייט, און אַז אַ יוד זאָגט, אַז ער לאָזט זיך קאָסטען „מי יודע וויפיעל", וועט ער זיך, זייט זיכער, דורכשלאָגען דורך מויערן און וועט שוין געוואוירע ווערען אַלסדינג וואָס מע דאַרף... מע איז געוואוירע געוואָרען — שוין אפילו שפּעטליך אין דער נאַכט איז דאָס געווען — אַז דאָס פערהאַלטענע מיידעל שפּיראָ איז נאָך פון בייטאָג אָן אָפּגעפיהרט געוואָרען אין „באָלניצע"... „וואָס הייסט? ווי קומט דאָס מיידעל שפּיראָ, אַ געזונדע, אַ שטאַרקע, אַ פרישע, גאָר אין באָלניצע?" — הערט איהר דאָך, ווי אַזוי ס׳איז געווען. אַז מע האָט זי געבראַכט אויפ׳ן פערהער, איז זי געווען געזונד און שטאַרק, געענטפערט צו דער זאַך, אַלץ ווי עס געהער צו זיין, נאָר פלוצים האָט זי זיך צולאַכט און צעוויינט אַזוי,

אַז מע האָט געמוזט ברענגען דעם דאָקטאָר, האָט דער דאָקטאָר גע־זאָגט, אַז זי איז קראַנק און מע דאַרף זי אָפּפיהרען אין באָלניצע. האָט מען זי אָפּגעפיהרט אין באָלניצע. „אָט דאָס איז גאָר?" — אָט דאָס איז גאָר.

* *

*

עס איז שוין געווען שטאָק־נאַכט, אַז מע האָט געבראַכט צו די שפּיראָס אָט די דאָזיגע ידיעה. איינער פונ'ם שעפס „בנים" האָט דאָס איהר אַליין געבראַכט צו פיהרען די דאָזיגע בשורה. דוד שפּיראָ איז נישט געווען אין דער היים (ער איז אַרומגעלאָפען מיט'ן שוואָגער פאַ־מיליאַנט איבער פערשידענע קאַנצעלאַריעס); געווען איז נאָר שרה אַליין. דערהערט, אַז איהר טאָכטער איז אין דער באָלניצע: „אַ וועהטאָג איז דער מאַמע! אַ שלאַק איז איהר! אַ מכה איז איהר! אַ דונער איז איהר!" האָט זי געהאַפּט אַ איזוואָזטשיק און, ווי זי שטעהט און געהט, אינאיינעם מיט'ן שליח, וואָס האָט איהר געבראַכט די גוטע בשורה, האָט זי געהייסען זיך פיהרען גלייך אין באָלניצע אַריין.

„אין וועלכער באָלניצע?" פרעגט דער איזוואזטשיק, אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו זיינע פּאַסאַזשירען.

„זאָל זי אַזוי וויסען בייז!"

שרה קוקט אויפ'ן שליח, דער שליח קוקט אויף איהר — זיי ווייסען ביידע ניט אין וואָסער באָלניצע. „סטייטש, וואָס פאַר אַ יוד איז דאָס? ווי האָט ער דאָס ניט געפרעגט?" — „ס'איז איהם אַרויסגעפלויגען פון קאָפּ"...

און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לויפעניש פון איין באָלניצע אין דער אַנדערער. „גוואלד! — האָט שרה זיך געבעטען — לאָז מען האָבען אויף איהר רחמנות! לאָז מען איהר זאָגען, וואו איז איהר טאָכטער! זי הייסט בעטי, בערטאַ דאַווידאָווגאַ שפּיראָ רופט מען זי!"... און מע האָט רחמנות געהאַט אויף דער פערוואָגעלטער מוטער און דורך לאַנגע קלינגענישען אויפ'ן טעלעפאָן איז מען דערגאַנגען, אַז איהר טאָכטער, ניט בערטאַ דאַווידאָווגאַ, נאָר בתיה דאָווידאָוואַ שפּיראָ, געפינט זיך אין יודישען שפּיטאָל.

דאַנקען און לויבען! לאָז זיין בתיה דאָווידאָוואַ — אַבי איהר קינד, איהר טאָכטער האָט זיך גלייך אָפּגעזוכט. און די גליקליכע מו־

טער איז אַוועק אין יודישען שפּיטאָל. נאָר דאָרט האָט אויף איהר גע-וואַרט אַ נייע צרה; מע האָט זי נישט צוגעלאָזט צו דער טאָכטער: שוין שפּעט — מע טאָר ניט! „וואָס הייסט מע טאָר ניט? זי איז אַ מאַמע, צי ניין?"...— זיבעצעהן מאָל אַ מאַמע — אַז מע טאָר ניט, טאָר מען ניט. מאָרגען וועט איהר קומען".

„רבונו של עולם! וואָס פאַר אַ וועלט? וואָס פאַר מענשען? וואו איז רחמנות? וואו איז גאָט"?... אַ גליק, וואָס זי האָט דערזעהען איהר בעקאַנטען דאָקטאָר, זייער היימישען דאָקטאָר, אָט דער וואָס דינגט זיך ניט. ער נעמט וויפיעל מע גיט איהם. דעם טאַטען פון יענער וועלט וועֶן זי דערזעהט, וואָלט זי זיך ניט בעדאַרפט אַזוי דערפרעהען. איז זי צוגעפאַלען צו איהם: „גוט, וואָס ער איז חאַטש דאָ! גאָט אַליין האָט איהם געבראַכט! איהר קינד, איהר בעטי געפינט זיך דאָ אַ קראַנקע, און מע לאָזט זי ניט צו. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? אַ מאַמע! — ערגער ווי אין סדום!"...

— ששש! — האָט זי דער דאָקטאָר געוואָלט בערוהיגען, — שרייט ניט אַזוי! פילדערט ניט! ליאַרימט ניט!

„וואָס הייסט, זי זאָל ניט שרייען און ניט פילדערן און ניט ליאַ-רימען, אַז איהר קינד, איהר בעטי..."

— אייער קינד, אייער בעטי, מע ווייסט. אָט דאָס געה איך פון איהר טאַקי. זי איז ניט געזונד, נאָר אָהן סכנות און מע דאַרף ניט שרייען, ניט פילדערן, ניט ליאַרימען. אייער טאָכטער איז ניט אין דרויסען, זי איז אין באָלניצע. און אַ באָלניצע איז ניט קיין הקדש, וואָס מע קאָן קומען ווען מע וויל און ווער עס וויל... מאָר-גען אין דער פריה וועט איהר קומען, וועט מען אייך צולאָזען. איצט קאָן מען ניט, איהר פערשטעהט, וואָס מע רעדט צו אייך, צי ווער-וואָס?

„זי פערשטעהט. פאַרוואָס זאָל זי ניט פערשטעהן? מע דאַרף אָבער האָבען גאָט אין האַרצען און אַריינגעהן אין איהר „פּאַלאַזשע-ניע", זי איז דאָך אַ מאַמע! גוואַלד! וואָס איז פאַר אַ וועלט, וואָס פאַר מענטשען, מע זאָל ניט לאָזען אַ מאַמען אַ קוק טון אויף איהר קינד חאַטש פון דערווייטען? ניט שוין-זשע וועט ער זיין גלייך צו אַלעמען, ער, אַ היימישער דאָקטאָר, אַ היימישער מענטש, וואָס קען איהר טאָכטער, וואָס קען זיי אַלעמען אויסגעבונדען, זאָל ער אַזעלכעס זאָגען, איז שוין עק וועלט!"

אומזיסט האָט דער היימישער דאָקטאָר אויסגעטאָן די ברילען און אָנגעטאָן צוריק. אומזיסט האָט ער געוואָרטשעט, געחאַפּט דאָס היטעל און אַוואָרף געגעבען דאָס צוריק אויפ׳ן טיש. אומזיסט האָט ער זי אָנגערופען „יודינע”, און „אָנשיקעניש”, און „פּריטשעפּע” — ער האָט געמוזט, סוף כּל סוף, צוליעב דער דאָזיגער יודינע, אָנשיקעניש און פּריטשעפּע, אומקעהרען זיך מחילה צוריק, אָננעמען זי פאַר אַ האַנד, שטיל אויף די שפּיץ פינגער זי צופיהרען צום חדר, וואו איהר טאָכטער ליגט, אַ ווייז געגעבען איהר פון דערווייטען אויפ׳ן בעטעל און מיט גוואַלד האָט ער אָפּגעשלעפּט זי צוריק.

— נו, זענט איהר שוין צופרידען? אַנ׳עק! אַצינד קאָנט איהר שוין פאָהרען אַהיים.

„משוגע איהרע שונאים! וואָס הייסט זי וועט פאָהרען אַהיים דעמאָלט, ווען איהר טאָכטער ליגט אָט דאָ אין באָלניצע? וואָס איז זי — אַ מאַמע, צי אַ פרעמדע? זי זאָל האָטש וויסען, וואָס איהר איז? וואָס פאַר אַ חולאת?”

— זאָגט מען דאָך אייך, אַז אָהן סכּנות, אַז עס קאָן זיך ענדיגען העכסטענס מיט אַ היציג שלאַפקייט.

„אַ היציג שלאַפקייט? אַ וועהטאָג איז איהר! אַ שלאַק האָט זי געטראָפען! אַ דונער האָט זי דערשלאָגען!”.

— ששש! ווידער האָט איהר זיך צופילדערט? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שטראָף אָט די יודינע! איהר ווילט, מע זאָל אייך אַרויסטרייבען?

„אַרויסטרייבען? פאַרוואָס קומט דאָס איהר? דערפאַר וואָס זי איז אַ מאַמע און וויל וויסען, וואָס מיט איהר קינד טוט זיך? און ווער זאָגט דאָס? ער! אַ היימישער דאָקטאָר! אַ היימישער מענטש! לאָז ער איהר געבען זיין האַנד תּקיעת כּף — איהם וועט זי גלויבען — אַז איהר קינד איז חלילה ניט מסוכּן”...

ווידער טוט אויס דער דאָקטאָר די ברילען און טוט זיי אָן צוריק. ווידער אַוואָרף דאָס היטעל אין טיש אַריין און גיט איהר זיין „האַנד תּקיעת-כּף”, אַז איהר טאָכטער איז ניט מסוכּן, און אַז ער פון זיין זייט וועט טון וואָס ער קען, ער פאָהרט אַהער צוויי מאָל אַ טאָג, און וואָס נאָך וויל זי? „גאָרניט, וואָס נאָך זאָל זי וועלען? זי וויל אַ קלייניגקייט: מע זאָל זי לאָזען דאָ נעכטיגען וואו ס׳איז ניט, ערגיץ אויף דער ערד, אַבי נאָהענט נעבען קינד...”

עס האָט גיט געהאָלפען קיין זאַך. דער היימישער דאָקטאָר האָט געמוזט פועלן ביי דער אַדמיניסטראַציע פון שפיטאָל, מע זאָל לאָזען אָט די פריטשעפּע ביז מאָרגען וואו ס׳ניט איז ערגיץ אין אַ ווינקעלע אויף זיינע אחריות — און ער האָט געחאַפּט דאָס היטעל און איז שוין געוועזען מיט איין פוס ביי דער טיר, גרייט געוועזען מאַכען פליטה, האָט איהם שרה שפּיראָ נאָך אַ מאָל אָנגענומען ביי דער האַנד: „סטייטש, ער איז דאָך נישט גלייך צו אַלע. ער איז דאָך אַ היימישער דאָקטאָר און אַ היימישער מענטש. אַלע דאָקטוירים מעגען זיין נאָך איהם די כפרה...״

— אומגליק! וואָס נאָך ווילט איהר?

„זי וויל, ער זאָל זיך מטריח זיין, ער פאָהרט דאָך במילא אין שטאָדט, זאָל ער זיך שוין אַראָפּחאַפּען צו איהר אַהיים און איבערגע-בען איהר מאַן, אַז זייער טאָכטער געפינט זיך אין שפיטאָל, און אַז זי איז חלילה ניט מסוכן, און אַז זי, די מאַמע, איז דאָ נעבען איהר, און אַז ער, דוד, זאָל אַכטונג געבען אויף סיאָמקען און זאָל געבען צו וויסען דעם שוואָגער פאַמיליאַנט און אַלעמען, און אַז ער זאָל למען השם...

— גוואַלד! פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע מאַמעס אויף דער וועלט? — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגעחאַפּט ביים קאָפּ און האָט זיך געלאָזט לויפען ווי פון אַ שרפה אין דרויסען אַרויס, און שרה נאָך איהם. זי האָט איהם פערגעסען בעטען נאָך אַ נאַרישקייט: אַז ער, דער דאָקטאָר, זאָל זאָגען איהר מאַן, דוד׳ן הייסט עס, אַז ער, דוד הייסט עס, זאָל למען השם.

נאָר דער דאָקטאָר האָט שוין נישט געהערט מעהר. ער האָט אָנגערוקט דאָס היטעל איבער די אויערן, אַריין מיט איין פוס אין אַנ׳אָפּגעבאַרעט פאַיעטאָנדעל, וואָס האָט אויף איהם געוואַרט, און:

— פאַשאָל!...

## דאָס נייַנאונזעכציגסטע קאַפּיטעל.

## שרה האָט אַ גרויסען גאָט.

זעהר אַוואוילע זאַך אָט דאָס, וואָס מע האָט צוגעטראַכט, אַז אין אַשפּיטאָל זאָלען זיין „שוועסטער“, וואָס געהען אַרום די קראַנקע און טוען אַלסדינג וואָס מע דאַרף. נאָר ווי קאָן מען גלייכען אַ„שוועסטער“ צו׳ן אַמאַמע? ווער וועט זיך אונטערנעמען טאַקי באמת אויסזיצען גאַנצע נעכט און טאַקי באמת קיין אויג נישט צומאַכען, ווי אַ מאַמע? ווער ווייסט נאָך אַזוי, וואָס דער קראַנקער דאַרף, וואָס ער האָט ליעב און וואָס ער האָט פיינט, ווי אַמאַמע? ווער קאָן אַזוי אונטערלעגען און אויסגלעטען די קישענס ווי אַמאַמע? אַכצעהן „שוועסטער“ און יעדע „שוועסטער“ זאָל זיין מיט אַכצעהן קעפּ—וועלען זיי קיינמאָל ניט טרעפען, ווי אַמאַמע טרעפט מיט׳ן קוק, וואָס דער חולה וויל.

אַלע אין שפּיטאָל האָבען דאָס אַרויסגעזעהען און די דאָקטוירים האָבען געמוזט איינגעהן דערויף, אַז נעבען דער קראַנקער שפּיראָ מעג זיך געפינען איהר מוטער נישט נאָר דעם גאַנצען טאָג, נאָר אפילו די גאַנצע נאַכט, און אַז זי בויטיגט זיך ניט אין קיינעמס הילף.

שרה שפּיראָ האָט גיך איבערגענומען אַלסדינג אין איהרע הענד און אויסגעלערנט זיך געהן אויף די שפּיץ פינגער ניט ערגער ווי די „שוועסטער“ און פערצייכענען די טעמפּעראַטור אויף דער וואַנט ניט ערגער ווי די „שוועסטער“. פון אַיינגעבען דעם רעצעפּט צו דער צייט שמועסט מען ניט, אַז זי וועט זיך אויסגלייכען מיט אַלע „שוועסטער“ פון דער גאַנצער וועלט. האָט קיין מורא ניט—זי וועט חלילה נישט דורכלאָזען די צייט אפילו קיין צעהנטעל פון אַסעקונדע! וואָס איז זי—קיין מאַמע ניט? זי האָט קיינמאָל ניט געגעבען קיין רפואות איהרע קינדער, אַז זיי זענען געוועזען קליינינקע? מעהר נישט איין זאַך איז

געוועז, וואָס די דאָקטוירים האָבען מורא געהאַט: טאָמער קומט די קראַנקע צו זיך און דערזעהט די מוטער און הויבט אָן רעדען מיט איהר וועגען היימישע זאַכען, קאָן עס זי אויפרעגען — און דאָס איז מסוכן פאַר דער קראַנקער... נאָר דאָס האָט שוין גענומען אויף זיך דער „היימישער" דאָקטאָר. אַ היימישער דאָקטאָר איז גאָר אַנדערע ווערטער. מען קאָן זיך מיט איהם אויסשמועסען. ער האָט בעצייטענס צוגעגרייט די מוטער דערצו, אַז מע בעדאַרף זיין זעהר געהיט און פאָרזיכטיג, און אַז די קראַנקע וועט אָנהויבען ווערען בעסער, דאַרף מען ביסלעכווייז, ניט מיט אַמאָל, איהר געבען צו וויסען, וואו זי געפינט זיך, און נישט אַריינלאָזען זיך מיט איהר אין שמועסען פון דער היים און פון'ם אַרעסט און פונ'ם גאַנצען ענין...

— איהר פערשטעהט, וואָס מע רעדט צו אייך? צי ווער וואָס?

זי פערשטעהט, פאַרוואָס זאָל זי ניט פערשטעהן? זי איז דען קיין מאַמע ניט?

— אַ מאַמע ניט קיין מאַמע, — זאָגט איהר דער דאָקטאָר, — נאָר אַ יודינע זייט איהר, און אַ יודינע האָט אין זיך ניין מאָס רייד, דאָס איז אַנ'אַלטער כלל...

מאָלט אייך פאַר די ווערטער האָט זיך דער דאָקטאָר ביי איהר ניט געגאַרט. שרה האָט איהם אָפּגעענטפערט, אפילו גאַנץ פערשטעלט, אַז „ס'זענען פאַראַן דאָקטוירים, וואָס האָבען אין זיך „ניין און ניינציג מאָס רייד..." צי האָט ער פערשטאַנען? מיר מיינען, אַז יאָ, נאָר בעליידיגען זיך האָט ער זיך ניט בעליידיגט. וואָס איז? — ער קען נישט בעטין, אַז זי איז נאָך געווען אַט אַזאַ ברעקעלע? און סיאָמקען וויפיעל מאָל האָט ער אָפּגעראַטעוועט פונ'ם טויט? און איהר דוד'ן האָט ער נישט געהיילט עטליכע יאָהר דורכאַנאַנד? און וואָס ער האָט זיך ביי איהר אָנגענומען, מעגען עס פערמאָגען אַלע שונאי ישראל. איין מאָל גענומען און דריי מאָל געפאָהרען אומזיסט. אַז ער איז אַ דאָקטאָר, וואָס נעמט וויפיעל מע גיט איהם, איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען. פונדעסטוועגען זאָגט מען אויף איהם אויף דער יודישער גאַס, אַז ער איז „מאסף ממון", אַ סברה גאָר, אַז ער האָט געלד אין באַנק. וויפיעל — ווייסט מען ניט, נאָר ער האָט. קוקט ניט, וואָס ער געהט אין אַזאַ אַלטער טענדעוועדיגע פון חמעלניצקיס צייטען און זעהט אויס אין איהר, בעת ער לויפט פון איין שטוב צו דער אַנדערער, ווי אַ ווינטמיהל מיט צוויי פליגעל. קוקט ניט, וואָס ער

טראָגט אַזאַ מאָדנע היטעל פון אַנ׳אַלטען שליאַכטשיץ. קוקט ניט, וואָס ער שליאָנדערט מיט אויסגעטריטענע קאַלאָשען. ער איז פשוט אַ קאַר־גער מענש, זשאַלעוועט אַ גראָשען, וואָרום אַז ניט, וואָס האָט ער צו טון אויף דער בערזע, אין די קאַנטאָרען, סטראַכירט וויגרישנע בילע־טען?... אַ דאָקטאָר אַנ׳אָרימאַן פאָהרט ניט אַרויס מיט אַנ׳אייגענעם עקי־פאַזש. אמת, אַזאַ מין עקיפאַזש מעג מען אויך ווינשען די שונאים — אַ פאַיעטאָנדעל משטיינס געזאָגט אַנ׳אָפגעבאַרעטס און קוקט אויף אַ זייט. אַ פערד אַ זקן, אַנ׳אויסגעמוטשעטער, אַ שפּיצביינינגער, און מאַכט לעמעל אויף אַ פוס. נאָר אַלץ בעסער ווי גאָרניט. ווי וואָלט אויסגעזעהען אָט דער דאָקטאָר, ווען ער זאָל דאַרפען געהן צופוס, אַז מע צורייסט איהם אָקערשט ניט אויף שטיקלעך? אויף דער יודישער גאַס, וואָס איז פול מיט אָרימע לייט, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, איז ער שטאַרק אָנגענומען, זעהר בעריהמט, זעהר פאָפולער און זעהר בעליעבט. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז אַ ביסעל אַ בייזער, אַ „ווספּילשליוועד", ווי מע זאָגט אויף איהם, און האַלט נישט פון דער מעדיצין. איהר האָט געזעהען, אַ דאָקטאָר זאָל אַליין חוזק מאַכען פון דאָקטוירים און זאָגען, אַז דער גאַנצער עסק איז ווערט אַ שאָס פולווער? אַ מאָדנער מענש! אַז מע דאַרף גאָר אַ רעצעפּט ביי איהם אויסוויינען: „פערשרייבט חאָטש עפּעס. וואָס ניט איז, אַבי פערשרייבט!"

— וואָס זאָל איך אייך פערשרייבען? צרות זאָל איך אייך פער־שרייבען? צי דלות? צי קאָפּוועהטיג?

— אַ דאַנק. קיין צרות זענען מיר נישט זשעדנע, דלות האָבען מיר אַליין און קאָפּוועהטיג לאָזען האָבען אונזערע שונאים. איהר פער־שרייבט שוין בעסער אַ רעצעפּט.

און ער מוז נעבאַך פערשרייבען אַ רעצעפּט — אַ ברירה האָט ער? חאָטש ער שמיצט זיך און וואַרפט זיך און זאָגט, אַז דער רעצעפּט איז ווערט דריי שמעק טאַבעקע. דער עיקר איז פרישע לופט, גוט עסען, מילך, מילך טרינקען...

— נו, און געלד, הערר דאָקטאָר, וואו נעמט מען דערצו?

נאָר דאָס הערט שוין ניט דער הערר דאָקטאָר. ער האָט אָנגע־רוקט דאָס היטעל, זיצט שוין אינ׳ם אָפּגעבאַרעטען פאַיעטאָנדעל מיט׳ן אויסגעמוטשעטען פערדעל דעם זקן און:

— פּאַשאָל!

אָט אַזאַ מין דאָקטאָר איז עס, און ער איז דאָס געוועזן שרה

שפּיראָס צד אין שפּיטאָל. ווען ניט ער, וואָלט מען זי פון דאָרטען לאַנג שוין משלח געווען, וואָרום זי האָט זיך זיי אַלעמען דאָרטען, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, שטאַרק איינגעגעסען אין די ביינער אַריין. זי האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין קאָנסיליום, און נאָר געבעטען, מע זאָל ראַטעווען איהר קינד, מע זאָל איהר געבען וואָס מעהר רפואות, וואָס מעהר „פּילנעסט". זי ווייסט, אַז איהר טאָכטער ווערט טאַקי אם ירצה-שם זיין געזונד, וואָרום זי האָט אַ גרויסען גאָט, ער ווערט ביי איהר ניט אַוועקנעמען איהר קינד, איהר אויג אין קאָפּ. נאָר פונדעסט-וועגען בעדאַרף אַ מענש טון וואָס ער קאָן...

שרה שפּיראָ האָט אין די רפואות גופא אַריינגעמישט זיך; גע-וואָלט וויסען, וואָס מע פערשרייבט דער קראַנקער. און צוליעב וואָס? למאי אָט איז ביי איהר שוועגערין געליגען ניט היינט גע-דאַכט קראַנק אַ טאָכטער, אויך אויף אַ היציג שלאַפּקייט, האָט מען איהר געגעבען ניט קיין מיקסטורעל, נאָר פּראָשקעס, און ניט אַלע דריי שעה, נאָר אַלע שעה, און ניט קיין קאַווע-לעפעלע נאָר אַנ'עס-לעפעל.

איהר „צד", דער היימישער דאָקטאָר, רייסט זיך ביי די האָר און שווערט איהר ביי זיין יודישקייט, אַז טאָמער מישט זי זיך אַריין אין די זאַכען, וואָס זענען שייך צו די דאָקטוירים, ווערט זיין פוס נישט צוטריטען מעהר צו איהר טאָכטערס בעטעל, זי מעג אפילו זיין קראַנק ער ווייס אַליין ניט ווי אַזוי!...

נאָר בלאָטע. שרה הערט איהם ווי דעם קאָטער. זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז ניט נאָר צוויי מאָל אין טאָג, וואָס ער מוז זיין אין שפּי-טאָל, אַבי ער האָט נאָר צייט, חאַפּט ער זיך אַראָפּ דריי מאָל און פיער מאָל אויך, ער איז גרייט זיך מפקיר זיין צוליעב איהר טאָכטער. אַזוי ווייט, אַז דעם דאָקטאָרס קאָלעגען, וואָס האָבען ליעב הינטער די אויגען בערעדען איינס דאָס אַנדערע און אָפּ'לצ'עווען ניט ווי דאָק-טוירים, נאָר טאַקי ווי פּראָסטע בשר-ודמ'ס, האָבען צווישען זיך אָפּגע-פּסק'ענט, אַז זייער קאָלעגאַ געהט זיך אָן מיט די שפּיראָס עטוואָס נעהענטער ווי אַ היימישער דאָקטאָר... (דאָס איז געווען אַ וואונק אויף דעם, וואָס ער איז אַ בחור שוין אין די יאָהרען).

שרה שפּיראָ האָט דעריבער ביי זיך קיין אַנדער נאָמען ניט גע-האַט ווי „די שוויגער". און בעגאַנגען איז זי זיך מיט זייער היימישען דאָקטאָר טאַקי ווי אַ שוויגער: איבערגעגעבען מיט איהם אַהיים אַלע טאָג אַלערליי נויטיגע זאַכען, „פּאָרושעניעס", און האָט זיך געשאַפּען

מיט איהם, ווי מע קאָן זיך שאַפּען נאָר מיט אַ „היימישען מענשען".

אַ פּאָר מאָל האָט ער געבראַכט צו פיהרען מיט זיך אויף זיין פאַיעטאָנדעל איהר מאַן דוד שפּיראָ'ן (ער פאָהרט דאָך במילא — עס קאָסט איהם געלד?) און אַמאָל איהר סיאָמקען (אַ קינד — וואָס ווייס איהם אַרען, אַז ער וועט איהם אונטערפיהרען?).

דער דאָקטאָר האָט זיך באמת מחיה געווען, אַז בעטי איז גע-קומען צו זיך און האָט אָנגעהויבען צו ווערען בעסער: ער וועט אויפ-געריכט ווערען פון אָט דער יודינע, דער פריטשעפּע, פּטר'ן אַ פּע-קעל פונ'ם האַלז!

ניט אַזוי גיך אָבער טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. בעטיס גע-זונד ווערען איז געגאַנגען צו פּאַוואָלי, צו לאַנג. עס האָט נישט אַרויס-געזעהען, אַז זי זאָל אַזוי גיך קאָנען אויפשטעהן און אויסשרייבען זיך פון שפּיטאָל. נאָר דאַנקען גאָט דערפאַר. איידער די מאַמע האָט דער-לעבט דערהערען פונ'ם דאָקטאָר דאָס גוטע וואָרט „קריזיס"! איידער זי האָט דערלעבט הערען פון די איבעריגע דאָקטוירים, אַז די סכנה איז פאַרביי! די גאַנצע צייט האָט שרה כמעט נישט געוויינט. מע האָט זי נישט געלאָזט. נאָר איצט, — וויפיעל טרעהרען זי האָט פער-מאָגט, אַזוי פיעל האָט זי אויסגעגאָסען. פערשטעהט זיך אין אַ ווינקע-לע, אַז די טאָכטער זאָל נישט זעהען. און אַז זי האָט זיך גוט אויס-געוויינט און אויסגעווישט די אויגען, האָט איהר דער דאָקטאָר געזאָגט בייז, ווי זיין שטייגער איז:

— נו? איצט גלויבט איהר שוין, אַז אייער טאָכטער וועט זיין געזונד?

— אם ירצה שם מיט גאָטס הילף! — ענטפערט איהם שרה מיט אויסגעוויינטע אויגען און איז זיך מודה, אַז זי האָט געוואוסט, אַז פריהער גאָט דערנאָך ער. זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט אַ גרויסען גאָט, אַ שטאַרקען גאָט!...

— וואָלט איהר שוין איצט געוויס געמעגט פאָהרען אַהיים? צי ווער-וואָס?

„שוין? ווידער דאָס אַלטע ליעדעל? ווידער אַ מאָל די היים? זי וואָלט וועלען וויסען, מיט וואָס איז זי, אַ מאַמע, איטליכען גרויס אין די אויגען? און ווען מאַכט זי דאָ ענג? אויף וועמענס ערד געהט זי? און וועמענס ברויט עסט זי?..."

— אָבער שאַ! אָבער גענוג! אָבער אַנ'עק לאָז דאָס האָבען! מיט

אַוואָגען זאַטשעפּעט! מיט קיין צעהן וואַסערן זיך ניט אָפּוואַשען! — זאָגט דער דאָקטאָר, אַנטלויפט פון דער דאָזיגער יודינע און מאַכט מיט די הענד, גלייך ווי פון אַביהן. נאָר אַז זיי קומען צו צו איהר טאָכטערס בעט, איז גאָר ניט צו דערקענען, אַז זיי האָבען זיך נאָר-וואָס געקריגט. זייערע ביידענס פּנים'ער שיינען, זייערע ביידענס אויגען לויכטען און שמייכלען צו דער קראַנקער בעטין, ווי צו אַ קליין קינד אַ קאַפּריזנע, וואָס האָט נאָר-וואָס אויפגעוואַכט פון שלאָף, האַלט נאָך האַלב צוגעמאַכט די אויגלעך, און מע ווייסט ניט, אויף וואָס פאַר אַ זייט ס'איז אויפגעשטאַנען...

## דאָס זיבעציגסטע קאַפּיטעל

## „ער לעבט! ער לעבט!".

ווי דאָס אויפוואַכען פון אַ זומער־טאָג — אַזוי איז געווען בעטיס אויפוואַכען פון איהר שווערע לאַנגע קרענק. דאָס ערשטע פּנים, וואָס זי האָט דערזעהען און דערקענט, איז געווען איהר מאַמעס פּנים, אין וועלכען עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דער מינוט עטליכע געפיהלע מיט אַמאָל: פּחד, גליק, ליעבשאַפט, געטריישאַפט, רחמנות, געבעט... דאָס אַלסדינג אינאיינעם האָט געמאַכט די דאָזיגע מוטער אַזוי לעכערליך, אַז די קראַנקע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען פון אַ שמייכעל טון צו איהר מיט די אויגען און אַ זאָג טון:

— מאַמע...

און מעהר נישט.

דאַכט זיך, וואָס ליגט אַזעלכעס אינ׳ם דאָזיגען וואָרט? און וויפיעל מאָל האָט די קראַנקע דערמאַנט דעם דאָזיגען נאָמען אין דער גאַנצער צייט, וואָס זי געפינט זיך אין שפּיטאָל? אַמאָל הונדערט וועט זיין ווינציג. נאָר ניין. ניט אינ׳ם וואָרט ליגט דער סוד, נאָר אינ׳ם טאָן, אינ׳ם קול, און דערהויפּט אינ׳ם קוק. אַנ׳אַנדער קוק איז דאָס געווען. און די גליקליכע מאַמע גלויבט ניט איהרע אויערן און ניט איהרע אויגען. און איהר האַרץ איז גרייט אַרויסצושפּרינגען פאַר פרייד. און איהרע אויגען ווערען אָנגעפּולט. און גרינגער פון אַ פעדער הויבט זי זיך אויף און אויף די שפּיץ פינגער געהט זי צו, בייגט זיך אָן איבער דער טאָכטער און קוים ווי זי רעדט אַרויס:

— ווילסט עפּעס, בעטי?

וואָס פאַר אַ זאַך למשל איז דאָ אויף דער וועלט, וואָס בעטי זאָל וועלען און וואָס זי שרה, זאָל איהר נישט דערלאַנגען? „דאָכ

טעלערל פונ׳ם הימעל?״ — עס רעדט זיך נאָר אַזוי. אויפ׳ן הימעל איז ניטאָ קיין טעלערלעך און צום הימעל איז צו הויך. נאָר אַז מע זאָל דאַרפֿען געהן למשל הונדערט מייל צופֿוס? אָדער אָפּגראָבען מיט די הענד אַ גאַנצען באַרג מיט ערד? אָדער אַראָפּלאָזען זיך נאָך נידעריגער און געהן צוליעב איהר קינד בעטלען, די האַנד אויסציהען, וויינען, אויסוויינען? — ווי מיינט איהר אַ שטייגער, וועט זי עפּעס לאַנג טראַכטען? אויב אַזוי, קענט איהר ניט שרה שפּירא! אַז דער דאָקטאָר האָט נאָר אַ זאָג געגעבען ו ו י י ן, גוטען וויין, „קייזער-וויין״, האָט שרה איבערגעגעבען צו איהר מאַן, אַז ער זאָל למה״ש די רגע קומען אין שפּיטאָל אַריין, מע דאַרף איהם זעהר נייטיג האָבען! און אַז דוד איז געקומען, האָט זי איהם אַרויסגערופֿען אויף אַ ווײַלע אין דרויסען אַרויס אויף אַ סוד, און דאָרט האָבען מאַן און ווייב עפּעס זעהר לאַנג און זעהר האַסטיג אויסגעשמועסט זיך. וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ שמועס — ווייסען מיר ניט — ס׳איז אַ סוד... נאָר דעמזעלבען טאָג איז געבראַכט געוואָרען אַ פֿלאַש וויין, פֿונ׳ם בעסטען סאָרט „קייזער-וויין״, און געבראַכט האָט דאָס די רייכע שוועגערין, טויבע פֿאַמיליאַנט אַליין, אין איהר אייגענעם פֿאַיעטאָן, מיט אַ טענה צו דער שוועגערין: פֿאַרוואָס זאָל זי האָבען אַ טבע, אַז זי דאַרף עפּעס האָבען, שיקט זי שליחים? פֿאַרוואָס זאָל זי איהר ניט זאָגען גלייך: „טויבעניו, איך דאַרף אַ פֿלעשעל וויין״. אָדער: „טויבעניו, איך דאַרף אַ סלאָי איינגע-מאַכטס!״ ווען האָט זי איהר דען אָפּגעזאָגט? ובפֿרט איצט, ביי אַ זאַך, וואָס איז פּקוח נפֿש? — האָט די פֿרומע נגידית אויסגעלאָזט מיט אַ לשון-קודש-וואָרט און צונויפגעשנירעוועט די ליפען מיט אַ צוקער-זיס שמייכעלע און געמאַכט בעת מעשה אַזאַ צדקנית׳דיגע פֿרומע מינע, אַז זי וואָלט דאַכט זיך געמעגט גאָר אָהן אַ שום איבערשלאָג געהן פֿון דאַנען אָטאָ גלייך אין גן-עדן אַריין.

דאָס אַנדערע פּנים, וואָס בעטי האָט דערזעהן און דערקענט, איז געווען דער דאָקטאָר. זייער „היימישער״ דאָקטאָר. וואו זשע איז דער טאַטע? און פֿאַרוואָס איז איהר נישט בעקענט דאָס חדר? וואו געפינט זי זיך? פֿאַרוואָס איז דאָ אַזוי ליכטיג?

— ששש!... — זאָגט איהר דער דאָקטאָר און לעגט אַרויף אַ פינגער אויפ׳ן מויל. — מע טאָר נאָך נישט רעדען. מע טאָר נאָך נישט טראַכטען פֿון קיין זאַך. מען דאַרף נאָר ליגען רוהיג און ווייטער נישט...

איהם איז גרינג צו זאָגען ליגען רוהיג, נישט רעדען, נישט טראַכטען, אַז איהר ווילט זיך אַזוי וויסען, וואו זי איז און וואָס מיט איהר איז ... אַז זי איז ניט אין דער היים — דאָס ועהט זי. אַז זי איז קראַנק — דאָס פיהלט זי. נאָר ווי קומט זי אַהער? ווי אַזוי און ווען איז דאָס געשעהן?... און זי מאַכט צו די אויגען און הויבט אָן צו דערמאַנען זיך, אַ שריט נאָך אַ שריט, אָן אַלעסדינג, וואָס מיט איהר האָט זיך אָפּגעטאָן, און ביסעלכווייז וואַכט אויף אין איהר זכרון, אַ מאָמענט נאָך אַ מאָמענט, אַלסדינג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. און ביסלעכווייז ווערט זי געוואוירע, וואו זי געפינט זיך. און וואָס ווייטער זעהט זי פאַר זיך אַלץ נייע בעקאַנטע פּנים׳ער. אָט איז שוין דער טאַטע אויך געקומען. מעהר נישט אַז אויף איין מינוט, וואָרום ער האָט דאָך קיין צייט ניט. ער איז דאָך אַ פּערקויפטע מענש... אָט איז אויך איהר ברודערל סיאָמקע געקומען צו פאָהרען מיט׳ן דאָקטאָר אויפ׳ן פּאַיעטאָנדעל! „אַ מחיה, זאָגט ער, צו פאָהרען מיט׳ן דאָקטאָר אויפ׳ן פאַיעטאָנדעל”, ער פאָהרט אָבער באַלד אַוועק צוריק, וואָרום דער דאָקטאָר קאָן נישט וואַרטען... און אַפילו די מוהמע טויבע מיט די טעכטער זענען געקומען געוואוירע ווערען, וואָס זי מאַכט, נאָר זיי זענען ניט געזעסען אַפילו קיין צוויי מינוט און מע האָט נישט געלאָזט זיי מיט איהר אַ וואָרט אַרויסרעדען אויסער: „וואָס מאַכסטו? ווי געהט עס דיר אין געזונד?...” אַלע, אַלע בעקענטע האָט זי שוין געזעהען, נאָר איינעם האָט זי נאָך נישט געזעהען, און דער איינער איז איהר אפשר נישט ווינציגער טייער, אויב ניט טייערער נאָך פון אַלע אַנדערע... און זי פערשטעהט ניט דעם שכל, פאַר וואָס אַלע יאָ, און ער ניט?... וואָס איז מיט איהם? ווענען פרעגט מען? ווי אַזוי פרעגט מען? און זי וואַרט, טאָמער וועט עמיצער דערמאַנען דעם נאָמען זיינעם? און זי קוקט אַלעמען אין די אויגען אַריין, טאָמער וועט זי עפּעס אַרויסזעהען? נאָר קיינער דערמאַנט ניט זיין נאָמען און פון קיינעמס אויגען איז ניט אַרויסצוזעהען קיין זאַך... ווי זשע איז דאָס מעגליך, אַז ער זאָל ניט זיין דאָ, נעבען איהר? אַז ע ר זאָל ווינציגער פון אַלע זיך אינטערעסירען מיט איהר קראַנקהייט?... שוין-זשע האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַוועקגעפאָהרען אַהיים? אָדער אפשר איז ער אויך קראַנק? ניין. וואָלט מען דאָך איהר געזאָגט. זי זעהט אָבער, אַז מע שווייגט אָפּ וועגען איהם, אַז קיינער דערמאָנט ניט דעם נאָמען זיינעם, גלייך ווי מע וואָלט זיך אָנגערעדט, גלייך ווי מע האָט

מורא זאָגען דעם אמת... וואָס-זשע קאָן דאָס זיין פאַר אַנ׳אמת?..
פערשטעהט זיך, אַז דאָס סאַמע ערגסטע שטעלט זיך איהר פאָר. עס שטעלט זיך איהר פאָר דאָס, וואָס זי קאָן נישט ברענגען פאַר׳ן מויל, וואָס זי האָט מורא אפילו צו נעהמען אויף די געדאַנקען...

נאָר אָט געהט דער דאָקטאָר, זייער „היימישער״ דאָקטאָר, אפשר וועט זי ביי איהם עפּעס קאָנען אַרויסבעקומען?

— נו? ווי אַזוי זענען מיר געשלאָפען? זאָגט דער דאָקטאָר, אָנגענומען די קראַנקע ביים דופק נאָר פון יוצא וועגען.

און ס׳געהט אַוועק אַ געוועהנליכער געשפּרעך וועגען טעמפּעראַטור, וועגען אַפּעטיט, וועגען וואָס פאַר אַ רפואה מע זאָל נעמען און וואָס פאַר אַ רפואה מע זאָל אַוועקשטעלען. נאָר די קראַנקע זעהט נאָכ׳ן דאָקטאָרס אויגען, אַז ניט די טעמפּעראַטור און ניט די רפואות זענען איצט מעהר וויכטיג. די טעמפּעראַטור איז נאָרמאַל און די רפואות זענען ניט מעהר נייטיג...

— מיר וועלען איין גיכען אָנהויבען טראַכטען וועגען אויסשרייבען זיך פון שפּיטאָל און איבערפאָהרען אַהיים, — זאָגט דער דאָקטאָר, וואָס האָט ליעב רעדען אויף לשון „מיר״, — און נישט גלייך אַהיים וועלען מיר אַריבערפאָהרען, נאָר אויף אַ דאַטשע. דאָרט וועלען מיר זיך גיך פעררילכטען און ווערען לייטענגלייך.

בעטין איז ניט זעהר אַנגענעהם, וואָס מע רעדט מיר איהר ווי מיט אַ קליין קינד, וועלכעס מע נאַרט אָפּ און מע פעררעדט דעם די צייהן. זי זעהט, זי פיהלט, אַז עס הענגט אויף איהר אַ סוד; אַז עפּעס קומט פאָר אַזעלכעס, וואָס זי דאַרף נישט וויסען, וואָס מע בעהאַלט פאַר איהר... די מוטער זעהט, אַז די טאָכטער איז ניט צופרידען, אַז די טאָכטער איז קאַפּריזנע, אוי קאַפּריזנע! און זי קריכט פון דער הויט אַרויס, וויל איהר מיט עפּעס פערגיליטען, פערגלעטען.

— ווייסטו, בעטי, ווער ס׳האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר? — רופט זיך אָן צו איהר די מוטער באַלד נאָכ׳ן דאָקטאָרס אַוועקגעהען, און האָט שוין חרטה, וואָרום זי זעהט, ווי בעטי איז מיט אַמאָל געוואָרען אַלערליי פאַרבען. דאָס גאַנצע ביסעל בלוט, וויפיעל זי האָט פערמאָגט, איז איהר אַריין אין פנים אַריין. ווער קאָן זיך נאָכפרעגען אויף איהר, אַז ניט „ער״?... נאָר זי וויל ניט אַרויסבעווייזען פאַר דער מוטער, אַז זי איז איבעררעשט, און פרעגט ביי איהר כלומרשט גאַנץ רוהיג: „ווער?״ נאָר שרה זעהט גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ מין

רוהיגקייט דאָס איז און זי פּערשעלט זיך דאָס געביין, למאַי זי האָט עס איהר געזאָגט, נישט אַנ'עצה געהאַלטען זיך פריהער מיט'ן דאָקטאָר, וואָס טאָמער ווערט ער געוואָהר, וועט זי האָבען פון איהם אַ גאָב — נו, נו! נאָר אָנגעהויבען—איז פאַרפאַלען. מוז מען ענדיגען.

— דו מיינסט אפשר, אַז איין מאָל נאָר איז ער דאָ געוועזן זיך נאָכפרעגען אויף דיר, וואָס דו מאַכסט, אָט דער שלימזל?

— וואָסער שלימזל? — פרעגט בעטי מיט אַנ'איינגעפאַלענער שטימע און קוקט אויף דער מוטער, וויל טרעפען נאָך איהר פּנים, ווער דאָס איז.

— אָט יענער ליטווישער בחור מיט'ן פּרישטשעוואַטען פּנים, — מאַכט שרה פּלומרשט מיט אַ שמייכעלע, — דו דאַרפסט איהם געדענקען, דעם איינ'בינדערס אַ שוואָגער... מיר האָבען זיך בעקענט מיט דעם דאָזיגען געזינדעל דעמאָלט, אין יענער גוטער נאַכט, חול-המועד-פּסח, אין דרויסען ביי דער באַהן, ניט היינט געדאַכט...

געננג שוין סימנים, זי ווייסט שוין, ווער דאָס איז. דאָס איז דער פינסקער בחור, זייער קוואַרטיראַנטס חבר... און זי האָט זיך אומזיסט דערפרייט. זי האָט געוואַרט דערהערען אַנ'אַנדער נאָמען... נאָר זי זאָל דאָס אַפילו איבערקעהרען די צונג, אַ וועהטיג איז דער מאַמען! זי זעהט דען ניט, אַז איהר טאָכטער הערט אַפילו ניט, וואָס זי רעדט צו איהר? זי ווייס דען ניט, פון וועמען איהר בעטי טראַכט אַצינד און וועמען זי זוכט מיט די אויגען?... אַ מאַמעס אויג זעהט, אַ מאַמעס האַרץ פיהלט. און וואָס טוט מען, טאָמער טוט זי פּלוצים אַ פרעג: „וואו איז דער קוואַרטיראַנט?" וואָס וועט זי איהר זאָגען, אַז אָך און וועה איז דער מאַמע? און ביז וואַנען וועט מען איהם פערשווייגען? נים היינט איז מאָרגען, נאָר זי וועט דאָך מוזען געוואוירע ווערען דעם גאַנצען אמת... איז איידער זי זאָל זיך עס דערוויסען פון אַנ'אַנדערען, איז שוין גלייכער, אַז זי, איהר אייגענע מאַמע, זאָל זיין דער שליח... נאָר וואָס-זשע דען? זי ווייסט נישט פון וואַנען אָנצוהויבען, פון וואָסער זייט אַריינצופאָהרען... זי האָט שוין געננג איבערגעטראַכט וועגען דעם, זינט די טאָכטער האָט אָנגעהויבען קומען צו זיך. זי האָט זיך שוין אַנ'עצה געהאַלטען מיט איהר דוד'ן און מיט זייער „היימישען" דאָקטאָר און מיט איהר שוועגערין טויבע פאַמיליאַנט, — און אַלע זאָגען זיי אין איין קול, אַז תיות ניט זיכער, מע טאָר איהר וועגען דעם אַ וואָרט ניט זאָגען! סיידען זי וועט אַליין פרעגען...

און אַפילו אַז זי וועט פרעגען, דאַרף מען איהר אויך אַזוי גיך ניט זאָגען דעם אמת. מע דאַרף זי פריהער אָפּנאַרען, זאָגען, אַז ער איז זיך דורכגעפאָהרען אַהיים צו גאַסט און קומט אין גיכען צוריק. נאָר שרה פערשטעהט בעסער פון זיי אַלעמען, אַז איהר טאָכטער בעדאַרף מען קיין „ליגינעס" ניט אויסטראַכטען, וואָרום ניט בעטין נאַרט מען אָפּ. און שרה ענטשליסט זיך, זי ווערט אויף אַ מינוט אַ דיפּלאָמאַט און הויבט אָן גאָר מן הצד:

— גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד, נאָר מיר דאַכט, אַז וואָס מע האָט מעהר געלד, איז מען מעהר דבר-אחר... צו וואָס נוצען די מיליאָנען, אַז מע האָט ניט אין זיך קיין קאַפּ רחמנות? איך שמועס טאַקי אַקעגען זיין מוהמע דער מיליאָנערשע שמועס איך...

בעטי פיהלט, אַז אָט נאָך אַ מינוט פאַלט איהר אַרויס דאָס האַרץ. נאָר זי וואַרט, וואָס וועט זיין ווייטער. שרה ווישט זיך אויס דאָס מויל און רעדט ווייטער:

— צו וואָס משטיינסגעזאָגט האַלט מען זיך מיט די מיליאָנען? איז דען דאָס לעבען נישט טייערער פון מיליאָנען? צי מע נעמט זיי מיט אויף יענער וועלט? צי וועלכע גוטע יאָהר?...

„יאָ, ער איז שוין נישטאָ" — פליהט דורך ביי בעטין אין קאָפּ אַ מחשבה און זי איז גרייט צו פאַלען חלשות. נאָר זי שטאַרקט זיך ווי ווייט מעגליך צו אויסהערען אַלסדינג ביז'ן סוף, ביז'ן סוף...

— איך ווייס? זאָגט ווייטער שרה. — ווען איך האָב אַ מיליאָן און מיט מיין יורש טרעפט זיך אַזאַ... אַזאַ בלבול, איז דאָס ערשע וואָלט איך געקומען צו פליהען אויפ'ן אַנדערען טאָג, און צווייטענס וואָלט איך געשאָטען מיט געלד. צעהן טויזענד איז צעהן טויזענד. פופציג טויזענד איז פופציג טויזענד. און איך וואָלט זיי די רגע אַרויסגענומען אויף ערבות... וואָס פאַר אַ ווערדע איז ביי אַזאַ זאַך פופציג טויזענד? און ווען אַפילו וועלען מיר זאָגען הונדערט טויזענד, איז עפּעס אַ תירוץ? ווי זאָגט די מוהמע טויבע: „פקוח נפש!"... מע נעמט אָ מענשען, וואָס גאָט די נשמה שולדיג, און מאַכט איהם פאַר אַ רוצח. אַ דושעגובעץ!...

בעטי פיהלט, ווי ס'איז איהר אַראָפּ טויזענד פוד פונ'ם האַרצען. „דאַנקען גאָט — ער לעבט!"... און עס קומט איהר ווידער אַריין די פאַרב אין פנים. און אין איין אויגענבליק האָט איהר קאָפּ אַרומגענומען אַלסדינג, וואָס דאָ טוט זיך, און זי וויל אַרויסציהען ביי דער מוטער וואָס מעהר ווערטער, און זי ווערט געוואָהר פון איהר אַלס-

און אַפילו אַז זי וועט פרעגען, דאַרף מען איהר אויך אַזוי גיך ניט זאָגען דעם אמת. מע דאַרף זי פריהער אָפּנאַרען, זאָגען, אַז ער איז זיך דורכגעפאָהרען אַהיים צו גאַסט און קומט אין גיכען צוריק. נאָר שרה פערשטעהט בעסער פון זיי אַלעמען, אַז איהר טאָכטער בעדאַרף מען קיין „ליגינעס” ניט אויסטראַכטען, וואָרום ניט בעטין נאַרט מען אָפּ. און שרה ענטשליסט זיך, זי ווערט אויף אַ מינוט אַ דיפּלאָמאַט און הויבט אָן גאָר מן הצד:

— גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד, נאָר מיר דאַכט, אַז וואָס מע האָט מעהר געלד, איז מען מעהר דבר-אחר... צו וואָס נוצען די מיליאָנען, אַז מע האָט ניט אין זיך קיין קאַפּ רחמנות? איך שמועס טאַקי אַקעגען זיין מוהמע דער מיליאָנערשע שמועס איך...

בעטי פיהלט, אַז אָט נאָך אַ מינוט פאַלט איהר אַרויס דאָס האַרץ. נאָר זי וואַרט, וואָס וועט זיין ווייטער. שרה ווישט זיך אויס דאָס מויל און רעדט ווייטער:

— צו וואָס משטיינסגעזאָגט האַלט מען זיך מיט די מיליאָנען? איז דען דאָס לעבען נישט טייערער פון מיליאָנען? צי מע נעמט זיי מיט אויף יענער וועלט? צי וועלכע גוטע יאָהר?...

„יאָ, ער איז שוין נישטאָ” — פליהט דורך ביי בעטין אין קאָפּ אַ מחשבה און זי איז גרייט צו פאַלען חלשות. נאָר זי שטאַרקט זיך ווי ווייט מעגליך צו אויסהערען אַלסדינג ביז׳ן סוף, ביז׳ן סוף...

— איך ווייס? זאָגט ווייטער שרה. — ווען איך האָב אַ מיליאָן און מיט מיין יורש-טרעפט זיך אַזאַ... אַ־אַ בלבול, איז דאָס ערשטע וואָלט איך געקומען צו פליהען אויפ׳ן אַנדערען טאָג, און צווייטענס וואָלט איך געשאָטען מיט געלד. צעהן טויזענד איז צעהן טויזענד. פופציג טויזענד איז פופציג טויזענד. און איך וואָלט זיי די רגע אַרויסגענומען אויף ערבות... וואָס פאַר אַ ווערדע איז ביי אַזאַ זאַך פופציג טויזענד? און ווען אַפילו וועלען מיר זאָגען הונדערט טויזענד, איז עפּעס אַ תירוץ? ווי זאָגט די מוהמע טויבע: „פקוח נפש!”... מע נעמט אַ מענשען, וואָס גאָט די נשמה שולדיג, און מאַכט איהם פאַר אַ רוצח, אַ דושעגובעץ!...

בעטי פיהלט, ווי ס׳איז איהר אַראָפּ טויזענד פוד פונ׳ם האַרצען. „דאַנקען גאָט — ער לעבט!”... און עס קומט איהר ווידער אַריין די פאַרב אין פנים. און אין איין אויגענבליק האָט איהר קאָפּ אַרומגענומען אַלסדינג, וואָס דאָ טוט זיך, און זי וויל אַרויסציהען ביי דער מוטער וואָס מעהר ווערטער, און זי ווערט געוואָהר פון איהר אַלס-

דינג, ביסלעכווייז געוועהנליך. און אָנשטאָט דעם זי זאָל ווערען אי-בערראַשט פון אַזאַ נייעס, ווי שרה האָט מורא געהאַט, האָט זיך בעטי גאָר צולאַכט — דאָס ערשטע מאָל פון זינט זי איז אויפגעשטאַנען פון איהר שלאַפקייט — און דאָס פּנים האָט געשיינט און די אויגען האָבען בעקומען זייער פריהעריגען פייער מיט זייער פריהעריגען גלאַנץ.

דער גליקליכער מאַמע מאָלט זיך אויס, אַז נישט איהר טאָכטער לאַכט — דאָס לאַכען אַלע גוטע מלאכים פון הימעל. דאָס לאַכט גאָט אַליין. „קיין עין-הרע! קיין גוט אויג! טפו-טפו-טפו!"... און זי רופט זיך אָן צו איהר:

— בעטי! דו לאַכסט? וואָס דען? ס'איז טאַקי ניטאָ כּ'לעבען ווער ס'זאָל לאַכען: ראַבינאָוויטש אַ רוצח! ראַבינאָוויטש אַ דושעגובעץ! חאַ-חאַ!

נאָר בעטי ענטפערט איהר נישט דערויף. בעטי טראַכט פון עפּעס אַנדערש: „ער לעבט! ער לעבט!" — טראַכט זיך איהר, און טויזענד גערטנער צובליהען זיך פאַר איהרע אויגען און טויזענדער פויגלען זינגען אויף קולי קולות: „ער לעבט! ער לעבט! ער לעבט!"...

ענדע ערשטע טייל.